STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02742

YIDISHE FOLKSMAYSES UN LEGENDES

S. Bastomski

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יידישע
פאָלקסמעשיות
און לעגענדעס

געזאַמלט פון ש. באַסטאָמסקי

ערשטער באַנד

לעגענדעס וועגן בעש"ט

פארלאג
„די נייע יידישע פאלקסשול"
ווילנע

1925

Legendy żydowskie

zebrane przez

S. Bastomskiego.

t. I.

1925.

Drukarnia F. Garbera, Wilno, Zawalna 25

הקדמה.

וואָס מער עס אַנטוויקלט זיך די מאָדערנע יידישע קולטור, אַלץ בולטער ווערט פאַר יעדן איינציקן, אַז דידאָזיקע קולטור האָט פאַרשפּעטיקט אויף שיינע עטלעכע צענדליק יאָר. גאַנצע קולטור-געביטן זיינען פאַר דער צייט פאַרלאָזט און פאַרוואָרלאָזט געוואָרן.

צו די פאַרלאָזענע קולטור-געביטן געהערט אויך די יידישע פאָלקסשאַפונג.

פאַראַן זאַכן, וואָס קענען אָפּגעלייגט ווערן, וואָס מע קען מיט דער צייט אויפשטעלן, ראַטעווען; פאַראַן אָבער זאַכן, וואָס אַז מע לאָזט דורך די נויטיקע צייט, קען מען דאָס שוין ניט דערכאַפּן, פאַרשפּעטיקט מען.

מיטן זאַמלען די מאַטעריאַלן פון דער יידישער פאָלקסשאַפונג האָט מען זייער פאַרשפּעטיקט.

„מיט יעדן יאָר, מיט יעדן טאָג גייען אונטער, פאַרשווינדן די טייערסטע פּערל פון דער פאָלקסשאַפונג; דער אַלטער דור, דער פאָרגייער פון דעם קולטור-איבערבראָך, שטאַרבט אויס און טראָגט אַוועק אין קבר אַריין די ירושה פון טויזנטיאָריקער פאָלקסשאַפונג”[1].

צי האָבן די יידישע מאַסן געשאַפן? וואָס פאַר אַ ווערט האָבן דידאָזיקע שאַפונגען?

„קיינער וועט ניט גיין נאָכפרעגן, אַז די עטנאָגראַפיע און בפרט דער פאָלקלאָר פון דעם אַלטן קולטור-פאָלק, וואָס האָט אין משך פון 2000 יאָר געוואָגלט צווישן אַ סך קולטור-פעלקער פון אַרישן שטאַם, דאַרף זיך אויסצייכענען מיט אַ גרויסער עשירות און פאַרשיידנאַרטיקייט און האָבן אַן אומגעהייערע געזעלשאַפטלעכע באַדייטונג”[2].

וואָס איז אָבער אויפגעהיט געוואָרן פון דער יידישער פאָלקסשאַפונג?

אויף דער פראַגע איז שווער צו ענטפערן. אין משך פון יאָרהונדערטן האָבן די יידישע מאַסן געוווינט אין פאַרשיידענע צענטרען פון מערב-אייראָפּע.

פון יענע צייטן איז כמעט ווי גאָרניט פאַרבליבן.

און אַפילו פון די שפּעטערדיקע צייטן, ווען די יידישע מאַסן האָבן זיך באַזעצט אין פוילן און אין רוסלאַנד—פון יענע צייטן דערגייען צו אונדז נאָר איינציקע, געציילטע אָפּקלאַנגען, זיינען אונדז פאַרבליבן בירושה דאָס רוב נאָר ברוכשטיקער.

און ס'איז אַזוי פאַרדראָסיק. ביז גאָר ניט לאַנג האָט מען נאָך פיל געקאָנט פאַרכאַפּן.

געווען אַ צייט, און זי איז נאָך גאָר ניט ווייט—מיט אַ יאָר 50-60 צוריק—ווען די יידישע מאַסן האָבן געפירט אַ לעבנסשטייגער, איינגעפונדעוועט פון הונדערטער יאָרן, געלעבט און געשאַפן... האָט דאַן די יידישע אינטעליגענץ געטראַכט וועגן זאַמלען די אוצרות פון דער יידישער פאָלקסשאַפונג? הגם די שכנים, די רוסן, האָבן זיך אין יענער צייט אַזוי ענערגיש גענומען צו דערדאָזיקער אַרבעט.

ביי דער יידישער אינטעליגענץ איז די פאָלקסשפּראַך געווען פאַרהאַסט, די פאָלקסשאַפונג—פאַראַכטעט.

מיר שטעלן זיך פאָר, ווי מע וואָלט אין יענע צייטן אָנגעקוקט אַזוינעם, וואָס וואָלט גענומען מאַכן אַ ווענז פון „באָבע”-מעשיות, „זאַבאַבאָנעס” א. ד. ג.

---

[1]) ש. אנ„סקי—די יידישע פאָלקסשאַפונג. [2]) ש. אנסקי.

דער ביטול פון דער יידישער אינטעליגענץ צו דער פאָלקספּראַך האָט גורם געווען דערצו, אַז גרויסע אוצרות פון דער פאָלקסשאַפונג זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען. דאָס איז שוין פאַרפאַלן. איצט איז ממש אַ געבאָט פון דער צייט—וואָס גיכער צונויפצוזאַמלען לכל הפּחות די רעשטן פון דער פאָלקסשאַפונג, וואָס לאָזן זיך נאָך ראַטעווען.

פון דער יידישער פאָלקסשאַפונג האָט אַממערסטן געליטן די פאָלקסמעשה. די שפּריכווערטער און פאָלקסווערטלעך ווערן איבערגעגעבן די קינפטיקע דורות צוזאַמען מיט דער לעבעדיקער פאָלקספּראַך. אויך צו דערהאַלטן אין זכרון די פאָלקסליד העלפן פיל מיט די נגונים. גיכער פאַר אַלע מינים פאָלקסשאַפונגען ווערן פאַרגעסן די פאָלקסמעשיות.

און ווער ווייס, ווי מיר וואָלטן איצט געהאַלטן מיט דער יידישער פאָלקסמעשה, ווען עס וואָלט ניט געשען קיין נס: פיל פון די פאָלקסמעשיות (ווי אויך פון אַנדערע צווייגן פון דער פאָלקסשאַפונג) זיינען אויפגעהיט געוואָרן אין די פאַרשיידענע מוסרספרים און ספורי־מעשיות צום לייענען פאַר ווייבער. ס'זיינען ניט געווען ביי אונדז, ווי ביי די אומות העולם, קיין וויסנשאַפטלעכע עקספּעדיציעס, וואָס גיבן זיך אָפּ ספּעציעל מיט דער זאַך, זוכן און זאַמלען, פאָרן אַרום און פאָרשטן אַויס די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך און נעמען אויף יעדע פאָלקס־מעשה, ווי אַן אבן טוב... ביי אונדז האָבן די וויכטיקע אַרבעט אויפגעטאָן פּשוטע בעל־דרשנס, גוטע יידן און אָפטמאָל סתם מוכרי־ספרים, וואָס האָבן אַפילו ניט געקאָנט אָנשרייבן ווי געהעריק אַ זאַץ. ס'פאַרשטייט זיך, אַז די אַרבעט איז געמאַכט געוואָרן ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין; עס איז אָבער קיין וואונדער ניט. אויסערדעם, וואָס די אַרויסגעבער זיינען געווען אומגעבילדעט, האָבן זיי נאָך געהאַט גאָר אַנדערע בליקן אויף דערדאָזיקער אַרבעט. זייער ציל איז געווען—איינפלאַנצן תורה פרומקייט, גלויבן אין השי״. זיי זיינען אויסן געווען ניט אַזוי די מעשה, ווי דעם מוסר השכל, אָן וועלכן עס לאָזט זיך כמעט קיין מעשה ניט אויס. אונדז אינטערעסירט די מעשה גופא—די אוממיטלבאַרקייט פון שאַפן, די רייכע פאָלקספאַנטאַזיע, דער נאַאיווער פאָלקסגלויבן, די לויטערקייט און קערנדיקייט פון דער פאָלקספּראַך.

ווי מיר זאָלן אָבער ניט קוקן אויף דער אַ בעט פון די פּרימיטיווע זאַמלער, מוזן מיר דאָך אָנערקענען די וויכטיקייט פון זייער אַרבעט פאַר דער יידישער עטנאָגראַפיע און פאָלקלאָר.

אין די פּירות פון דער אַלטער קולטור געפינען מיר אַזוי אַרום זוימען פון דער נייער און די באַדייטונג פון דער פאָלקסשאַפונג איז גאָרניט אָפּצושאַצן. און דאָ וועלן מיר ווידעראַמאָל ברענגען די מיינונג פון ש. אַנסקי, וועלכע עס טיילן די גרעסטע אַווטאָריטעטן: —,,נאָר דער אוצר פון דער פאָלקסשאַפונג קען אונדז געבן די אמתע פאָרשטעלונג וועגן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער און וועלטבאַנעמונג פון דעם יידישן פאָלק, וועגן זיינע קולטורעל־עטנאָגראַפישע, פּסיכישע און מאָראַלישע אייגנטימלעכקייטן".

ביי אונדז האָט מען אָנגעהויבן צו זאַמלען און צו שעצן די פּראָדוקטן פון דער יידישער פאָלקסשאַפונג גאָר ניט לאַנג. איצט זיינען שוין דאָ זאַמלונגען פון שפּריכווערטער, פאָלקסלידער אי א. מינים פאָלקסשאַפונגען. די זאַמלונגען זיינען אָבער געציילטע. קיין זאַמלונג פון פאָלקסמעשיות איז נאָך עד היום נישטאָ.

דער אינטערעס צו דער פאָלקסמעשה איז יאָ געווען. אייניקע פון די יידישע שריפטשטעלער האָבן די יידישע פאָלקסמעשיות פאַראַרבעט, סטיליזירט, גענומען פון

איר מאַטיוון און סיזשעטן. אָבער שוין צוזאַמען מיט די באַארבעטע איז עד היום פאַר־עפנטלעכט געוואָרן נאָר אַ קליינער טייל פון די יידישע פאָלקסמעשיות. הונדערטער זיינען נאָך גאָר ניט פאַרצייכנט אָדער צעזייט און צעשפּרייט איבער פאַר־שיידענע אַלטע יידישע ספרים, וואָס זיינען שוין איצט אַ יקר־המציאות. די זאַמלונג פון דער יידישער פאָלקסמעשה איז נאָך ווייט ניט פאַרענדיקט.

דער ציל פון אונדזער איצטיקער אַרבעט איז—צונויפזאַמלען אין איין אָרט, אויף וויפיל ס'וועט זיך נאָר לאָזן, אַ גרעסערע צאָל פון יידישע פאָלקסמעשיות און לעגענדעס. די זאַמלונגען זיינען געמאַכט געוואָרן סיי פון פאָלקסמויל, סיי פון פאַרשיידענע אַלטע ספרים און מעשה־ביכלעך.

דער אינהאַלט פון דער יידישער פאָלקסשאַפונג איז גאָר אַן אַנדערער, ווי ביי אַנדערע פעלקער. אין דער יידישער פאָלקסמעשה פעלט דער העראָישער מאָמענט, עס פעלן די מאָטיוון פון קאַמף אויפן באָדן פון מאַטעריעלער, פיזישער קראַפט.

דער הויפּט־מאָטיוו פון דעם גרעסטן טייל יידישע מעשיות איז די שטרעבונג פון דעם מענטשן צו גייסטיקער גבורה. די הויפּטהעלדן זיינען דעריבער צדיקים, גאונים, גוטע יידן, בעלי־מופסים.

מיר האָבן איינגעטיילט די געזאַמלטע פאָלקסמעשיות לויט העלדן און געשעענישן.

אין דעם ערשטן פאַרעפנטלעכטן באַנד קומען אַריין 169 מעשיות, וואָס זיינען פאַר־בונדן מיטן נאָמען פון דעם באַרימטן צדיק און בעל־מופת—דעם בעל־שם טוב (בעש"ט).

פיל פון די פאָלקסמעשיות זיינען אין פאַרשיידענע וואַריאַנטן פאַרבונדן מיט די נעמען פון פ אַ ר ש יי ד ע נ ע צדיקים. דאָס באַווייזט, אַז די אַלע מעשיות זיינען אייגנט־לעך געווען ביים פאָלק נאָך פון פריער און זיינען ערשט שפּעטער פאַרבונדן געוואָרן מיטן נאָמען פון דעם אָדער יענעם צדיק.

ביי דער פאַרטיילונג האָבן מיר זיך גערעכנט מיט דער מיינונג פון דער מערהייט קוועלן.

אַזוי ווי די לעגענדעס וועגן בעש"ט נעמען אַרום דאָס גאַנצע לעבן פונם צדיק, האָבן מיר זיי דעריבער פאַרטיילט אין אַ כראָנאָלאָגישן סדר. עס איז אָבער ניט קיין ביאָגראַפיע. געוויסע גרופּן לעגענדעס זיינען צונויפגענומען געוואָרן לויט די הויפּט־טעמעס, ווי, למשל, „נסים ונפלאות", מתנגדים און חסידים" א. א.

די געבראַכטע לעגענדעס דערציילן ניט נאָר וועגן בעש"טס לעבן, נאָר אויך וועגן דעם אַמאָליקן לעבנסשטייגער פון די יידן, זייערע באַציִונגען צו די אַרומיקע שכנים, די באַציִונגען פון די פּריצים, צו זיי, וועגן פאַר־שיידענע בלבולים, ווי עלילת דם א. א.; וועגן זייערע גלויבונגען און אָבערגלויבע־גישן אין נסים ונפלאות.

אַזוי אַרום גיבן אונדז די לעגענדעס—אַ קאָלאָסאַלן היסטאָריש־עטנאָגראַפישן מאַטעריאַל.

די אַלע לעגענדעס זיינען, ווי געזאָגט, צעזייט און צעשפּרייט איבער פאַרשיידענע ספרים און מעשה־ביכלעך, פון וועלכע אייניקע זיינען שוין איצט אַ יקר־המציאות.

עס איז אויסגעקומען די לעגענדעס אויסצוגעפינען, סיסטעמאַטיזירן, אָנרופן יעדערע מיטן פּאַסיקן נאָמען.

דער גרעסטער טייל פון די לעגענדעס איז גענומען פון דער ערשטער קוועלע: „קהל חסידים", „שבחי בעש"ט", „דברי צדיקים"—אַנאָנימע זאַמלונגען, אין וועלכע די לעגענ־דעס זיינען פאַרשריבן מיט דער עכטער פּרימיטיווקייט, אָן פּרעטענזיעס אויף ליטעראַרישקייט.

דידאַקטיקע לעגענדעס זיינען אין גרעסטן טייל איבערגעגעבן געוואָרן כמעט ווי ניט געריִרט—מיט זייער פּרימיטיוון פאָלקסטאָן, מיט אַלע זייערע פאָלקסטימלעכע

אויסדרוקן. עס איז נאָר געענדערט געוואָרן די אָרטאָגראַפיע, ס'זיינען פאַרריכט געוואָרן די גרייזן און פונאַנדערגעשטעלט געוואָרן די זאַץ־צייכנס, וועלכע פעלן אין די אָרי־גינאַלן לחלוטין, אַזוי, אַז עס טרעפט, אַז אַ מעשה פון 5—6 זייטן איז אויסגעזעצט אין איין גוס, אָן קיין שום אָפּשטעל און סימן.

ניט אַלע פאַרשרייבער גיבן איבער די מעשיות אויף איין שטייגער. אייניקע זיינען איינפאַך, פרימיטיוו, גיבן ניט צו קיין אייגן וואָרט. אַנדערע, פאַרקערט, פאַר־בראָקן די מעשיות מיט פסוקים, מליצות און משלים, פאַרוואַסערן און פאַרגרעבן זיי מיט אייגענע רייד. אין אַזוינע פאַלן איז אויסגעקומען אָפּצוטיילן דאָס איבעריקע, קלערער מאַכן דאָס פאַרגרייזטע, אויסטיילן די מעשה, פאַרגלייכן זי מיט וואַריאַנטן א. ד. ג.

אַ געוויסן טייל פון די לעגענדעס, וואָס ווערן געבראַכט אין אונדזער זאַמלונג, האָבן מיר גענומען אין דער איבערדערציילונג פון י. מזח[1]), פון די זאַמלונגען „דער בעל־שם טוב—מערקווירדיקע וווּנדער־מעשיות" און „ספורי צדיקים"[2]) און פון ש. צ. זעצער[3]) (ר' ישראל בעל־שם טוב, זיין לעבן, לעהרע און ווירקן). חוץ דעם זיינען נאָך אַריין אייניקע לעגענדעס איבערדערציילט פון ש. אַנסקי[4]), י. זאַנגוויל[5]) א. א. קיין קינסטלעריש באַאַרבעטע לעגענדעס האָבן מיר אין אונדזער זאַמלונג נישט אַריינ־גענומען. אונדזער ציל איז—זאַמלען רויען מאַטעריאַל. זאָלן נאָך אונדז קומען די קינסטלער און פאַרוואַנדלען, איבערדיכטן די רויע פרימיטיווע פאָלקסמעשיות אין פאָלקסטימלעכע געשיכטן.

ש. באַסטאָמסקי.

---

[1]) מזח, אליין א פאָלקסמענטש, האָט א סך געטאָן פאַר דער זאמלונג פון יידישע פאָלקסמעשיות. ער האָט אָבער פיל פון די מעשיות געוואָלט פאַרליטעראַרישן און צוליב דעם צוגעגעבן פיל אייגנס. דערפון האָבן די מעשיות שטאַרק געליטן. זיינע מעשיות איז אויסגעקומען אָפּצוקלייבן און צו קירצן.

אין דעם אינהאַלט ווערן זיינע מעשיות באַצייכנט מיט א יין שטערנדל (*)

[2]) אויפן שער־בלאַט פון דעם ערשטן ספר איז דער נאָמען פון מחבר פאַרביטן מיט א פסעוו־דאָנים „אייגער פון די חסידים". נאָר אייניקע הערות זיינען אונטערגעשריבן מיט מזחס באַוווּסטן פסעוודאָנים „שר של ים".

אויפן שער־בלאַט פון „ספורי צדיקים" איז גאָר קיין מחבר ניט אָנגעוויזן.

פון דער צווייטער זאמלונג האָבן מיר גענומען נאָר פיר לעגענדעס.

[3]) אין דעם אינהאַלט ווערן די לעגענדעס, איבערדערציילט פון ש. זעצער, באַצייכנט מיט צוויי שטערנדלעך (**).

[4]) פון דעם ווערק „חורבן גאַליציע". די קינסטלעריש־באַאַרבעטע לעגענדעס פון ש. אנסקי האָבן מיר אין אונדזערע זאמלונגען נישט אריינגענומען.

[5]) פון דעם בוך „בעל שם טוב". דאָס בוך איז אגב זייער א אינטערעסאַנטער פרווו צונויפצו־שטעלן די ביאָגראַפיע פון בעש"ט אויפן סמך פון לעגענדעס וועגן אים. פון דאָרט האָבן מיר ארויסגע־נומען נאָר עטלעכע לעגענדעס, וואָס מיר האָבן ניט באַאַרבעטערהייט אינערגעץ ניט געטראָפן.

דאָס געבורט פון בעש״ט. (ערשטע לעגענדע)

אין דער מדינה וואַלאַכיע האָט געוווינט אַ רב ר׳ אליעזר. זיינען געקומען טאָ־טערן, האָבן אים געפאַנגען און אַוועקגעפירט אין אַ ווייטער מדינה, ווו קיין יידן זיינען ניטאָ, און פאַרקויפט אים דאָרט צו אַ שר.

האָט ר׳ אליעזר נושא חן געווען ביי דעם שר, מחמת ער האָט אים אָרנטלעך געדינט. דער שר האָט אים געמאַכט שאַפן איבער זיין האָב און גוטס.

אין דעם טאָג פון שבת האָט דער רב גערוט. ער האָט וועגן דעם געבעטן דעם שר און דער שר האָט אים צוליב געטאָן.

איינמאָל האָט דער רב געוואָלט אַנטלויפן, איז מען אים געקומען צו חלום און געמאָלדן, אַז די צייט דערצו איז נאָך ניט געקומען.

עס האָט זיך געטראָפן, אַז דער שר האָט גערדאַרפט האָבן אַ טובה פון דעם יועץ, וואָס ביים שני למלך. האָט דער שר געגעבן דעם רב פאַר אַ מתנה צו דעם יועץ און געזאָגט אים, אַז דער רב איז אַ טייערער מאַן.

דער רב האָט ביי דעם יועץ אויך נושא חן געווען. דער יועץ האָט אים אָפּ־געגעבן אַ באַזונדער חדר צו וווינען און האָט אים ניט געגעבן קיין שום אַרבעט, נאָר, אַז דער יועץ פלעגט קומען פון דעם מלך, פלעגט דער רב אים אַנטקעגן טראָגן אַ בעקן וואַסער אָפּצוואַשן די פיס, ווי ס׳איז געווען דער מנהג פון אַלע גרויסע דוכסים.

און דער רב האָט צייט געהאַט צו דינען גאָט.

איינמאָל האָט דער מלך באַדאַרפט גיין אין אַ מלחמה. האָט ער געשיקט נאָך דעם יועץ, ער זאָל אים ראָטן, ווייל מ׳האָט באַדאַרפט גרויס חכמה צו דער מלחמה.

דער יועץ האָט ניט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן. איז דער מלך ברוגז געוואָרן, און דער יועץ איז אַהיים געגאַנגען מיט גרויס עגמת נפש.

אַז דער רב איז אים אַנטקעגן געקומען מיט דעם בעקן, האָט ער זיך ניט גע־וואָלט וואַשן. האָט אים דער רב געפרעגט: — וואָס ביסטו אַזוי טרויעריק?

דער שר האָט אים ניט געענטפערט. האָט אים דער רב נאָכאַמאָל געפרעגט. האָט אים דאַן דער שר דערציילט די גאַנצע מעשה.

זאָגט דער רב: — איך וועל גאָט בעטן, וועט ער מיר מודיע זיין די עצה.

האָט מען דעם רב מודיע געווען מן השמים און ער האָט דערציילט די עצה דעם יועץ.

איז דער יועץ געקומען צום מלך מיט שמחה און אים פירגעזאָגט, ווי אַזוי ער זאָל פירן די מלחמה.

איז דער מלך זייער פריילעך געוואָרן, נאָר ער האָט געזאָגט:

—דער שכל איז ניט פון אַ מענטשן, דו מוזט זיין אַ מכשף.

האָט דער יועץ דערציילט דעם מלך, אַז דער געקויפטער קנעכט האָט אים די עצה געגעבן.

איז דער רב חשוב געוואָרן ביי דעם מלך און ער האָט אים געמאַכט פאַר אַן עלטסטן.

איינמאָל האָט דער מלך געפירט אַ מלחמה אויפן ים און האָט באַדאַרפט נעמען אַ פעסטונג מיט זיינע שיפן. זאָגט דער מלך: — עס איז שוין שפעט, מאָרגן פרי וועלן מיר דאָס לאַנד איינבנעמען

דער רב איז אויך געווען אויף דער מלחמה, האָט מען מודיע געווען דעם רב מן השמים, אַז איגדערפרי' וועט שווער זיין די פעסטונג צו נעמען.

האָט ער אַן עצה געגעבן דעם מלך, מע זאָל גלייך שיקן אַ שיפל מיט חבי מיתה. — און זאָג זיי צו — האָט ער געראָטן דעם קיניג — אַז דו וועסט זיי שענקען דאָס לעבן, אויב זיי וועלן די פעסטונג איינגעמען, וואָרום זיי, וועלכע האָבן גאָרנישט וואָס צו פארלירן, זיינען די איינציקע, וואָס פאַסן זיך פאַר אַ פאַרלאָרענע האָפענונג. האָט מען אַזוי געטאָן און די פאַרמשפטע האָבן גענומען די פעסטונג.

נאָך דערדאָזיקער געשיכטע איז דער רב נאָך מער חשוב געוואָרן ביי דעם מלך.

איינגיכן איז דער שני למלך געשטאָרבן. דער מלך האָט דאַן געמאַכט דעם רב פאַר אַ שני למלך און אים געגעבן דעם שני למלכס טאָכטער פאַר אַ ווייב. אָבער דער רב האָט זי אפילו ניט אָנגערירט.

אַמאָל איז ער געזעסן מיט זיין ווייב ביים טיש, פרעגט זי אים:

— וואָס באַטייט דאָס, וואָס דו ביסט פון מיר אַזוי ווייט?

זאָגט ער צו איר:

— שווער מיר, אַז דו וועסט פאַר קיינעם ניט דאַכטן, וועל איך דיר זאָגן דעם אמת. האָט זי געשוואָרן.

האָט ער איר דערציילט, אַז ער איז אַ ייד.

האָט זי אים מיטגעגעבן אַ סך געלט און אַוועקגעשיקט שטילערהייט.

אינמיטן וועג האָט מען אים אָבער באַגזלט. איז געקומען צו אים אליהו הנביא און האָט אים געזאָגט:

— אין דעם זכות פון דעם גרויסן קדוש השם, וואָס דו ביסט באַגאַנגען, וועסטו האָבן אַ זון, וואָס וועט לייכטן אויף דער וועלט.

באַלד איז דער רב געקומען צו זיין פרוי און זי האָט צו מזל געהאַט אַ זון. דער רב און זיין ווייב זיינען אַלט געווען צו הונדערט יאָר. דער זון איז געווען הרב הקדוש ר' ישראל בעש"ט זכותו יגן עלינו.

דאָס געבורט פון בעש"ט. (צווייטע לעגענדע)

ר' אליעזר און זיין פרוי האָבן אין אַ דאָרף געלעבט. פון די אַלע מצוות האָט ער אַממערסטן די מצוה פון הכנסת-אורחים מקיים געווען. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט אויף די וועגן לעבן דאָרף שומרים געשטעלט און זיי אָנגעזאָגט, אַז יעדן אייגעם, וואָס זיי וועלן זען דורכפאָרן, זאָלן זיי ניט לאָזן פאָרן ווייטער און אים באַלד צו אים אין הויז ברענגען.

און די ערשטע זאַך, וואָס ר' אליעזר פלעגט טאָן באַלד ווי אַן אורח פלעגט צו אים קומען, איז געווען — אַ שיינע נדבה אים צו דערלאַנגען, כדי עס זאָל אים דאָס עסן גאָר ווויל באַקומען.

ויהי היום איז אַ גרויסער עת רצון אין הימל געווען. פמליא של מעלה איז זיך אין „זיבעטן הימל" געזעסן און האָט זיך דאָרטן געמיטלעך פאַרבראַכט.

דער רבונו של עולם האָט מיט דער הילף פון זיינע אַרויסהעלפערס באַטראַכט די גרויסע נשמות, וואָס האָבן זיך אין יענעם יאָר געפונען.

האָט מען יעדע איינציקע נשמה בשבע בדיקות בודק געווען. יעדן איינעם אויף אַ טעלערל צעלייגט. „כביכול" איז אָבער ניט צופרידן געבליבן. ניטאָ די ריכ־טיקע שטאָף.

גרויסע נשמות זיינען געווען אַ סך. עס האָט אָבער די גאָר גרויסע געפעלט.

האָט ער באַשלאָסן מזכה זיין דעם דור מיט איינער פון די גרעסטע נשמות, וואָס זיינען ווען אויף דער וועלט געווען, מיט אַ נשמה, וואָס קיין איינער פון די פיל לעצטע דורות האָט פאַרמאָגט אַזעלכע. מיט איינעם וואָרט — מהודר שבמהודר, תפארת שבתפארת.

ער האָט באַשלאָסן אויף דער וועלט אַראָפּצושיקן איינע פון אָט יענע געציילטע נשמות, וואָס האָבן זיך אָפּגעטראָגן נאָך פאַר דעם „חטא" פון עץ־הדעת און האָבן כלל פון עץ־הדעת ניט טועם געווען.

און נאַטירלעך באַדאַרף אַזאַ גרויסער „זכות" נתגלגל ווערן דורך דעם גרעסטן זכאי פון דור.

האָט די גאַנצע פמליא של מעלה מסכים געווען, אַז דער ערלעכסטער און כשרסטער ייד פון דור איז ר' אליעזר.

מע מוז אים אָבער נאָך פריער אויספּרוּוון.

מיט דעם אָנטרויען פון אַזאַ טייערן אוצר מוז מען זייער פאָרזיכטיק זיין.

דערביי נאָך האָט אויף דער ס"מ אַ ביסל צוגעאַרבעט. ער האָט געוווּסט, אַז עס וועט זיך צו זיין קאָפּ אויסלאָזן.

ער האָט געוווּסט, אַז די נשמה, וואָס וועט אויף דער וועלט אַראָפּקומען, וועט ברעכן די ממשלה זיינע.

דערווייל איז געוואָרן אַ קאָנקורענץ צווישן „בעל דבר" און צווישן אליהו הנביא. יעדער איינער האָט געוואָלט דער שליח זיין. ענדלעך האָט אָבער דער בעל דבר אויסגעפירט.

— דו ביסט צופיל סניגור — האָט כביכול צו אליהון געזאָגט, — צופיל מליץ יושר אויף יידן, איך זאָל דיר דידאָזיקע שליחות קענען פאַרטרויען. זאָל ער גיין. ער וועט שוין ריכטיק זיין אַרבעט אָפּטאָן.

האָט זיך דער בעל דבר פאַר אַן אָרעמאַן פאַרשטעלט און איז אָנגעקומען צו ר' אליעזרן אין הויז מיט זיין טאָרבע און שטעקן.

און ווי אויף צו רייצן זיך מיט אים האָט ער אים נאָך אַ ברייטן „גוט שבת" אָפּגעגעבן

ר' אליעזרן האָט זייער ווייט געטאָן דאָס האַרץ, צוזעענדיק דעם חלול שבת. בפרהסיא, וואָס אַ ייד באַגייט. ער האָט אים אָבער ניט געוואָלט מבייש זיין. האָט ער זיך ביז ווייסנאַכט געמאַכט און אים מיט גרויס כבוד ביים שלוש סעודות און ביי דער מלוה מלכה באַדינט.

אויף מאָרגן, זונטאָג אינדערפרי, ווען דער בעל דבר האָט זיך געזעגנט מיט אים, האָט אים ר' אליעזר אַ פיינע נדבה געגעבן און האָט אים אפילו מיט דעם מינ־דעסטן וואָרט ניט דערמאָנט וועגן דעם חלול שבת, וואָס ער איז באַגאַנגען.

מיט טרערן אין די אויגן פאַר גרויס פאַרדרוס, וואָס ער האָט זיין האָפענונג פאַרלוירן אָפּצוהאַלטן דאָס קומען פון דער נייער נשמה אויף דער וועלט, האָט זיך

דער שטן צוריקגעקערט אין הימל און אויך ער אליין האָט געמוזט זיין הסכמה געבן, אַז ר׳ אליעזר זאָל מיט אַ זון געבענטשט ווערן, וואָס זאָל די אויגן פון כל ישראל באַלייכטן.

און אין דעמזעלבן יאָר איז דער בעש״ט געבאָרן געוואָרן. און אין זכות פון זיין גרויסער נשמה, וואָס איז אויף דער וועלט אַראָפּגעקומען, זיינען די אַלע נשמות, וואָס האָבן זיך אין אָט יענעם דור געפונען, זייער פון אַ הויכער מדרגה געווען.

דעם בעש״טס קינדעריאָרן.

פאַרן טויט האָט הרב ר׳ אליעזר (דעם בעש״טס פאָטער) גענומען דעם זון אויף די הענט און געזאָגט צו אים: — כאָטש איך בין דיך ניט זוכה מגדל צו זיין, אָבער דו זאָלסט געדענקען, אַז גאָט וועט זיין מיט דיר, דו זאָלסט זיך דעריבער פאַר קיין שום זאַך ניט שרעקן.

*

אַז דער רב איז נפטר געוואָרן, האָבן די שטאָטלייט געדונגען פאַר זיין זון אַ מלמד צו לערנען מיט אים. דער בעש״ט פלעגט אָבער אַנטלויפן פון מלמד אין וואַלד אַריין. האָט מען שוין אויף אים מער נישט אכטונג געגעבן. און קיינער האָט ניט געוווּסט, אַז די מלאכים פון הימל האָבן געלערנט מיט אים.

אַז ער איז אונטערגעוואַקסן איז ער געוואָרן אַ באַהעלפער און פלעגט פירן די קינדער אין שול אַריין מיט גרויס געזאַנג. ער פלעגט אויך זאָגן מיט די קינדער „אמן״, „יהא שמיה רבה״ מיט געזאַנג. און דערביי פלעגט דאָס קול זיינס גיין ביז אונ- טערן הימל. גאָט ב״ה האָט דערפון גרויס הנאה געהאַט, גלייך ווי די לוים וואָלטן געזונגען אין ביהמ״ק דעם שיר. עס פלעגט דאַן זיין אַן עת רצון אין הימל.

דעם שטן איז די מעשה ניט געפעלן געוואָרן. האָט ער אויפגעשטעלט אַ מכשף ער זאָל מבטל זיין דעם בעש״ט פון גאָטס דינסט. האָט זיך דער מכשף פאַרשטעלט פאַר אַ חיה, וואָס הייסט וואָלקילאַק, און בשעת דער בעש״ט פלעגט גיין מיט די קינדער אין שול אַריין, פלעגט דער וואָלקילאַק איבערשרעקן די קינדער. פאַר פּחד זיינען אַ טייל קינדער קראַנק געוואָרן. די באַלעבאַטים האָבן מורא געקראָגן און ניט געוואָלט לאָזן די קינדער גיין אין שול אַריין.

האָט זיך דער בעש״ט דערמאָנט, אַז זיין פאָטער האָט אים אָנגעזאָגט, ער זאָל פאַר קיינעם קיין מורא ניט האָבן, איז ער געגאַנגען צו די באַלעבאַטים און האָט זיי איינגערעדט, זיי זאָלן זיך ניט שרעקן. האָבן זיי אים ווידער געגעבן די קינדער.

און ווי ער האָט געפירט די קינדער, איז געקומען דער וואָלקילאַק. האָט דער בעש״ט געכאַפּט דעם שטעקן און האָט די חיה טויט געשלאָגן.

אינדערפרי האָט מען געפונען דעם מכשף ליגן טויט.

*

שפּעטער איז דער בעש״ט געווען אַ שומר אין בית המדרש. האָט ער זיך געפירט מיט אַזאַ סדר: בשעת דער עולם האָט געלערנט, פלעגט ער שלאָפן און בשעת אַלע פלעגן שלאָפן פלעגט ער לערנען. דער עולם האָט דעריבער געמיינט, אַז ער שלאָפט אַלץ.

דער בעל שם ר׳ אדם גיט איבער ר׳ ישראל בעש״ט די סודות התורה.

עס איז געווען אַ בע״ש ר׳ אָדם, וואָס האָט געפונען אין אַ הייל כתבים פון סודות התורה. ער איז געווען אַ גרויסער עני, האָט געוווינט אין אַ קליין שטיבל

און איז פאַר גרויס אָרעמקייט שטענדיק געגאַנגען צעריסן און נאַקעט.

אַמאָל האָט זיין ווייב צו אים געזאָגט: — אין וואָס וועל איך גיין אין שול אַריין?

האָט ער געענטפערט: — גיי אין קאַמער אַריין און נעם דיר וואָס פאַר אַ מלבוש דו ווילסט, נאָר אַז דו וועסט אַהיים קומען, זאָלסטו אים צוריק לייגן.

האָט זי אַזוי געטאָן.

איטלעכן טאָג פלעגט זי גיין אין שול אַריין אין אַן אַנדער מלבוש.

איז דעם עולם אַ וווּנדער געווען: ווי קומט צו אַ קבצן אַזעלכע מלבושים? האָט מען געפרעגט זיין ווייב. האָט זי אויסגעזאָגט דעם סוד. איז די זאַך אָנגעקומען צום קייסער. דער קייסער האָט די זאַך חוקר געווען און האָט דערזען, אַז ס׳איז אמת. ר׳ אָדם איז דאַן ביים קיניג זייער חשוב געוואָרן. דאָך איז ער פאַרבליבן אַן אָרעמאַן ווי פריער.

ביים קייסער איז געווען אַ שר, וואָס האָט פיינט געהאַט יידן. האָט אים פאַר־דראָסן, אַ ייד זאָל חשוב זיין. האָט עס אים געקרענקט.

דערווייל האָט ר׳ אָדם געזאָגט צום קייסער: — איך וויל פאַר דיר מאַכן אַ מאָלצייט.

איז דער שר נאָך מער צאָרנדיק געוואָרן. אָבער דער קייסער האָט געזאָגט: ער וועט גיין אויפן מאָלצייט! און ווי עס איז געקומען די צייט, איז דער קייסער געפאָרן אויפן מאָלצייט מיט זיינע כל שרי מלוכה. און דעם שונא ישראל האָט ער אויך מיטגענומען. דער שונא ישראל האָט אַלץ אָנגערעדט דעם קייסער, ער זאָל זיך אומקערן.

— וועסט זען — האָט ער געזאָגט — מיר וועלן פאַרשעמט ווערן. ווי קאָן דאָס זיין, אַז אַן עני זאָל מאַכן אַ מאָלצייט פאַר אַ קייסער מיט כל שרי מלוכה?

אָבער דער קייסער האָט אים ניט געוואָלט פאָלגן. אַז ס׳איז געקומען נאָענט פון דער שטאָט, האָט ער געשיקט שלוחים זען, אויב עס זיינען דאָ חדרים פון זייט־וועגן און פון זיינע לייטס וועגן און אויב מע ריכט זיך פון זיינטוועגן.

זיינען די שלוחים געקומען צוריק און זאָגן: — מע זעט ניט קיין חדר, ניט קיין מאָלצייט. עס איז מער ניטאָ נאָר אַ קליין שטיבל.

דער קייסער פאַרט אָבער ווייטער. ער טראַכט זיך: מן הסתם וועט ער ווייזן גרויסע ווונדער.

און עס איז טאַקע אַ ווונדער געשען. די מעשה איז אַזוי געווען: אין אַ מדינה האָט איין מלך געמאַכט אַ מאָלצייט פאַר אַ צווייטן און דערצו געבויט פאַלאַצן צוויי יאָר דורכאַנאַנד. צו דער סעודה האָט ער אָנגעגרייט כל המאכלים און קאָרדענצן, זילבערנע און גילדערנע און פיל משרתים.

אַז ס׳איז געקומען די צייט, וואָס ר׳ אדם האָט אָפגעשטעלט מיטן קייסער, זיינען אויסגעריסן געוואָרן אָט דידאָזיקע פאַלאַצן מיט די משרתים מיט די קאָרדענצן און זיי זיינען געקומען צו ר׳ אָדם.

אַז דער קייסער איז געקומען אין שטאָט אַריין, האָט ער געפונען אַ פאַלאַץ מיט אַלערליי פאַרגעניגנס. ער איז אַריינגעפאָרן אין דעם שלאָס. די קנעכט האָבן אים צוגענומען מיט אַלע זיינע שרים און באַדינט זיי מיט גרויס כבוד.

ר׳ אָדם אַליין איז אַרומגעגאַנגען איבער די פאַלאַצן און האָט געזאָגט: — עסט און טרינקט, נאָר קיינער זאָל קיין זאַך ניט רירן.

דערנאָך האָט ער זיי געוויזן אַ מופת. ער האָט געזאָגט: — לאָז איטלעכער

אַריינטאָן זיין האַנט אין זיין קעשענע אַריין, וועט ער אַרויסנעמען, וואָס זיין האַרץ וועט גלוסטן.

האָט דער קייסער אַזוי געטאָן און ער האָט אַרויסגענומען, וואָס ער האָט פאַר־לאַנגט. און כל שרי מלכות האָבן אויך אַזוי געטאָן און האָבן אויך אַרויסגענומען, וואָס זיי האָבן פאַרלאַנגט. נאָר דער שונא ישראל האָט אַרויסגענומען שמוץ. האָט מען אים אַרויסגעוואָרפן פון פאַלאַץ.

מיט זיך האָט קיינער גאָרנישט גענומען, נאָר דער קייסער האָט באַהאַלטן צוויי גילדערנע בעכערס.

*

אינגיכן איז באַוווּסט געוואָרן אין דער גאַנצער געגנט אַרום די געשיכטע וועגן דעם פאַרשוווּנדענעם פאַלאַץ, וואָס אַ מלך האָט געבויט מיט גרויסע חדושים צוויי יאָר. דער מלך האָט דאָרט געמאַכט אַ מאַלצייט פאַר אַ צווייטן. פּלוצלונג איז דער גאַנצער פאַלאַץ אויסגעריסן געוואָרן מיט אַלץ מיטאַנאַנדער. אין עטלעכע טעג אַרום איז דער פאַלאַץ צוריקגעקומען מיט אַלעמען, נאָר צוויי בעכערס האָבן געפעלט.

דאַן האָט דער קייסער, וואָס איז געווען ביי ר' אָדמען צו גאַסט, צווישן גע־געבן דעם מלך, וואָס האָט געבויט דעם פאַלאַץ, אַז דאָס אַלץ האָט געמאַכט אַ ייד, וואָס וווינט ביי אים אין דער מדינה. און אַלס אַ סימן דערויף האָט ער געוויזן די צוויי בעכערס, וואָס ער האָט באַהאַלטן.

ר' אָדמס זון דערקענט דעם בעש"ט.

ר' אָדם בעש"ש האָט געהאַט אַ זון. פאַרן טויט האָט ער געלאָזט דעם זון אַזאַ צוואה: — זאָלסט וויסן זיין, איך לאָז דיר איבער זייער טייערע כתבים. דו ביסט ניט ראוי צו זיי, בכן זאָלסטו נאָכפרעגן נאָך די שטאָט אָקופּ, דאָרטן וועסטו געפינען איינעם, ישראל, וואָס ער איז אַלט פערציק יאָר. אים זאָלסטו מוסר זיין די כתבים. אויב דו וועסט זוכה זיין, וועט ער לערנען מיט דיר, און ס'וועט זיין אַזוי וויל צו דיר.

נאָך דער פטירה פון ר' אָדם איז דער זון געפאָרן צו דער שטאָט אָקופּ און איז דאָרט איינגעשטאַנען ביי דעם פרנס חודש.

האָט אים דער פרנס חודש געפרעגט: — וואָס טוט איר דאָ?

האָט ער געזאָגט: — מיין פאָטער האָט מיר אַ צוואה געלאָזט, איך זאָל נעמען אַ ווייב פון דער שטאָט.

האָט מען אים אָנגעהויבן צו ריידן שידוכים, און ער האָט גענומען פאַר אַ ווייב אַן עושרס אַ טאָכטער. נאָך דער חתונה האָט ער אָנגעהייבן צו זוכן דעם ישראל.

אַמאָל האָט ער באַמערקט, אַז דער שמש פון ביה"מ איז אַ מאָדנער. האָט ער אָנגעהויבן צו קוקן אויף אים מיט גרויס פאַרשטאַנד, און ס'האָט זיך אים גענומען דאַכטן, אַז דאָס איז ישראל. האָט ער געבעטן זיין שווער, ער זאָל אים מאַכן אַ מחיצה אין ביה"מ, ער זאָל קענען באַזונדער לערנען. דער שווער האָט אַזוי געטאָן און האָט געדונגען ישראלן, ער זאָל זיין איידעם באַדינען.

אַז ר׳ אַדמס זון פלעגט אַנטשלאָפן ווערן, פלעגט ר׳ ישראל אויפשטיין, זיך עוסק זיין אין תורה און אין תפילה, אַזוי ווי זיין סדר פלעגט זיין.

איינמאָל האָט ר׳ אַדמס זון גענומען אַ קונטרס פון זיינע כּתבים און אַנידער־געלייגט לעבן דעם שלאָפעדיקן ר׳ ישראלן. ווי ר׳ ישראל איז אויפגעשטאַנען און האָט דערזען דעם קונטרס, איז ער דערציטערט געוואָרן און האָט אים באַהאַלטן.

דעם אַנדער טאָג האָט ר׳ אַדמס זון אונטערגעוואָרפן נאָך אַ קונטרס. ר׳ ישראל האָט דאָס ווידער באַהאַלטן.

ר׳ אַדמס זון האָט דאַן פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער ישראל, וואָס זיין פאָטער האָט אים געזאָגט. האָט ער צוגערופן ר׳ ישראלן און צו אים געזאָגט:

—זאָלסט וויסן, אַז מיין פאָטער האָט מיר איבערגעלאָזט כּתבים, אַז איך זאָל זיי דיר מוסר זיין, נאָר באופן דו זאָלסט מיט מיר לערנען.

האָט ר׳ ישראל געענטפערט—יאָ, נאָר קיינער זאָל דערפון ניט וויסן, בּייערט איך זאָל ביי דיר בלייבן אַ משרת ווי פריער.

דערנאָך האָט ר׳ אַדמס זון געבעטן זיין שווער, ער זאָל אים מאַכן אַ חדר חוץ דער שטאָט, כּדי ער זאָל זיין אָפּגעשיידט פון מענטשן. האָט ער אַזוי געטאָן.

פלעגט קיינער צו אים ניט קומען, נאָר ר׳ ישראל אַליין.

ווי דער עולם האָט דערזען, ווי דער בן הרב איז מקרב דעם ישראל, האָבן זיי געזאָגט: — דאָס איז אַ גרויסער זכות, וואָס בן הרב איז אַהער געקומען.

און די צוויי זיינען געזעסן חוץ דער שטאָט און האָבן געלערנט גמרא און פוסקים און הלכות און קבלה.

דער בעש״ט ברענגט אַראָפּ דעם שר של תורה.

אַמאָל האָט בן הרב געבעטן ר׳ ישראלן, ער זאָל אַראָפּברענגען דעם שר של תורה, ער זאָל מיט זיי לערנען. האָט ר׳ ישראל אים מדחה געווען. ער האָט אים געזאָגט: — עס איז אַ סכנה, טאָמער וועלן מיר זיך טועה זיין אין כּוונה.

דער בן הרב האָט אים אָבער שטאַרק געבעטן. האָבן זיי געפּאַסט משבת לשבת, האָבן זיך מטהר געווען און במוצאי שבת האָבן זיי מכוון געווען. מיטאַמאָל האָט ר׳ ישראל אַ געשריי געטאָן: אוי וויי, מיר האָבן זיך טועה געווען, דער שר של אש קומט אַראָפּ, ער וועט פאַרברענען די שטאָט אין פייער! לויף גיך, זע, אַז די שטאָט־לייט זאָלן זיך אויסראַטעווען!

איז ער געלאָפן און האָט זיי געזאָגט. איז ער חשוב געוואָרן אין שטאָט פאַר אַ איש מופת, וואָרום ווען ניט ער, וואָלטן זיי קיין זאַך ניט אַרויסגעראַטעוועט.

אין אַ צייט אַרום האָט בן הרב ווידער געבעטן דעם ר׳ ישראל, ער זאָל אַראָפּ־ברענגען דעם שר של תורה. דער בעש״ט האָט ניט געוואָלט, נאָך דער בן הרב האָט אים אַזוי לאַנג געבעטן, ביז ער האָט ווידער געטאָן כּוונת.

האָט דער בעש״ט געזאָגט: — זאָלסט וויסן, עס איז נגזר געוואָרן מיתה אויף אונדז, נאָר אַז מיר וועלן אַ גאַנצע נאַכט שלאָפן, וועלן מיר בלייבן לעבן.

האָבן זיי אַזוי געטאָן.

נאָענט צו טאָג איז בן הרב אַנטשלאָפן געוואָרן און איז תיכף געשטאָרבן.

איז דער בעש"ט געלאָפן און האָט געשריען, אַז בן הרב חלשט. מע האָט אים שוין אָבער ניט געקאָנט דערמינטערן.

די פאַרבאָרגענע תנאים.

אַ געוויסע צייט האָט זיך דער בעש"ט באַזעצט לעבן בראָד און איז דאָרטן געוואָרן אַ מלמד. ער איז זייער חשוב געוואָרן און מע פלעגט פאַר אים כל המשפטים ברענגען. קיינער איז אויף אים ניט ברוגז געווען, אפילו די, וועמען ער האָט מחיב געווען, מחמת מיט זיין חכמה האָט ער איטלעכן צו פאַרשטיין געגעבן זיין טעות.

אין בראָד איז געווען הרב ר' גרשון קוטאָווער, אַ ראש ב"ד. איינמאָל האָט ר' גרשון קוטאָווערס פאָטער ר' אברהם געהאַט אַ משפט מיט איינעם פון דעם בעש"טס שכנים. רעדט ער מיטן בעל דין מכח אַ דין תורה.

זאָגט דער ייד צו ר' אברהמען: — דאָ איז פאַראַן אַ מלמד א מופלג, לאָמיר גיין צו אים זיך לאָדן. און אַז ער וועט אייך ניט געפעלן, וועלן מיר פאָרן קיין בראָד. זיינען זיי געגאַנגען צום מלמד.

ווי זיי זיינען געקומען, האָט דער בעש"ט געזען ברוח הקדש, אַז ר' אברהמס טאָכטער דאַרף זיין זיין ווייב. האָט ער אַ שאַרפן פשט געזאָגט אין רמב"ם. איז ער ר' אברהמען זייער געפעלן געוואָרן.

דערנאָך האָט ער אים ווידער געזאָגט אַ פשט, ביז ער איז זייער חשוב געוואָרן ביי ר' אברהמען. נאָכדעם האָט מען זיך געלאָדן פאַרן בעש"ט. דער בעש"ט איז אברהמען זייער געפעלן געוואָרן און ער האָט אים ליב געקראָגן.

דערנאָך איז ער געוואָר געוואָרן, אַז דער בעש"ט איז אַן אלמן. הרב ר' אברהם האָט געהאַט אַ טאָכטער, אַ גרושה. איז ער געקומען צום בעש"ט און זאָגט: — טאָמער וועט איר בעמען מיין טאָכטער?

ענטפערט אים דער בעש"ט: — עס איז רעכט, נאָר קיינער טאָר דערפון ניט וויסן, וואָרום כמה נגידים ווילן מיט מיר אַ שידוך טאָן, זיי האָבן מיר טובות געטאָן, דרום קען איך גיט מעיז זיין צו טאָן עפנטלעך אַן אַנדער שידוך. לאָמיר שרייבן תנאים בסתר און בתנאי איר זאָלט שרייבן אין די תנאים נאָר שמי ישראל בן אליעזר און מער גאָר ניט.

האָט ער אים געפאָלגט און זיי האָבן בסתר תנאים געשריבן.

הרב ר' אברהם איז אַוועקגעפאָרן. אין וועג איז ער שלאַף געוואָרן און איז גפטר געוואָרן. האָט מען מודיע געווען הרב ר' גרשון זיין זון. איז ער געקומען מספיד זיין דעם פאָטער.

צווישן די כתבים פון זיין פאָטער האָט ער אויך געפונען די תנאים. איז אים דערווידער געווען, ער זאָל אַ שידוך טאָן מיט אַזאַ, וואָס איז ניט קיין בר תורה, מע וויים ניט, פון וואָס פאַר אַ משפחה ער איז. האָט ער דערציילט זיין שוועסטער. האָט זי געזאָגט: — וואָס אונדזער פאָטער האָט געטאָן איז בודאי רעכט.

אין אַ צייט אַרום האָט דער בעשט געזאָגט צו די באַלעבאַטים, אַז ער דאַרף אַוועקפאָרן. די באַלעבאַטים האָבן אים געבעטן, ער זאָל ווייטער לערנען מיט די קינדער, זיי וועלן אים דערפאַר גוט באַצאָלן. ער האָט אָבער ניט געוואָלט בלייבן

און איז אוועקגעפאָרן. ווי ער איז אָבער געקומען נאָענט צו דער שטאָט, האָט ער זיך אָנגעטאָן אין אַ קורצן פעלצל, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ ברייטן גאַרטל און אַזוי איז ער געקומען צו הרב ר׳ גרשון. אַריינגעקומען איז ער געבליבן שטיין ביי דער טיר. ר׳ גרשון האָט געמיינט, אז דאָס איז אַן עני, גיט ער אים אַ פרוטה.

זאָגט ר׳ ישראל: „איך דאַרף מיט אייך ריידן אַ סוד". איז ער געגאַנגען מיט אים אין אַ חדר און געוויזן אים די תנאים און געזאָגט: — גיט מיר מיין ווייב.

ר׳ גרשון איז געוואָרן דערשראָקן. — וואָס האָט דער פאָטער געטאָן?—האָט ער געטראַכט. ער האָט אַריינגערופן די שוועסטער און דערציילט איר. האָט זי געענטפערט: — וואָס אונדזער פאָטער האָט געטאָן, איז בודאי רעכט. עס קענען פון אים אַרויסקומען גוטע קינדער.

און מע האָט אָפּגעשטעלט דעם זמן פון דער חתונה. פאַר דער חופה זאָגט דער בעש״ט: — „איך וויל פריער מיט דער כלה אַליין ריידן!" און האָט מיט איר גערעדט בסתר. ער האָט איר מודיע געווען, ווער ער איז און האָט זי באַשוואָרן, זי זאָל קיינעם קיין זאַך ניט אויסזאָגן און זי זאָל נעמען אויף זיך איין צייט צו ליידן דחקות, עס וועט ניט זיין אויף אייביק.

דער בעשט פאָרט אַרויס אין די בערג.

נאָך דער חתונה האָט הרב ר׳ גרשון געוואָלט לערנען מיט דעם בעש״ט, טאָמער וועט ער אים אַ ביסל אויסלערנען דברי תורה. דער בעש״ט האָט זיך אָבער געמאַכט, אַז ער קען גאָר ניט מקבל זיין.

האָט ר׳ גרשון געזאָגט צו זיין שוועסטער: — דו זעסט דאָך, עס איז מיר אַ גרויסע חרפה פון דיין מאַן, אויב דו ווילסט זיך גטן, איז בודאי רעכט, אויב גיט, וועל איך אייך קויפן אַ פערד און וואָגן, איר זאָלט פון דאַנען אָפּפאָרן, וואָרום איך קען ניט אויסשטיין די חרפה.

זיינען זיי אַוועקגעפאָרן אין די געבערג. דאָרטן צווישן די גרויסע בערג, האָט ער זיך קובע מקום געווען. און מיט פרנסה איז געווען אַזוי: — זי פלעגט עטלעכע מאָל אין דער וואָך קומען צו אים מיט דעם פערד און וואָגן און ער פלעגט איר אָנגראָבן אַ וועגעלע ליים. זי פלעגט עס אַוועקפירן אין שטאָט אַריין און פאַרקויפן.

און דער בעש״ט איז תמיד געזעסן אַליין צווישן די בערג און האָט געפאַסט גרויסע הפסקות. און דאָס איז זיין עסן געווען: נאָך די תעניתים פלעגט ער אויסגראָבן אין דער ערד אַ גריבל, אַריינטאָן דאָרט מעל און וואַסער און באַקן עס אויף דער זון.

דער בעש״ט און די גזלנים.

נאָך דער חתונה האָט זיך דער בעש״ט באַזעצט אין די קאַרפּאַטן-בערג. די בערג זיינען געווען גאַנץ הויכע און צווישן די בערג זיינען געווען זייער טיפע טאָלן.

אַמאָל איז דער בעש״ט געגאַנגען אויף אַ באַרג. ער איז געווען זייער פאַרטראַכט. אַנטקעגן אים אויף אַ צווייטן באַרג זיינען געשטאַנען גזלנים. ווי זיי האָבן געזען, אַז ער

קומט צום עק באַרג, האָבן זיי געזאָגט: „דאָ וועט ער באַלד אַראָפּפאַלן!" עס איז אָבער אַ אַ וואונדער געשען. ווי ער איז געקומען צום עק באַרג, איז דער אַנדער באַרג צוגע־קומען נאָענט און דער בעש"ט איז זיך געגאַנגען זיין וועג. דערנאָך האָבן זיי זיך ווידער צעטיילט. און אַז ער איז צוריקגעגאַנגען, זייגען זיך די בערג ווידער צו־זאַמענגעקומען. און אַזוי איז געווען עטלעכע מאָל. זיינען די גזלנים צו אים געקומען און דערציילט אים, וואָס ס'האָט זיך געטאָן מיט די בערג.

דו ביסט אַ געטלעכער מאַן,—האָבן זיי געזאָגט צו אים—דרום בעטן מיר דיך, דו זאָלסט מתפלל זיין פאַר אונדז, מיר זאָלן מצליח זיין.

האָט ער זיי געענטפערט: — אַז איר וועט שווערן, אַז איר וועט ניט טאָן יידן קיין בייז און מער ניט גזלנען, וועל איך אַזוי טאָן. האָבן זיי געשוואָרן.

פון דענסטמאָל אָן, ווען זיי האָבן געהאַט צווישן זיך טענות, פלעגן זיי צו אים קומען און ערפלעגט צווישן זיי מאַכן רעכט.

*

אַמאָל זיינען געקומען צו אים צוויי גזלנים זיך לאָדן. איז אייגעם ניט געפעלן זיין פסק. האָט ער דערשפירט ווען דער בעש"ט איז אַנטשלאָפן געוואָרן, איז ער געקומען אים הרגענען. ווי ער האָט אָבער אויפגעהויבן זיין האַק איבער דעם בעשט"ס קאָפּ, האָט מען אים אָנגעכאַפּט, ער ווייס ניט ווער, און מע האָט אים צעשלאָגן. דורך אין וווּנדן און אין ביילן איז ער געפאַלן און האָט ניט געקענט ריידן אַ וואָרט. ווי דער בעש"ט האָט זיך אויפגעכאַפּט, זעט ער ווי אייגער ליגט לעבן אים צעבלוטיקט. פרעגט ער אים: — „ווער האָט דאָס דיר געטאָן?" דער גזלן האָט קיין כּוח ניט גע־האַט צו ענטפערן. האָט אים דער בעש"ט געלאָזט ליגן. אינדערפרי איז דער גזלן אליין געקומען און האָט אים דערציילט די מעשה.

*

אַמאָל זיינען גזלנים געקומען צום בעש"ט און האָבן אים געזאָגט: — אויב דו ווילסט, וועלן מיר דיך פירן קיין ארץ ישראל. מיר ווייסן אַ קורצן וועג דורך היילן. האָט ער איינגעוויליקט צו גיין מיט זיי. זיינען זיי געגאַנגען און זיינען גע־קומען אויף אַן אָרט, וווּ עס איז געווען זייער אַ טיפער אָפּגרונט און אַ ברעט איז געלעגן פון איין זייט צו דער אַנדערער.

זיינען זיי געגאַנגען אַפריער און ער האָט געדאַרפט נאָכגיין נאָך זיי. האָט ער זיך אָבער באַטראַכט און זיך אומגעקערט, וואָרום ווען ער זאָל דאָרטן געווען גיין, וואָלט מיט אים געטראָפן אַן אומגליק.

דער בעש"ט און דער כּראָש.

אַמאָל איז דער בעש"ט געגאַנגען זייער פאַרטראַכט דריי טעג און דריי נעכט און האָט גאָרנישט געוווסט, ווו ער איז. דערנאָך האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער איז ווייט פון זיין אָרט. איז אים אַ וואונדער געווען—עס מוז עפּעס באַטייטן. מיטאַמאָל קומט צו אים אַ פראָש, אַזאַ גרויסער, אַז ער האָט כּמעט ניט דערקענט, וואָס פאַר אַ בריאָה דאָס איז.

פרעגט ער ביי דער באַשעפעניש: — ווער ביסטו?

האָט זי געענטפערט: — אַ תלמיד חכם איז מגולגל געוואָרן אין מיר שוין פינף

הונדערט יאָר, און כאָטש הרב ר' יצחק לוריא זלה"ה האָט מתקן נשמות געווען, נאָר מחמת זיינע גרויסע עברות האָט מען אים פאַרטריבן ווייט פון לייט.

האָט אים דער בעש"ט געפרעגט, וואָס ער האָט געטאָן. האָט ער געזאָגט: דאָס ערשטע מאָל האָט ער מזלזל געווען און האָט זיך ניט רעכט געוואַשן. האָט דער שטן מקטרג געווען.

האָט מען דעם שטן געענטפערט: — זאָל די ערשטע עבירה שטיין; אויב דו וועסט אים ווייטער אָנריידן אויף אַן עבירה, וועט מען די ערשטע אויך פאַררעכענען, אויב אָבער ער וועט זיך דערמאָנען אָן גאָט און וועט באַשטיין ביי דער פּרווו, וועט ער זיין ריין פון דער ערשטער עבירה אויך.

— האָט מען מיך געפּרווט מיט נאָך אַן עבירה, האָט דער גלגול דערציילט, און איך בין נכשל געוואָרן. און איין עבירה ברענגט צו דער אַנדער עבירה, ביז איך האָב כמעט עובר געווען אויף גאָר דער תורה.

איז דער פּסק געווען אויבן, אַז מע זאָל מיך ניט מקבל בתשובה זיין. פונ־דעסטוועגן, איך זאָל מיך נייטן תשובה טאָן, וואָלט מען מיך פאָרט מקבל געווען, אָבער דער שטן האָט מיך געמאַכט פאַר אַ שיכור. האָב איך שוין ניט אין קאָפּ געהאַט תשובה צו טאָן. און ווייל דער גורם פון כל העבירות איז געווען די ערשטע עבירה — די הענט וואַשן, דרום אַז איך בין געשטאָרבן, בין איך מגולגל געוואָרן אין אַ פראָש, וואָס איז אין וואַסער. און די קללה איז געווען — איך זאָל זיין אויף אַזאַן אָרט, וווּ קיין לייט גייען ניט, וואָרום ווו אַ ייד איז, מאַכט ער אַמאָל אַ ברכה אָדער ער איז מתפלל אָדער ער האָט אַ מחשבה טובה, קאָן ער דורך דעם עפּעס מתקן זיין צו דער נשמה.

האָט דער בעש"ט רחמנות געקראָגן אויף דער פאַרוואָגלטער נשמה און האָט זי מתקן געווען.

דער פראָש איז געפּגרט און די נשמה האָט דער בעש"ט אַרויפגעבראַכט.

דער בעש"ט — אַן אַנטרייבער.

זיבן יאָר האָט דער בעש"ט פאַרבראַכט מיט זיין ווייב אין די בערג און, אַז ס'זיינען פול געוואָרן די זיבן יאָר, האָט ער זיך צוריקגעקערט צו זיין שוואָגער ר' גרשון קיין בראָד. האָט ר' גרשון געפרעגט זיין שוועסטער: — ווו זייט איר געווען?

האָט זי געענטפערט: — מיר זייגען געווען אין פיל שטעלן און פיל מאָל געווען איינגעשטעלט אין גרויסע צרות.

האָט ר' גרשון גרויס רחמנות געקראָגן און האָט איר געגעבן אַ דירה ניט ווייט פון זיך. דעם בעש"ט האָט ער גענומען צו זיך פאַר אַ משרת.

אַמאָל איז ר' גרשון געפאָרן אין אַן אַנדער שטאָט און האָט גענומען דעם בעש"ט פאַר אַן אַנטרייבער. אין וועג איז ר' גרשון אַנטשלאָפן געוואָרן. דער בעש"ט האָט זיך פאַרטראַכט און גאָר פאַרגעסן, ווו ער געפינט זיך. די פערד זיינען דערווייל אַראָפּ פון וועג און פאַרשלעפּט דעם וואָגן אין אַ זומפּ, אַזאַ זומפּ, אַז ס'איז אוממעגלעך געווען אַרויסצופאָרן. ר' גרשון האָט זיך אויפגעכאַפּט און טראַכט זיך: — זאָל איך אים שיקן אין דאָרף אַריין נאָך מענטשן? מע קען זיך אָבער אויף אים ניט פאַר־לאָזן, בעסער וועל איך אַליין גיין.

ווי ר' גרשון איז צוריקגעפאָרן, האָט ער באַגעגנט דעם בעש"ט פאָרן, פרעגט ער אים: — ווער האָט דיך אַרויסגעשלעפּט?

ענטפערט דער בעש"ט : — איך האָב אַ גוטן קלאַפּ געטאָן די פערד, זיינען זיי אַרויסגעגאַנגען.

האָט ר' גרשון געזאָגט : — צו קיין זאַך אין דער וועלט טויג ער ניט, אַפילו פאַר קיין אַנטרייבער אויך נישט !

די מעשה מיטן „זוהר".

אַ גאַנצע וואָך איז דער בעש"ט געזעסן פון יענער זייט טייך פּרוש באַזונדער פון מענטשן און האָט געלערנט. עטלעכע מאָל אין דער וואָך האָט ער געפאַסט און אייב־מאָל אין דער וואָך האָט ער געגעסן נאָר ברויט. אַהיים פלעגט ער קומען נאָר משבת לשבת. זיין שוואָגער ר' גרשון האָט אים געהאַלטן פאַר אַ גרויסן בור און פלעגט אַלע מאָל אָנריידן די שוועסטער, זי זאָל זיך מיטן מאַן גטן.

איינמאָל האָט ר' גרשון דערזען, ווי דער בעש"ט טראָגט אין בוזים עפּעס אַ ספר. דאָס איז געווען אַ זוהר. פרעגט ר' גרשון ביי אים : — וואָס פאַר אַ ספר האָסטו אין בוזים? שווייגט ער. גייט ר' גרשון און נעמט אַרויס ביי בעש"ט פון בוזים דעם ספר און זעט, אַז ס'איז אַ זוהר. איז ער ברוגז געוואָרן און געזאָגט : „ווי קומסטו דער־צו?" און האָט ביי אים דעם ספר אַוועקגענומען.

דער בעש"ט לייגט ניט קיין תפילין און קושט ניט די מזוזה.

ר' גרשון האָט באַזוצט דעם בעש"ט מיט זיין ווייב אין אַ דאָרף. דער בעש"ט האָט זיך אויסגעבויט אַ שטיבל אין וואַלד און איז זיך דאָרט געזעסן יום ולילה על התורה ועל התפלה, נאָר משבת לשבת פלעגט ער פון דאָרט אַרויסגיין. דאָס ווייב האָט זיך עוסק געווען אין דער פרנסה, זי פלעגט צונעמען אורחים. און אורחים זיינען צו איר גערן געפאָרן, ווייל זי פלעגט זיי זייער פיין צונעמען.

און זיין סדר איז געווען—ער פלעגט קומען אין שטאָט אַריין אויף ר"ח אלול און איז דאָרט געזעסן איבער אַלע ימים־טובים.

אַמאָל אום חול המועד סוכות האָט ר' גרשון געזען, אַז דער בעש"ט לייגט ניט קיין תפילין. האָט אים ר' גרשון געפרעגט : — פאַרוואָס לייגסטו קיין תפילין גיט?

האָט ער געענטפערט : — איך האָב געזען טייטש־ספרים, וווּ עס שטייט גע־שריבן—ווער עס לייגט תפילין אום חול המועד, איז חיב מיתה.

איז ר' גרשון ברוגז געוואָרן און האָט אים אַריינגעפירט להרב אב"ד, דער רב זאָל ישראלן אָנמוסרן.

אַריינקומענדיק צום רב אין שטוב האָט ר' גרשון געקושט די מזוזה און דער בעש"ט האָט נאָר אַרויפגעלייגט די האַנט אויף דער מזוזה און האָט זי נישט געקושט.

איז ר' גרשון אויף דעם אויך ברוגז געוואָרן.

אַריינקומענדיק צום רב האָט דער בעש"ט פאַר אים געלאָזט ווייזן אַ ביסל, וואָס ער איז. דער רב האָט אַ בליק געטאָן אויפן בעש"ט און האָט דערזען אויף אים אַ גרויס ליכט. האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פאַר וווּנדער. דער בעש"ט האָט זיך אָבער באַלד באַהאַלטן און דער רב האָט ווידער גאָרנישט געזען. אין אַ ווײַלע אַרום האָט דער

בעש"ט ווידער געמאַכט וויסן פאַרן רב, וואָס ביי אים טוט זיך. האָט זיך דער רב ווידער אויפגעכאַפּט. אַזוי האָט זיך איבערגעחזרט עטלעכע מאָל.

ר' גרשון האָט קיין זאַך ניט באַמערקט. ער האָט אָנגעהויבן צו קלאָגן אויף דעם בעש"ט פאַר דעם רב מכּח תּפילין ומזוזה.

דער רב האָט ר' גרשונען גאָרניט געענטפערט. ער האָט גענומען דעם בעש"ט אין אַ באַזונדערן חדר און צו אים געזאָגט: — איך בין אויף דיר גוזר, דו זאָלסט מיר זאָגן דעם אמת, וואָס מיט דיר טוט זיך.

דער בעש"ט האָט זיך דערשראָקן פאַרן רב, וואָרום ער איז געווען אַ גרויסער צדיק, און האָט אים אַלץ געמוזט דערציילן. ער האָט אָבער גוזר געווען אויפן רב, ער זאָל פאַר קיינעם ניט אויסזאָגן.

דאַן איז דער רב אַריינגעקומען צו ר' גרשון און געזאָגט צו אים: — איך האָב אַזוי געטאָן ווי איר האָט מיר געבעטן. כאָטש ער איז אַ פּראָסטאַק, דאָך וועט ער ניט אַרויסגיין חוץ לשיטה. לאָז מען אים לאָזן זיך פירן ווי ער פירט זיך.

אַז ר' גרשון מיטן בעש"ט זיינען אַרויסגעגאַנגען האָט זיך דער רב פאַרטראַכט: פאַרוואָס האָט דער בעש"ט ניט געוואָלט קושן די מזוזה? איז ער געגאַנגען זען, האָט ער געפונען, אַז די מזוזה איז פּסול...

דער בעש"ט בעט אויף רעגן.

אין דעם דאָרף, ווו דער בעש"ט איז געווען מלמד, איז קיין רעגן ניט געווען אין דער צייט, ווען מ'האָט רעגן באַדאַרפט. האָבן די גויים פון דעם דאָרף, ווי זייער פירונג איז געווען, אַרומגעטראָגן זייערע געטער אַרום דאָרף.

דערזען דאָס האָט דער בעש"ט געזאָגט צום מוכסן, ער זאָל אַרומשיקן צו די יידן פון גאָר דער סביבה, זיי זאָלן זיך אַלע צונויפקומען אַהער: — מיר וועלן גוזר תּענית זיין און מתפלל זיין אויף רעגן.

אַז מ'איז זיך צונויפגעקומען, האָט זיך דער בעש"ט אַליין געשטעלט פאַרן עמוד און אַלע האָבן מאַריך בתּפילה געווען.

איז געקומען אַן ערל צום רענדאַר און האָט אים געפרעגט: — וואָס איז דאָס היינט ביי אייך, וואָס איר זייט זיך צונויפגעפאָרן צום הויף און געדאַוונט אַזוי לאַנג און געוויינט?

האָט דער רענדאַר געענטפערט: — מיר האָבן געבעטן אויף רעגן.

האָט דער ערל געשפעט און געזאָגט: — סאַראַ נאַראָנים איר זייט! איר האָט דאָך אַליין געזען, ווי אונדזערע גלחים האָבן זיך שוין עטלעכע טעג אַרומגעטראָגן מיט אונדזערע געטער און געבעטן אויף רעגן און קיין רעגן גייט ניט. איז דען אַ געדאַנק, אַז איר זאָלט פּועל זיין, ווען זיי האָבן ניט געפּועלט?

האָט דער מוכסן דערציילט די רייד פון דעם ערל דעם מלמד—דעם בעש"ט.

האָט דער בעש"ט געזאָגט: — גיי צום גוי און זאָג אים, ער זאָל וויסן, אַז היינט וועט געוויס רעגענען. וכך הוה. דעמזעלבן טאָג איז טאַקע געגאַנגען אַ רעגן.

דער בעש"ט און דער טאָטער.

הרב הקדוש אדמו"ר*) פון פּאַרשיכסא האָט דערציילט אַזאַ מעשה:

דער בעש"ט איז געווען אַ באַהעלפער ביי אַ מלמד. איינמאָל האָט דער באַלעבאָס זיינער געוואָלט פאָרן צו אַ גוטן יידן. דער בעש"ט האָט געוואָלט מיטפאָרן, אָבער דער באַלעבאָס האָט אים ניט געוואָלט מיטנעמען. האָט זיך דער בעש"ט געשטעלט הינטער דעם וואָגן און איז מיטגעפאָרן. דער באַלעבאָס און דער בעל עגלה האָבן אים ניט געזען.

ווי זיי זיינען דורכגעפאָרן אַ דאָרף, ווו טאָטערן האָבן געוווינט, האָט אַ קליינער טאָטערל געוואָרפן אַ שטיין אויפן בעש"ט און אים צעבלוטיקט. דער בעש"ט האָט דאָס ניט געפילט און איז געפאָרן ווייטער. צוריקפאָרנדיק זיינען זיי געקומען אין דעמזעלביקן דאָרף. זיינען פיל טאָטערן געשטאַנען אויפן פּלאַץ, ווו דער טאָטערל האָט צעבלוטיקט דעם בעש"ט, און זיי האָבן די פור ניט געלאָזט פאָרן ווייטער.

— וואָס ווילט איר פון אונדז? — האָט דער בעל עגלה געפרעגט — וואָס האָבן מיר אייך געטאָן פאַר שלעכטס?

— מיר ווייסן, אַז צוליב אייך איז אונדזערס אַ קינד אומגליקלעך — האָט איין טאָטער געענטפערט — ער האָט אויף אייך געוואָרפן אַ שטיין, איז ער פון דעמסטמאָל אָן צוגעצויגן געוואָרן צו דער ערד און זינקט ביסלעכווייז איין. פאַרלאַנגען מיר פון אייך אַן עצה, ווי מיר זאָלן אים ראַטעווען פון דעם אומגליק.

האָט דאַן דער בעש"ט געזאָגט צום טאָטערל: — וועסטו נאָך אַמאָל ניט וואַרפן קיין שטיינער אויף מענטשן?

דער טאָטערל האָט ניט געקאָנט ריידן פאַר שרעק. ער האָט נאָר געדרייט מיטן קאָפּ פאַר אַ סימן, אַז ער וועט דאָס נאָך אַמאָל ניט טאָן.

— נו, אויב דו וועסט דאָס נאָכאַמאָל ניט טאָן — האָט דער בעש"ט געזאָגט — בין איך דיר דעם מאָל מוחל, גיי אַהיים.

דער טאָטערל איז געלאָפן אַהיים אַ געזונטער, אַ לעבעדיקער ווי אַלעמאָל.

נאָך דעם מופת איז דער בעש"ט געבליבן ווי געווען אַ באַהעלפער ביי אַ מלמד. ער האָט גאָרניט געפילט, וואָס ער האָט געוויזן.

דער בעש"ט און דער גרויסער רעש.

דער הרב הקדוש אדמו"ר ר' שלמה לייב פון לענטשנע האָט דערציילט אַזאַ מעשה: בעת דער גאון בעל „פּני יהושע" ז"ל איז געווען רב אין לבוב, איז דעמסטמאָל דער בעש"ט געווען אַ מלמד אין אַ דאָרף ניט ווייט פון לבוב. דעמסטמאָל האָט נאָך קיינער ניט געוווּסט פון זיין גרויסקייט. דער בעש"ט איז דאָרטן געווען אַ

---

*) אדוננו מורנו ורבינו.

בעל-תפילה. איינמאָל האָבן די דאָרף-באַלעבאַטים געפרעגט ביי אים, אויב ער וועט זיך אָננעמען צו דאַווענען ר"ה פאַרן עמוד. האָט ער איינגעשטימט. די גבאים אין לבוב האָט זייער שטאַרק פאַרדראָסן, פאַרוואָס די ישובניקעס מאַכן אַ מנין אין דאָרף און זיי קומען ניט אין שטאָט אַריין. אַלע יאָר פלעגט מען האָבן פון זיי הכנסה און איצט — ניט. האָבן די שטאָט-לייט באַשלאָסן זיך אָפּצורעכענען. פאַר סוכות האָבן די דאָרפסלייט געמוזט קומען אין לבוב צו די גבאים בעטן, מע זאָל זיי פאַרקויפן אַן אתרוג.

די גבאים האָבן דאַן אַרויסגעגעבן אַזאַ פסק: זיי מוזן אַלע מיט זייער בעל-תפילה קומען ערב סוכות אין שטאָט אַריין אָנגעטאָן אין טלית און קיטל, און פון טויער, וואָס ביי דער שטאָט, ביז אין שול אַריין, מוזן זיי גיין באָרוועס. זייער חזן מוז אין שול איבערזינגען עטלעכע סקאַרבאָווע ניגונים, כדי מ'זאָל זען, אויב ער זאָגט עברי על-פי דקדוק און טאָמער ניט, וועט ער האָבן נאָך אַ באַזונדערן פסק.

די דאָרפסלייט האָבן געמוזט מקיים פסק זיין און געהאַט גרויסע בזיונות.

אין שול האָט זיך דער בעש"ט געשטעלט ביים עמוד, זיך אומגעקערט צום קהל און געזאָגט: — ווער עס האָט קיין תשובה געטאָן אויף זיין חטאַת נעורים, זאָל בעסער אַרויסגיין פון שול, ווען ניט וועט ער האָבן אַ פסק.

דער גאַנצער קהל אין שול האָבן געלאַכט פון זיינע רייד. ווי דער בעש"ט האָט אָבער אַ געשריי געטאָן „המלך", זיינען אַלע אין שול פאַרציטערט געוואָרן. פיל מענטשן זיינען געפאַלן חלשות. עס איז געוואָרן אַ רעש. פיל האָבן געפּאַקט מיט דער נשמה.

עטלעכע מענטשן האָבן געכאַפּט דעם בעש"ט און אַוועקגעפירט אים צום שטאָט-רב. דער גאון איז אין יענער צייט געזעסן אָנגעטאָן אין טלית און תפילין. האָט ער צו זיי אַ ווונק געגעבן, זיי זאָלן דעם בעש"ט ניט טשעפּען, ער זאָל גיין לשלום אין זיין דאָרף אַריין.

דער בעש"ט און די פרומע חיה.

אַז דער בעש"ט איז געווען אַ באַהעלפער, האָט ער געגעסן ביי הרב מו"ה חיים, דעם שווער פון הגאון מהר"ם*). דער רב מו"ה חיים ז"ל האָט געהאַט אַ פרוי. איר נאָמען איז געווען חיה. זי איז געווען אַ גרויסע צדקת. זי האָט געוווּסט די גרויס-קייט פון בעש"ט, נאָר זי איז געווען באַשוואָרן דאָס קיינעם ניט צו דערציילן. וועגן דעם ווי אַזוי זי האָט זיך דערוווּסט, אַז דער בעש"ט איז אַזוי גרויס, איז פאַראַן אַזאַ מעשה: די פרומע חיה האָט באַדאַרפט פאָרן צו אַ גראַף. האָט זי דעם בעש"ט מיטגענומען פאַר אַ שומר. ווייל זי האָט אים געקענט פאַר אַ גרויסן הייליקן מאַן, איז זי געווען זיכער, אַז צוליב זיין זכות וועט גאָט איר היטן אין וועג. און אַזוי איז טאַקע געווען.

אויפן וועג, ביי אַ גרויסן געדיכטן וואַלד, האָט זיך דער בעש"ט אָנגערופן צו איר:

— איר זאָלט וויסן, אַז באַלד וועט קומען צו אונדז אַ גזלן פון וואַלד. זאָלט איר זיך ניט דערשרעקן. דער גזלן האָט שוין פיל מענטשן געהרגעט. נאָר איצט איז זיין מאָס פול געוואָרן. איך בין אַ שליח פון בית-דין של מעלה צו מאַכן פון אים אַ סוף.

*) מחבר פון „מאיר נתיבים".

— קאָנט איר דען הרגענען אַ מענטשן מיט אייערע הענט? — האָט חיה גע־פרעגט פאַרוואונדערט.

— חלילה — האָט דער בעש"ט געענטפערט — ניט מיט די הענט וועל איך אים פטרן, נאָר מיט אַ וואָרט.

און ווי זיי האָבן אַזוי גערעדט, איז פּלוצלונג געקומען אַ גזלן פון וואַלד און האָט אַ געשריי געטאָן: — געלט אָדער אייער נשמה!

— געלט האָבן מיר ניט — האָט דער בעש"ט געענטפערט — און אונדזער נשמה דאַרפסטו ניט. גיי צוריק, פון וואַנען די ביסט געקומען.

דער גזלן איז שטאַרק אין כעס געוואָרן און האָט אויפגעהויבן זיין שווערד, כדי אָפּצוהאַקן ביים בעש"ט דעם קאָפּ. דער בעש"ט האָט אָבער אויף אים אַ שאַרפן קוק געגעבן און דער גזלן איז געבליבן שטיין מיטן שווערד אין דער האַנט און ניש געקענט די האַנט אַראָפּלאָזן.

דער גזלן האָט גענומען שילטן דעם בעש"ט, גערופן אים "מכשף". דער בעש"ט האָט אַרויסגערעדט אַ שם און דער גזלן איז אַריין אין דרערד ביז די קני. דער בעש"ט האָט געוואַרט, דער גזלן זאָל חרטה האָבן. דער גזלן האָט אָבער נאָך מער געלעסטערט גאָט און דעם בעש"ט. דאַן האָט דער בעש"ט זיך אָנגערופן: — אויב אַזוי, איז צייט, דו זאָלסט אינגאַנצן איינגעזונקען ווערן.

און ווי דער בעש"ט האָט אַרויסגערעדט די ווערטער, איז דער גזלן אינגאַנצן איינגעזונקען געוואָרן. דאַן האָט דער בעש"ט געבעטן חיהן, זי זאָל אים שווערן, אַז זי וועט קיינעם דערפון ניט דערציילן. חיה האָט געשוואָרן. נאָכער האָט זי געפרעגט:

— וואָס פאַר אַ שכר וועל איך האָבן פאַר מיין שווייגן?

האָט דער בעש"ט געענטפערט: — אייער שכר וועט זיין, דאָס איר וועט ליגן בשלום אין קבר און אויב איינער וועט אייך טשעפען, זאָלט איר נאָר דערמאָנען מיין נאָמען, וועט יענער פון אייך אָפּטרעטן.

*

דעם בעש"ט'ס ברכה איז מקוים געוואָרן. אין אַ סך יאָרן אַרום, ווען חיה איז שוין געלעגן אויפן עולם האמת, איז אין דער שטאָט אויסגעבראָכן אַ מגפה. די ניט יידן האָבן געהערט דערצו אַזאַ סגולה: מע זאָל אין שטאָט פאַרברענען אַ טויטן, וועט די קראַנקייט פון דאָרט אָפּטרעטן. זיינען זיי געגאַנגען אויפן יידישן בית־עולם און האָבן גראַד געטראָפן אָפן דעם קבר, וווּ חיה איז געלעגן. ווי זיי האָבן אָבער אָנגעהויבן צו גראָבן דעם קבר, האָבן זיי דערהערט אַ שרעקלעכן קול: "בעש"ט! בעשט!". דער קול איז געווען שטאַרק ווי אַ דונער. אַז דער שומר פון בית־הקברות האָט דערהערט די קולות, איז ער געקומען צו לויפן צום קבר: האָט ער געפונען עטלעכע מענטשן ליגן אויף דרערד און עס וואַרפט זיי פון שרעק ווי פון אַ קדחת. אַז זיי זיינען גע־קומען צו זיך, האָבן זיי זיך מודה געווען אויף די זינד, וואָס זיי האָבן געוואָלט טאָן.

דער בעש"ט טרייבט אַרויס אַ דיבוק.

אין דער שטאָט קוטאָוו איז אַמאָל געווען אַ אשה משוגעת, וואָס צו איר איז אַריין אַ דיבוק ר"ל. די פרוי פלעגט איטלעכן זאָגן זיין גוטס און זיין שלעכטס.

אַז דער בעש"ט איז געקומען קיין קוטאָוו, האָט ר' גרשון געבעטן דעם רב, ער זאָל פירן דעם שוואָגער זיינעם ר' ישראלן צו דער אשה, טאָמער וועט ער מקבל זיין פון איר עפּעס מוסר.

הגם דער רב האָט שוין געקענט דעם בעש"ט, דאָך האָט ער געמוזט צוליב טאָן ר' גרשונען און איז געגאַנגען מיט ר' ישראלן צו דער אשה. ר' גרשון מיט נאָך עטלעכע באַלעבאַטים זיינען מיט זיי מיטגעגאַנגען.

דער ערשטער איז אַריין צו דער אשה דער רב אַליין. האָט אים די אשה באַגעגנט מיט די ווערטער: — ברוך הבא, קדוש וטהור. דאַן זיינען אַריין אַלע איבעריקע און זי האָט צו איטלעכן געזאָגט זיינע מעלות.

ר' ישראל איז אַריינגעקומען צום לעצטן. די פרוי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים און געזאָגט: — ברוך הבא, ר' ישראל, דו מיינסט איך האָב פאַר דיר מורא, ניין, איך האָב פאַר דיר קיין מורא ניט, איך ווייס, אַז מע האָט דיך באַשוואָרן פון אויבן אין הימל, דו זאָלסט ניט עוסק זיין בשמות הקדושים, ביז דו וועסט אַלט זיין זעקס און דרייסיק יאָר.

דער עולם האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס זי זאָגט. האָט מען זי געבעטן איבער־חזרן. האָט זי ווידער געזאָגט דאָס זעלבע.

דאַן האָט דער בעש"ט אויף איר אַ געשריי געטאָן: — אַז דו וועסט ניט אַנט־שוויגן ווערן, וועל איך זעצן אַ ב"ד און וועל מיך מתיר זיין און דיך וועל איך אַרויס־טרייבן פון דער אשה.

ווי דער עולם האָט דאָס דערהערט, האָט מען אים גענומען בעטן, ער זאָל זיך מתיר זיין, דאַן וועט ער ראַטעווען אַ יידישע טאָכטער. האָט ער אָבער גיט גע־וואָלט. ער האָט געזאָגט, אַז ס'איז מסוכן פאַר אים.

ער האָט זיך נאָר געווענדעט צום דיבוק מיט די ווערטער—איך בעט דיך, אַז דו זאָלסט אַליין מיט גוטן אַרויסגיין פון דער אשה, מיר וועלן אַלע פאַר דיר לערנען.

דער רוח האָט צוגעזאָגט אַרויסצוגיין.

דאַן האָט דער בעש"ט געפרעגט: — זאָג מיר, ווער ביסטו?

האָט דער דיבוק געענטפערט: — איך קאָן דיר אַציגדערט ניט זאָגן, עס וועט זיין אַ חרפה פאַר מיינע קינדער, וואָס זיינען דאָ אין שטאָט; אַז אַלע וועלן אַוועקגיין, וועל איך דיר זאָגן. און אַזוי איז געווען. אַז אַלע זיינען אַוועקגעגאַנגען, האָט ער אויסגעזאָגט, ווער ער איז. ער האָט געפאָלגט דעם בעש"ט און איז מיט גוטן אַרויסגעגאַנגען פון דער אשה. נאָכדעם איז דער בעש"ט אַביסל חשוב געוואָרן, אָבער מע האָט אַלץ ניט געוווסט, ווער ער איז און וואָס ער באַטייט.

דער בעש"ט פאַרטרייבט שדים.

נאָך די ערשטע מעשים איז דער בעש"ט אַ ביסל מפורסם געוואָרן. די באַלע־באַטים האָבן אים אַרויסגענומען פון דעם דאָרף, אָבער אַן עני איז ער פאָרט געווען,

ווייל ער האָט ניט געוואָלט נעמען קיין געלט. האָט אים אַ מוכסן גענומען פאַר אַ מלמד צו די קינדער.

אַז דער בעש"ט איז געקומען צום מוכסן, האָט דער מוכסן געזאָגט: — איך האָב ניט קיין אָרט אויף צו לערנען.

ווייזט אים דער בעש"ט אויף אַ חדר.

זאָגט דער מוכסן: — דערדאָזיקער חדר ווערט געשענדט, מע האַלט דאָס ניט פאַר קיין ריין אָרט. עס האַלטן זיך דאָרט אויף בעלי-דברים.

זאָגט דער בעש"ט: — „נישקשה, איך וועל דאָרט אַליין שלאָפן". און ער האָט זיך דאָרט קובע געווען און האָט דאָרט געלערנט מיט די קינדער. די בעלי-דברים האָט ער אָפּגעגעבן דעם בוידעם.

און כמה פעמים האָט מען געהערט, ווי זיי שטיפן דאָרט אויפן בוידעם און עס האָט קיינעם ניט געשאַדט. אַמאָל, אַז זיי האָבן פיל געשטיפט, האָט דער בעש"ט אַ געשריי געטאָן, זיינען זיי שטיל געוואָרן.

ערב התגלות הבעש"ט.

אין דער שטאָט יאַזלאָוויץ איז אַ רב געווען דער באַרימטער גאון ר' צבי מרגלית, דער פאָטער פון די צוויי באַרימטע גאונים ר' יצחק און ר' מאיר מרגלית. צו יענער צייט זיינען זיי נאָך ביידע גאָר יונגע קינדער געווען און האָבן ביי זייער פעטער תורה געלערנט. דער ערשטער איז דאַמאָלסט זעכצן יאָר אַלט געווען און דער צווייטער — עלף. פּלוצלונג האָט ביי יעדן איינעם פון זיי אין האַרצן אַ געוואַלדיקער פאַרלאַנג אָנגעהויבן צו ברענען: זיי זאָלן צום שוחט פון קשילאָוויץ אַראָפּפאָרן.

וואָס זיי האָבן אייגנטלעך געוואָלט דאָרטן, וואָס עס האָט זיי געצויגן אַהין — האָבן זיי ניט געוווסט. איין זאַך האָבן זיי אָבער געפילט און געוווסט, אַז זיי מוזן אַהין וואָס גיכער פאָרן.

עפּעס אַ פאַרבאָרגענע קראַפט האָט זיי געצויגן אַהין. ווי פאַרכישופטע זיינען זיי אַ שטיק צייט אַרומגעגאַנגען, זיי האָבן פון קיין שלאָף און פון קיין רו ניט געוווסט.

האָבן זיי קיינעם קיין וואָרט ניט זאָגנדיק זייער היים פאַרלאָזן און האָבן זיך צום בעל שם אַוועקגעלאָזן.

דערווייל האָט זיך פאַרשפּרייט די ידיעה אין שטאָט, אַז די צוויי ברידער מרגלית זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען. ביי זייער פאָטער אין הויז איז אַן אמתער תשעה באָב געווען. די גאַנצע שטאָט האָט געקאָכט און געררוישט.

פון דאָרף צו דאָרף און פון שטאָט צו שטאָט האָט מען שלוחים געשיקט, זיי זאָלן זיי ערגעץ אויפזוכן. ענדלעך האָט מען זיי אין קשילאָוויץ געפונען ביים שוחט ר' ישראל און אַהיים געבראַכט.

פיל גערעדט אָבער וועגן דעם, וואָס זיי האָבן אין הויז פון שוחט געהערט און געזען, האָבן זיי ניט. נאָר די פאָלגנדיקע ווערטער האָבן זיי צו זייער פאָטער געזאָגט:

„דו האָסט אים ניט געזען, איז דאָס אוממעגלעך דיר אָפּצומאָלן, וואָס פאַר אַ מין גרויסער מענטש דאָס איז. גלויב אונדז אָבער, אַז ער איז קליגער פון אַלע מענטשן, וואָס מיר האָבן ווען געזען און ער איז אויך מער ירא שמים פאַר זיי.

די ערשטע פעולה שלמה.

איידער דער בעש"ט איז נתגלה געוואָרן האָט מען זיך שוין דערוווּסט וועגן אים. מע האָט אָנגעהויבן צו אים צו ברענגען חלאים. ער האָט זיי אָבער ניט גע־וואָלט אָננעמען.

איינמאָל האָט מען צו אים געבראַכט צוויי משוגעים. געוויינט האָט ער אין טלוסט. האָט ער זיי ניט געוואָלט אָננעמען.

ביינאַכט האָט מען אים אָבער מודיע געווען, אַז ס'האָבן זיך אויסגעלאָזט די 36 יאָר, וואָס עס איז אים פאַרווערט געווען צו טאָן פעולות.

אינדערפרי האָט ער זיך באַרעכנט, אַז ס'איז אמת, האָט אָנגענומען די משוגעים און האָט זיי פעולה שלמה געטאָן און אויסגעהיילט.

פון דענסטמאָל אָן האָט ער אַוועקגעוואָרפן דאָס מלמדות, האָט גענומען אַ סופר און אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן קמיעות. מע איז געפאָרן צו אים פון אַלע סביבות און ער האָט געקראָגן אַ שם פון אַ בעש"ט, וואָס טוט פעולות.

דער בעשט און דער קאָלאָמעער רב.

הרב ר' דוד פון קאָלאָמעע איז געפאָרן נאָך חנוכה־געלט, האָט ער פאַרבלאָנ־דזשעט צו דעם דאָרף, ווו הרב ר' ישראל איז געזעסן. איז דער אורח געקומען צו ר' ישראלן אין שטוב אַריין און געפרעגט די ווייב: — ווו איז איר מאַן?

האָט זי געזאָגט: — ער איז ביים רענדאַר, ער העלפט אָנטרינקען די בהמות. אינדעראמתן אָבער איז דער בעש"ט דאַן געזעסן אין זיין התבודדות־שטיבל.

האָט ר' דוד געפרעגט: — וואָס וועל איך דאָ עסן?

האָט זי געזאָגט: — עס איז דאָ אַן עוף, וואָס מיין מאַן האָט געקוילעט.

האָט ער עס געהייסן קאָכן.

די צדיקת איז געגאַנגען און האָט מודיע געווען איר מאַן וועגן דעם גאַסט. דער בעש"ט איז געקומען אַהיים און האָט זיך געמאַכט גלייך ווי ער קומט פון מוכסן.

ער האָט אים משמש געווען, ווי דער סדר איז פאַר אַ רבי. אויף דער נאַכט האָט ער אים אַליין אויסגעבעט די בעט, אַליין געשטעלט אַ כלי וואַסער צום וואַשן זיך.

ביינאַכט איז דער בעש"ט אויפגעשטאַנען, וואָרום ער פלעגט ניט שלאָפן מער ווי צוויי שעה אין מעת לעת. ער האָט זיך געזעצט אונטערן אויוון און זיך עוסק געווען אין דעם, וואָס ער פלעגט זיך תמיד עוסק זיין.

ר' דוד האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט אַ קוק געטאָן און דערזען אונטערן אויוון אַ גרויסע ליכטיקייט. האָט ער גענומען שרייען צום בעשט"ס ווייב: — חנה, עס ברענט אונטערן אויוון!

זי האָט זיך אויפגעכאַפּט און געזאָגט צו אים: — איידער איך וועל אָנטאָן דעם שלייער און דאָס קלייד, גייט, זייט מוחל, אַליין מיט וואַסער און פאַרלעשט דעם פלאַקער. ווי ער איז געקומען צום אונטערן אויוון, האָט ער דערזען, ווי דער בעש"ט זיצט אונטערן אויוון און עס שיינט דאָרט אַ ליכטיקייט. איז ער דערשראָקן געוואָרן און איז געבליבן אין חלשות. אַז די ווייב איז אַרויסגעקומען, האָט זי געמוזט דעם בעש"ט מבלבל זיין פון זיין דבקות, ער זאָל אויפמינטערן הרב ר' דוד.

אינדערפרי האָט ר' דוד געזאָגט צו ר' ישראלן: — איך האָב געזען ביינאַכט אַ גרויסע ליכטיקייט איבער דיין קאָפּ. וואָס באַטייט עס?

האָט דער בעש"ט געענטפערט: — אפשר דערפאַר, וואָס איך האָב תהילים געזאָגט גאַנץ ערנסט. אפשר האָב איך מיך מדבק געווען אין השי"ת.

האָט ר' דוד אויפן בעש"ט גוזר געווען און דער בעש"ט האָט זיך פאַר אים מגלה געווען.

פון דענסטמאָל אָן פלעגט ר' דוד אָפּט פאָרן צום בעש"ט הערן פון אים דברי תורה. און אַז ר' דוד האָט געהערט, אַז ר' גרשון שטראָפט ישראלן, פלעגט ער זאָגן כלומרשט אין בעלעכטער: — לאָז אים צו רו, ער איז מער חכם איידער דו.

מער האָט ער ניט געזאָגט, וואָרום דער בעש"ט האָט אויף אים גוזר געווען, ער זאָל זען דעם סוד ניט מגלה זיין צו קיינעם.

התגלות הבעש"ט.

(ערשטע לעגענדע).

אַ תלמיד איז אַמאָל געפאָרן צו דעם בעש"טס שוואָגער ר' גרשון. איז ער דורכגעפאָרן דורך דעם מקום, ווו דער בעש"ט איז געזעסן.

האָט מען אים צוגענומען מיט גרויס כבוד. דאָס איז געווען אין יום ג', נאָכן עסן רופט זיך אָן דער אורח: — ישראל, גרייט מיר די פערד, איך וויל תיכף פאָרן! איז דער בעש"ט געגאַנגען און האָט אַליין געשפּאַנט די פערד.

אַז דער אורח האָט שוין געהאַלטן ביים אָפּפאָרן, זאָגט דער בעש"ט צו אים:

— וואָס וואָלט געווען, איר זאָלט שבת האַלטן?

הייבט אָן דער תלמיד זייער צו לאַכן און איז אַוועקגעפאָרן.

ווי ער איז אָפּגעפאָרן אַ האַלבע מייל, האָט זיך ביי אים צעבראָכן אַן אַקס. איז ער צוריקגעקומען. און עס האָט זיך אים אַזוי געפירט דינסטאָג און מיטוואָך און דאָנערשטאָג און פרייטאָג און ער האָט געמוזט בלייבן שבת ביים בעש"ט.

האָט ער זיך שטאַרק מצער געווען, וואָס ער מוז שבת האַלטן ביי אַזאַ גראָבן רענדאַר אַ דאָרפסמאַן. דערוויל זעט ער, ווי דאָס ווייב פון דעם בעש"ט מאַכט צוועלף חלות אויף שבת. האָט ער זיך זייער געוווּנדערט און פרעגט דאָס ווייב: — וואָס טויג דיר צוועלף חלות?

ענטפערט זי: — כאָטש מיין מאַן איז אַן עם־הארץ, איז ער דאָך אַן אָדם כשר. איך האָב געזען ביי מיין ברודער מאַכט מען צוועלף חלות, מאַך איך אויך צוועלף חלות.

פרעגט ער ווייטער: — איז דאָ ביי אייך אַ בעדל?

זאָגט זי: — עס איז דאָ אַ בעדל און אַ מקוה.

פרעגט ער: — וואָס טויג דאָס אייך?

זאָגט זי ווידער: — כאָטש מיין מאַן איז אַ פּראָסטאַק, גייט ער אַלע טאָג אין מקוה.

דער אורח האָט זיך פאָרט מצער געווען, וואָס ער איז דאָ געבליבן שבת האַלטן.

אַז ס'איז געקומען פאַרנאַכט, די צייט פון מנחה, פרעגט דער אורח דאָס ווייב:

— ווו איז דיין מאַן?

זאָגט זי: — ער איז נאָך אין פעלד ביי די בהמות.

האָט דער אורח געדאַווענט מנחה, מקבל שבת געווען און מעריב געדאַווענט און דער בעש"ט איז נאָך אַלץ ניט געקומען. ער האָט די גאַנצע צייט מתפלל געווען ביי זיך אין שטיבל.

נאָך מעריב איז ער געקומען אין אַ גראָבן מלבוש, מיט אַ געמאַכטן גראָבן קול האָט ער געזאָגט: „גוט שבת"! קיין קידוש האָט דער בעש"ט ניט געמאַכט. ער האָט זיך געטראַכט: — אַז איך וועל אַליין מאַכן קידוש, וועט ער דאָך זען מיין התלהבות.

ער האָט כלומרשט אָפּגעדאַווענט אינדערגיך ווי אַ דאָרפסמאַן און האָט געהייסן דעם אורח קידוש מאַכן. נאָכער האָט מען זיך געזעצט עסן. דער בעש"ט מיט זיין ווייב זיינען געזעסן לוסטיק, אָבער דער אורח איז געזעסן מיט גרויס צער, ווייל ער איז דאָ שבת געבליבן.

זאָגט דער בעש"ט צום אורח: — זאָגט אַ ביסל דברי תורה!

די סדרה איז געווען פּרשה שמות. האָט דער אורח דערציילט די מעשה פון מצרים, ווי מע האָט גענומען די יידן אין גלות, גלייך ווי אין פּסוק שטייט.

דער בעש"ט האָט צוגעהערט, גלייך ווי מע דערציילט אים אַ ביסל נייס.

נאָכן עסן האָט מען געבעט דעם אורח אויבנאָן ביים טיש און דער בעש"ט האָט זיך געלייגט אויפן אויוון.

האַלבע נאַכט האָט זיך דער אורח אויפגעכאַפּט. האָט ער אַ בליק געטאָן — אויפן אויוון איז ליכטיק.

האָט ער געמיינט, עס ברענט אויפן אויוון. איז ער געקומען נעענטער — האָט ער געזען גרויסע ליכטיקייט. האָט ער אַ שפּרונג געטאָן און איז חלשות געבליבן.

אַז מע האָט אים דערמינטערט, האָט דער בעש"ט געזאָגט צום אורח: — קוקט ניט, וווּ מע דאַרף ניט.

דער אורח האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט אַ גרויסן צדיק און האָט זיך שטאַרק געוווּנדערט.

אינדערפרי איז דער בעש"ט געגאַנגען דאַווענען אין זיין שטיבל, וווּ ער האָט געהאַט התבודדות, אַזוי איז תמיד זיין סדר געווען.

אַהיים געקומען איז ער לוסטיק, האָט שוין אויפגעהערט זיך צו באַהאַלטן. ער האָט געזאָגט אַ סדר לסעודתא מיט פרומקייט און זיך געזעצט עסן. ביים עסן בעט ער דעם אורח זאָגן אַ ביסל דברי תורה, איז דער אורח ממש מבולבל געוואָרן: וואָס פאַר אַ תורה זאָל ער פאַר אים זאָגן? האָט ער אים געזאָגט אַ מאמר מיט אַ פּשט.

זאָגט דער בעש"ט: — איך האָב געהערט אַן אַנדער פּירוש אויף דעם מאמר.

נאָך מנחה איז ער שוין געקומען אַהיים מיט התגלות און געזאָגט תורה ביי שלש סעודות — סודות התורה, וואָס מע האָט דאָס קיינמאָל ניט געהערט.

נאָך הבדלה האָט ער גוזר געווען אויפן אורח, ער זאָל ביי ר' גרשונען קיין זאַך ניט מגלה זיין.

— נאָר צו די חסידים און צום רב זאָלסטו גיין און זאָלסט זאָגן בזה הלשון:

„עס איז אַרום אַ ייך אַן אור גדול, עס איז רעכט, איר זאָלט אים ברענגען אין שטאָט אַריין".

אַז די חסידים און דער רב האָבן דערהערט די געשיכטע, איז ביי זיי געבליבן, אַז דאָס מוז זיין ר' ישראל. זיי האָבן זיך דערמאָנט אַלע פּליאות, וואָס דער רבי ישראל האָט געטאָן. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז ס'איז געווען אַ טעות, וואָס זיי האָבן געמיינט, אַז ער טוט אַלץ ווי ניט קיין בר דעת.

איז געבליבן ביי אַלע, זיי זאָלן פאָרן אין דאָרף אַריין און בעטן אים, ער זאָל קומען אין שטאָט אַריין.

דער בעש"ט האָט געוואוסט, אַז זיי פאָרן צו אים. איז ער זיי אַרויסגעפאָרן אַנטקעגן. זיי האָבן אים באַגעגנט אין וואַלד, געמאַכט פאַר אים אַ שטול פון צווייגן און ער האָט צווישן די ביימער פאַר זיי תורה געזאָגט. און דאָס שטעטל האָט אויפ־גענומען דעם בעש"ט פאַר אַ רב.

התגלות הבעש"ט.

(צווייטע לעגענדע).

דער הייליקער בעש"ט ז"ל איידער ער איז נתגלה געוואָרן פלעגט ער זיך אויפ־האַלטן אין מערות און וועלדער צווישן די שטעט קאָסוב און קיטיב, כדי ער זאָל האָבן התבודדות, זאָל קענען דינען השי"ת און קיין מענטש זאָל אים ניט שטערן פון דער עבודה צו זיין הייליקן נאָמען.

אין יענער צייט האָט דער בעש"ט ז"ל אָנגעהויבן נתגלה צו ווערן, האָט אָנגע־הויבן צו ווייזן וואונדערלעכע זאַכן.

דערנעמאָל איז געווען אין דער שטאָט העליטש אַ גרויסער גביר. דער גביר האָט געהאַט אַ בת־יחידה. איז די בת־יחידה קראַנק געוואָרן און קיין שום דאָקטאָר האָט איר ניט געקאָנט העלפן. דער גביר, דער פאָטער, האָט זייער פיל איינגעוועגדט, זי זאָל געהיילט ווערן, עס האָט אָבער קיין זאַך ניט געהאָלפן.

האָבן אים פיל מענטשן געזאָגט, ער זאָל פאָרן צום בעש"ט, אַזוי וועט זי באַ־שטימט געהיילט ווערן.

דער גביר איז געפאָרן צום בעש"ט און האָט אים זייער געבעטן, ער זאָל מיט אים פאָרן קיין העליטש און העלפן זיין טאָכטער.

דער בעש"ט האָט אים צוגעזאָגט, ווייל ער האָט געוואָלט, עס זאָלן מפורסם ווערן די דרכי החסידות, ווי אַזוי צו דינען השי"ת.

איז ער געפאָרן קיין העליטש.

אויפן וועג, ווי זיי זיינען דורכגעפאָרן די שטאָט פיסטין, האָבן זיי דאָרט גע־נעכטיקט. ביידערנאַכט בחצות לילה איז געוואָרן אַ גרויס געוואַלד אין שטאָט. מע האָט אויסגערופן: „ווער עס האָט יראת שמים אין האַרץ און ווער עס האָט מורא פאַר השי"ת, זאָל גיין אין שול תהילים זאָגן און וויינען פאַר השי"ת, ער זאָל זיך מרחם זיין אויף דער שטאָט, ער זאָל מבטל זיין די ביטערע גזירה.

דער בעש"ט האָט געפרעגט, וואָס דאָס איז פאַר אַ רעש אין שטאָט. האָט מען אים דערציילט, אַז עס איז אַ ביטערע גזירה.

די טאָכטער פון דעם שר־העיר איז קראַנק און קיין דאָקטאָר קען איר ניט העלפן. האָבן די גלחים אַן עצה געגעבן דעם שר, ער זאָל באַפעלן אויף די יידן, זיי זאָלן מתפלל זיין אויף איר פאַר השי"ת, און אַז זיי וועלן ניט פועל זיין ביי השי"ת, איז אַ סימן, אַז השי"ת האָט זיי פיינט און דורך זייערע זינד איז זיין טאָכטער קראַנק, דרום מוז ער זיי אַלע אַרויסטרייבן און שלאָגן און הרגענען.

איבער דעם זיינען די יידן אַזוי פאַרביטערט און שרייען און וויינען פאַר השי"ת, ער זאָל זיי העלפן אין דער גרויסער צרה.

אויסגעהערט די געשיכטע האָט דער בעש"ט זיך אָנגערופן:

— ג'יט צום שר און זאָגט אים. אַז עס איז געקומען אַ גרויסער חכם אַ ייד, וואָס וויל היילן דיין טאָכטער, ער נעמט זיך אונטער איר צו העלפן.

די יידן זיינען געגאַנגען צום שר און האָבן אים דאָס דערציילט.

דער שר האָט צום ערשטן דערפון ניט געוואָלט הערן. די יידן האָבן אים אָבער שטאַרק מפציר געווען און ער האָט געגעבן רשות, דער ייד זאָל קומען פאַר אים צו היילן די טאָכטער.

דער בעש"ט איז דאַן געגאַנגען אין פריצס הויף.

געקומען האָט ער געהייסן אַרויסנעמען פון דער שטוב אַלע בילדער און אַלעס אומריינס. דאַן האָט ער געבעטן, יעדער מענטש זאָל אַרויסגיין פון דעם הדר, קיינער זאָל זיך דאָרט ניט געפינען. דאַן האָט ער באַפוילן, מע זאָל די חולנית וויקלען און לייגן אויף דער לינקער זייט. דערנאָך וועט ער אַריינגיין זי היילן.

האָט מען אַלץ געטאָן, ווי ער האָט געהייסן.

אַ גלח האָט זיך אָבער באַהאַלטן אין אַ ווינקל, כּדי ער זאָל קאָנען זען, וואָס דער בעש"ט טוט.

נאָר אין דער רגע, ווי דער בעש"ט איז געקומען אויף דער טיר, האָט ער געזאָגט: — עס ליגט דאָ איינער, וואָס האָט זיך באַהאַלטן. זאָל מען אים אַרויס־טרייבן. האָט מען געזוכט און געפונען דעם גלח. האָט מען אים תּיכּף אַרויסגעטריבן.

דער בעש"ט האָט גענומען אַ פּאַטשיילע, האָט זיך פאַרבונדן די באָרד און פּאות, עס זאָל חלילה פון זיי קיין האָר ניט אַרויסקומען. דאַן האָט ער זיך איינגע־בויגן, געזאָגט איר עפּעס אין אייער אַריין און איז תּיכּף אַרויסגעגאַנגען.

— זי איז שוין אינגאַנצן געהיילט! — האָט ער געזאָגט.

און עס איז טאַקע אַזוי געווען. ביי אַלע מענטשן, וואָס זיינען דאָרטן געווען, איז דאָס געווען לפלא. דער נאָמען פון בעש"ט איז דאַדורך נתפּרסם געוואָרן און יעדער האָט געוווסט, אַז ער איז אַ איש בּעל־כּוח גדול און מע האָט אים געהאַלטן פאַר אַ איש קדוש ונורא.

*

פון דאָרטן איז דער בעש"ט געפאָרן מיטן גביר קיין העליטש.

דאָ האָט זיך דער בעש"ט געטראַכט: „עס איז ניטאָ קיין נויטווענדיקע זאַך צו טאָן פלאים חוץ לדרך הטבע, ברענגען אַ ישועה גדולה אין איין רגע, אַזוי ווי ער האָט געטאָן אין פיסטין. דעמאָלט איז געווען אַן עת צרה צו יידן. דאָ וועט ער טאָן פּאַוואָליע.

ער האָט געהייסן ברענגען די משוגעת אין בית המדרש אַריין אין דער צייט, ווען ער וועט דאַווענען. דאַן וועט זי הערן דברי קדושה און אַלע הייליקע ווערטער פון זיין מויל. אַזוי וועט אַלדאָס בייז פון איר אַנטלויפן.

און אַזוי איז געווען. לערך פיר וואָכן האָט געדויערט און דעם גבירס טאָכטער איז געהיילט געוואָרן פון איר משוגעת און איז געזונט געוואָרן ווי יעדער מענטש.

דאַדורך איז דער נאָמען פון דעם הייליקן בעש"ט נתגלה געוואָרן און זיי וועלט האָט זיך צו אים זייער צוגעצויגן.

אַ גאַנצער המון אָנפאַלער אַנטלויפט פון בעש״ט.

איינמאָל איז דער בעש״ט געקומען צו פאָרן קיין פוזנע. דער פערד האָט זיך צעטראָגן און איז אַריינגעפאָרן אין אַ גאַס, ווו די יידן האָבן זיך ניט געטאָרט ווייזן אונטער דעם שרעק פון טויט=שטראָף. די איינציקע אויסנאַם איז געמאַכט געוואָרן פאַר אַ יידישן שניידער, וואָס האָט געוווינט אויף דער דאָזיקער גאַס.

דער בעשט איז פאַרפאָרן צו אים און האָט אָנגעהויבן צו טאָן תפילה מיט גרויס דבקות און געשרייען.

דערהערט דידאָזיקע געשרייען, האָבן די קריסטן אַרומגערינגלט דעם שניידערס הויז און גענומען פאָדערן, מע זאָל זיי אַרויסגעבן דעם אָנגעקומענעם. ווען דער שניידער האָט, נאָכטוענדיק לויטן, זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצוגעבן דעם אורח, האָבן זיי זיך באַוואָפנט מיט שטיינער און זיך אָנגעהויבן צו ברעכן אין טיר אַריין.

דאַן האָט דער בעש״ט געעפנט די טיר, איז אַרויס אויף דער גאַס און געטאָן אַ קוק אויף די אָנפאַלער. און כהרף עין איז צווישן זיי געוואָרן אַ גרויסע מהומה. אין גרויס אימה האָבן זיי אָנגעהויבן צו אַנטלויפן, אומוואַרפנדיק איינער דעם אַנדערן און ברעכנדיק זיך הענט און פיס.

פון גאַנץ שטאָט איז מען זיך צונויפגעלאָפן אַ קוק טאָן, ווי אַזוי די גבורים מיט קולות „ראַטעוועט" אַנטלויפן פאַר איין יידן, וואָס יאָגט זיי גאָר ניט נאָך.

און ווען מ'האָט שפּעטער געפרעגט די אַנטלויפנדיקע, פאַרוואָס האָבן זיי זיך עס אַזוי דערשראָקן, האָבן זיי געענטפערט: „אונדז האָט זיך געדאַכט, אַז אַרום דעם יידן זייען געשטאַנען פייערדיקע לייבן, לעמפּערטן, בערן און משונה גרויסע שלאַנגען, וועלכע האָבן געעפנט די מיילער אונדז איינצושלינגען; אונדז האָט זיך געדאַכט, אַז זיי יאָגן אונדז נאָך און אַז זייער פייער ברענט אונדז".

דער פריץ—דער מכשף.

אַמאָל איז דער בעש״ט געווען איגדערוועגנס, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין אַ קרעטשמע נעכטיקן. אַריינגעקומען אין קרעטשמע זעט דער בעש״ט—עס ברענען אַ סך ליכט און דער באַלעבאָס איז טרויעריק. פרעגט דער בעש״ט: — „וועל איך דאָ קענען נעכטיקן?" ענטפערט דער באַלעבאָס: „ניין". פרעגט אים דער בעש״ט: „וואָס זייט איר אַזוי טרויעריק? דערציילט, פילייכט וועל איך אייך קענען אַ טובה טאָן". און ער זאָגט אים ווער ער איז.

האָט אים דער קרעטשמער דערציילט: — היינטיקע נאַכט איז ביי מיר אַ וואַכנאַכט. איך באַדאַרף מאָרגן יידישן דאָס קינד. און עס האָט שוין ביי מיר געטראָפן פיל מאָל, אַז פונקט אין דער האַלבער נאַכט שטאַרבט ביי מיר דאָס קינד. פון וואַנען דאָס נעמט זיך, ווייס איך ניט. איך זע קיינמאָל קיין שלאַפקייט ניט. אַצינד איז שוין ביין דער זייגער און איך האָב מורא, טאָמער טרעפט מיר היינט אויך, ווי עס פלעגט מיר טרעפן. דעריבער בין איך טרויעריק און וויל ניט צונעמען קיין אורח היינטיקע נאַכט.

— האָב קיין מורא ניט—האָט אים דער בעש״ט באַרויִקט— עס וועט גאָרניט זיין. גרייט זיך אויפן ברית!

און ער האָט באַפוילן, מע זאָל אַנידערשטעלן צוויי מענטשן לעבן קינדס וויגעלע. די מענטשן זאָלן האַלטן אָפּענערהייט אַ זאַק. דער עולם אַרום זאָל ניט שלאָפן. און וויבאַלד עס וועט עפּעס אַריינפּאַלן אין דעם זאַק אַריין, זאָל מען אים אויפוועקן. מע האָט אַלץ מקיים געווען, ווי דער בעש"ט האָט פאַרזאָגט. אַז ס'איז געקומען האַלבע נאַכט, האָבן זיך די ליכט אָנגעהויבן צו לעשן. די תלמידים האָבן זיך אָבער געשטאַרקט און ניט דערלאָזט, אַלע ליכט זאָלן אויסגעלאָשן ווערן. פּלוצלונג איז אין זאַק אַריינגעפּאַלן אַ גרויסע קאַץ. די מענטשן האָבן גיך פאַרבונדן דעם זאַק און אויפגעוועקט דעם בעש"ט. ער האָט געהייסן איבערבינדן דעם זאַק נאָך אַמאָל און צוויי מענטשן זאָלן נעמען קאַטשלקעס און שלאָגן שטאַרק איבערן זאַק. מע האָט אַזוי געטאָן. נאָכער האָט ער געהייסן אויפבינדן דעם זאַק און אַרויסוואַרפן די קאַץ אויפן גאַס.

דעם קינד האָט קיין זאַך ניט געשאַדט. ער איז געווען געזונט און מע האָט אויף מאָרגן געמאַכט דעם ברית. דער בעש"ט איז געווען סנדק און ס'איז געווען פריילעך.

נאָכן ברית בעט דער בעל-ברית דעם בעש"ט אָפּוואַרטן אויף דער סעודה.

— איך — זאָגט ער — מוז גיין צום פּריץ פון דעם דאָרף אַוועקטראָגן אים לעקעך. ער איז אַ רשע און איך האָב מורא פאַר אים. אַז איך וועל צוריקקומען, וועלן מיר מאַכן די סעודה. בענטשט אים דער בעש"ט: „לך לשלום!"

ווי דער בעל ברית איז געקומען אין הויף אַריין, זאָגן אים די קנעכט: — דער פּריץ איז פאַרווונדעט און ליגט שלאָף.

בעט זיי דער רענדאַר, זיי זאָלן מעלדן דעם פּריץ, אַז ער האָט אים געבראַכט לעקעך. האָט מען דאָס געמאָלדן. הייסט דער פּריץ רופן דעם אַרענדאַר. קומט דער אַרענדאַר אַריין. נעמט אים דער פּריץ גאַנץ שיין אויף און פרעגט אים:

— ווער איז דאָ ביי דיר פון פרעמדע מענטשן?

זאָגט דער רענדאַר: — „עס איז צו מיר געקומען פון פּוילן אַ פיינער מענטש, ער האָט מיר מציל געווען מיין קינד פון טויט". און ער דערציילט דעם פּריץ די גאַנצע מעשה, וואָס עס האָט זיך געטאָן ביי אים ביינאַכט.

זאָגט צו אים דער פּריץ: — גיי גיך אַהיים און בעט דעם אורח, ער זאָל קומען צו מיר, איך וויל מיט אים עפּעס ריידן.

דער בעל ברית דערשרעקט זיך און גייט אַהיים.

ווי ער קומט אין שטוב אַריין, פרעגט אים דער בעשט: — וואָס ביסטו אַזוי דערשראָקן?

זאָגט ער: — איך האָב פיל צער, דער פּריץ האָט מיר געהייסן, איר זאָלט קומען צו אים. איך האָב מורא, ער זאָל אייך ניט טאָן קיין שלעכטס, וואָרום ער איז זייער אַ שלעכטער מענטש. איך וואָלט אייך געראָטן וואָס גיכער אָפּפאָרן און שיקן זאָגן דעם פּריץ, אַז איר האָט קיין צייט ניט.

דער בעש"ט אָבער ענטפערט: — איך האָב פאַר אים גאָר קיין מורא ניט, נאָך דער סעודה וועל איך גיין צו אים.

און ער טוט אַזוי ווי ער זאָגט און גייט אויף צום פּריץ.

דער פּריץ איז געווען אַ רשע און אַ מכשף. ער פלעגט זיך דאָס פאַרשטעלן און הרגענען די קינדער אַלע וואַכנאַכט.

אַז דער בעש"ט איז צו אים געקומען, האָט ער זיך אָנגערופן:

— ס'איז קיין קונץ ניט, דו האָסט מיך געכאַפּט פּלוצלונג, איך האָב זיך ניט געריכט. זאָג מיר אָן פּאָרויס, וועל איך מיט דיר שטיין אויפן פּלאַץ, וועלן מיר דאַן זען, ווער עס איז אַ גרעסערער מכשף.

ענטפערט אים דער בעש"ט: — איך האָב ניט געמיינט צו שטרייטן מיט דיר. נאָר איך האָב געמוזט רעטן דאָס קינד. איך בין אָבער אַ בעל שם און מיט שמות הקדושים קאָן איך איבערמאַכן אַלע כּישופן. ווען דו ווילסט, איך זאָל מיט דיר שטרייטן, באַשטיי איך. איך וועל צונויפקלייבן מיינע תּלמידים און וועל קומען צו דיר. דו קלייב צונויף דיינע חברים און אין אַ חודש אַרום וועל איך מיט דיר שטרייטן אויפן פּלאַץ. דאַן וועסטו אויך וויסן, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, וואָס באַהיט פון אַלע כשופן.

און אַזוי איז געווען.

אין אַ חודש אַרום איז דער בעש"ט געקומען מיט אַלע תּלמידים. דער מכשף האָט אויך צונויפגעקליבן נאָך מכשפים און זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען אויף אַ פרייען פּלאַץ. דער בעש"ט האָט געמאַכט צוויי קרייזן אַרום זיך. אַרום די תּלמידים האָט ער אויך געמאַכט אַ קרייז קעגנאיבער און האָט זיי אָנגעזאָגט, זיי זאָלן אים קוקן אין פּנים אַריין, און אַז זיי וועלן דערזען פון אים אַן אַנדער מינע, זאָלן זיי מהרהר בתשובה זיין.

דער מכשף מיט זיינע חברים זיינען געשטאַנען ווייט פון בעש"ט. זיי האָבן זיך אויך אַרומגערינגלט מיט אַ קרייז. אין אַ ווײַלע אַרום האָט דער מכשף אָנגעהויבן צו שיקן אויפן בעש"ט חיות רעות. די חיות זיינען געלאָפן מיט אַ מוראדיקן צאָרן, אָבער ווי זיי פלעגן קומען צום ערשטן קרייז, פלעגט פון זיי גאָרנישט ניט בלייבן.

אַזוי האָט געדויערט אַ גאַנצן טאָג.

אַלע רגע האָבן זיך די חיות געביטן. עס זיינען געווען לייבן, טיגערס, לעמפּערטן, וועלף, איינהאָרנס און אַזעלכע, וואָס האָבן גאָר קיין נאָמען ניט. די רציחה זייערע איז געווען גרויס. זיי האָבן אָבער גאָרנישט נישט געקאָנט מאַכן. צום לעצטן האָט דער מכשף געשיקט ווילדע חזרים, וואָס האָבן פון די פּיסקעס געוואָרפן פייער. די חזרים זיינען אַריבער דעם ערשטן קרייז. די תּלמידים האָבן דאַן דערזען ביים בעש"ט אויפן פּנים אַ פאַר'ענדערונג.

זיי האָבן מהרהר בתשובה געווען. ווי די ווילדע חזרים זיינען אָבער געקומען צום אַנדער קרייז, איז פון זיי קיין זכר ניט געבליבן. די פלאַמען האָבן זיך פאַרלאָשן ווי אויסגעבלאָזענע ליכט.

דריי מאָל האָט דער מכשף אַזוי געטאָן און דריי מאָל איז אַלץ אַזוי געווען.

— נו — האָט דאַן געזאָגט דער מכשף צום בעש"ט — איך האָב שוין מער קיין כח ניט צו שטרייטן. איך ווייס — דו וועסט מיך אומברענגען מיט אַ קוק. איך געזעגן זיך מיט מיין וועלט.

ענטפערט אים דער בעש"ט: — ווען איך וואָלט דיך וועלן אומברענגען, וואָלט שוין לאַנג געווען פון דיר אַש. איך האָב דיר נאָר געוואָלט ווייזן, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט. זאָלסט וויסן, אַז איך קאָן בעסערס פון דיר אויפטאָן אָן כישוף. הייב אויף די אויגן און טו אַ קוק אויפן הימל.

דער מכשף האָט אַ קוק געטאָן. זיינען געקומען צופליען צוויי אָדלערס און האָבן אויסגעשטאָכן דעם מכשף ביידע אויגן. ער איז בלינד געוואָרן ביזן טויט און קיין מכשף האָט ער שוין אויך מער ניט געקאָנט זיין.

דער בעש"ט ראַטעוועט זיך פון אַ סכנה.

דער הרב הצדיק ר' יצחק אייזיק פון האָמאַרני האָט אַמאָל דערציילט פון בעש"ט אַזאַ מעשה:

אין אָנהייב, ווען דער בעש"ט איז נתגלה געוואָרן, זיינען געווען שלעכטע מענטשן, וואָס האָבן אים געוואָלט מצער זיין.

ויהי היום האָבן זיך פאַרזאַמלט אַ באַנדע רשעים אין אַ פעסטונג, געשיקט צו אים אַ שליח בעטן אים, ער זאָל קומען צו זיי וועגן אַ ווי‏כטיקן ענין. זייער כונה איז געווען אים צו באַרוישן מיט וויין און נאָכדעם פון אים חוזק צו מאַכן.

דער בעש"ט האָט אפילו געזען זייער שלעכטע כונה, דאָך איז ער געפאָרן צו זיי. ווי ער איז אַהין געקומען, האָבן זיי געמאַכט אַ גרויסע סעודה, געגעבן אים טרינקען וויין, וואָס איז אַלט הונדערט יאָר. פון דעם וויין מוז מען שיכור ווערן, ווען מע זאָל אפילו ווייניק טרינקען דערפון.

ער איז אָבער ניט שיכור געוואָרן. אויף זיי, פאַרקערט, איז אָנגעפאַלן אַ שטאַרקער שלאָף און זיי זיינען אַלע געבליבן ליגן ווי טויטע.

און דער בעש"ט האָט געזאָגט צו זיין משרת, ער זאָל שפאַנען דעם וואָגן און פאָרן אַהיים.

— הייליקער רבי — האָט דער משרת געזאָגט — איך האָב געזען, ווי מיר זיינען אַריינגעפאָרן אין דער פעסטונג, האָט מען פאַרשלאָסן די טויערן, מיר זאָלן ניט קאָנען אַנטלויפן.

— טו ווי איך זאָג דיר — האָט דער בעש"ט געענטפערט — גיי צו צו אַ טויער און זאָג אים אין מיין נאָמען, ער זאָל זיך עפענען.

און אַזוי איז געווען.

*

די ווייבער פון די רשעים האָבן געזען דעם גרויסן מופת, וואָס דער בעש"ט האָט געוויזן, האָבן זיי אים געבעטן מיט גרויס געוויין, ער זאָל זייערע מענער ניט באַשטראָפן.

האָט זיי דער בעש"ט געענטפערט: „אויף אייערע מענער איז פאַרחתמעט אַ גזר פון שרפה, מגפה, אָרעמקייט און פון האָבן קינדער בעלי מומים. נאָר מיט אייערע טרערן האָט איר געפועלט, אַז צוואַנציק יאָר צייט וועט די גזרה ניט אויסגעפירט ווערן". און דער בעש"ט איז אַוועקגעפאָרן. אַזוי ווי ער האָט מורא געהאַט, די רשעים זאָלן אים ניט נאָכיאָגן, האָט ער געהאַט קפיצת הדרך.

נאָכער האָט דער בעש"ט געזאָגט: — ווען די רשעים וואָלטן אים חלילה געשלאָגן, וואָלט חרוב געוואָרן אַ האַלבע וועלט. ווען אָבער עס וואָלטן ניט געווען קיין רשעים, וואָלט ער געבראַכט די גאולה און די גאַנצע וועלט וואָלט געלעבט גליקלעך.

דער בלבול אויף יידן.

אַמאָל איז דער בעש"ט געזעסן עטלעכע וואָכן בק"ק זאַסלאַוו. אינדעם האָט מען געפונען אין פעלד אַרום זאַסלאַוו אַ געהרגעטן. האָט מען אים געבראַכט אין שטאָט אַריין און די קריסטן האָבן שוין געוואָלט מאַכן אַ בלבול אויף יידן, ווי דער סדר פלעגט זיין.

נאָר די דוכסה פון זאַסלאַוו האָט מורא געהאַט אַזוי גיך שלעכטס צו טאָן די יידן, וואָרום זי האָט געדענקט ווי איר מאַן דער דוכס האָט געהאַט זייער אַ בייזן סוף, ווען מ׳האָט געהרגעט אין זאַסלאַוו די יידישע קדושים. ניט לאַנג נאָך דער הריגה, אַז דער דוכס איז געפאָרן אין וועג, האָט אים פלוצלונג אָנגעהויבן צו וואַרפן פון איין אָרט צום אַנדערן. ער האָט געשריען, אַז ער זעט, ווי די קדושים שטייען און טוען אים אָן יסורים. און געשריען אַזוי לאַנג, ביז ער איז מת געוואָרן.

דרום האָט די דוכסה ניט געוואָלט ענטפערן די העצער, ביז מע וועט רעכט חוקר ודורש זיין. — זאָל מען געוואר ווערן — האָט זי געזאָגט — אויב די יידן האָבן אים געהרגעט און אויב ניין.

אַז קהל איז געוואָר געוואָרן פון דער געשיכטע, האָבן זיי זייער מורא געקראָגן. האָבן זיי געשיקט ר׳ אייזיק בן הרב ר׳ דוד צום בעש״ט אין האַרבעריג. דער בעש״ט איז דאַן געשטאַנען און ר׳ הירש סופר האָט פאַר אים געזאָגט זוהר. דאָס פּנים פון בעש״ט האָט געפלאַקערט. ווי ר׳ אייזיק איז געקומען אויף דער טיר, האָט ר׳ הירש סופר אַ ווונק געטאָן צו ר׳ אייזיקן, ער זאָל אַוועקגיין, וואָרום דעם פּחד פון בעש ט איז זייער גרויס געווען. ר׳ אייזיק איז אַרויסגעגאַנגען און איז באַלד ווידער געקומען. ר׳ הירש האָט אַ ווונק געטאָן, ער זאָל ווידער אַרויסגיין.

איז ר׳ אייזיק געקומען צו קהל מיט גאָרנישט. האָט דאַן קהל געבעטן דעם רב ר׳ דוד, ער זאָל אַליין גיין, וואָרום ער איז אַ גרויסער חשוב ביים בעש״ט. איז ר׳ דוד געקומען צום בעש״ט און האָט אים דערציילט די מעשה. האָט דער בעש״ט געענטפערט: — עס איז אָן בייז, איך הער ניט ריידן דערפון אין הויף.

נאָכן עסן איז דער בעש״ט געלעגן אויף אַ קאַסטן, אָנגעשפּאַרט אויף די הענט, און לייט זיינען אַרום אים געשטאַנען. האָט ער צוגעלייגט זיין אויער, אַזוי ווי אַ מענטש לייגט צו זיין אויער, אַז ער וויל עפּעס הערן, און געזאָגט: — לאָז מען מיר גיך וואַרעמען די מקוה וואָרום איך הער, אַז מע רעדט פון דעם בלבול אין הויף ביי דער דוכסה.

קומענדיק אַהיים, האָט ער געזאָגט: — מע זאָל קיין מורא ניט האָבן, עס וועט גאָרנישט ניט זיין דערפון!

האָט קהל געשיקט דעם שתדלן אין הויף אַריין. האָט ער געהערט, אַז שונאי ישראל זיינען געקומען צו דער דוכסה קלאָגן מכּח דעם געהרגעטען. האָט די דוכסה געשיקט דעם דאָקטאָר, ער זאָל זען, אויב ער איז מת געוואָרן אַליין אָדער מע האָט אים געהרגעט. קהל האָט פאָרט מורא געהאַט און האָט צוגעזאָגט דעם דאָקטאָר דרייסיק גאָלד גילדן.

בעזה״ש איז פון דעם בלבול גאָרניט געוואָרן.

אחר המעשה האָט דער זאַסלאַווער רב, וואָס איז געווען ר׳ הירשס אַ שוואָגער, געפרעגט דעם בעש״ט: — פאַרוואָס האָט איר פריער ניט געזאָגט איידער מע האָט געפונען דעם הרוג אויפן פעלד, מע זאָל קיין מורא ניט האָבן.

האָט דער בעשט אים געענטפערט:

— מע האָט מיר געזאָגט, אַז דעריבער האָט מען מיר ניט מודיע געווען און מע האָט פון מיר פאַרבאָרגן די זאַך, ווייל איך האָב מיר מתעצל געווען מספּיד צו זיין ר׳ חיים מבראָד.

די לעצטע קו.

אַמאָל איז דער בעש"ט געפאָרן מיט זיינעם אַ תּלמיד ר' וואָלף קיצעס איבער די דערפער. קומענדיק צוריק האָט דער תּלמיד דערציילט וועגן בעש"ט אַזאַ מעשה:

מיר זיינען געקומען אין אַ דאָרף. דאָרטן האָט געוואוינט אַן אָרעמער ייד, אַ גרויסער מאמין אין בעש"ט. ער האָט זיך מיט אונדז שטאַרק געפרייט. זאָגט צו אים דער בעשט: „גיב מיר וואָס שנעלער ח"י רובל". האָט זיך דער ישובניק גאָר ניט מיישב געוועזן. שנעל פאַרקויפט זיין איינציקע קו און געגעבן דעם בעש"ט די ח"י רובל.

— דערפאַר, וואָס דו האָסט צוליב מיר פאַרקויפט די לעצטע קו, האָט מען אויבן פאַרשריבן, אַז דו וועסט רייך ווערן—האָט צו אים דער בעש"ט געזאָגט.

און מיר זיינען אַוועקגעפאָרן ווייטער. אויפן וועג האָב איך געהערט אַ שרעקלעכע מעשה: דער פּריץ פון דאָרף, וווּ דער ייד האָט געוואוינט, האָט געשיקט בעטן פון יידן די אָרענדע. דער ייד האָט אָבער קיין געלט ניט געהאַט, ווייל ער האָט זיין לעצטן פאַרמעגן אַוועקגעגעבן דעם בעש"ט. האָט ער ניט געקאָנט באַצאָלן דעם פּריץ די דירה-געלט. האָט דער פּריץ באַפוילן זיינע דינער, זיי זאָלן אים אַרויסוואַרפן פון דירה און אַרויסטרייבן פון דאָרף. האָבן זיי אַזוי געטאָן. דער ייד מיט זיין ווייב און קינדער האָבן געמוזט אַרויסציען פון דאָרף.

•

איז דער פאַרטריבענער ישובניק אַוועקגעגאַנגען אין אַן אַנדער דאָרף. גייענדיק האָט ער געטראָפן זיינעם אַ באַקאַנטן קריסט, וואָס האָט פיל מאָל געבאָרגט ביי אים שנאַפּס און באַרעס געלט. דער ייד האָט אים דערציילט זיין אומגליק. דער קריסט איז געוועזן אַן אָרנטלעכער מאַן.

— זאָרג ניט, האָט ער זיך צו אים אָפּגערופן—איך האָב אַ רייכן ברודער אין יענעם דאָרף—איך גיי איצט צו אים. קום מיט מיר, ער וועט דיר געוויס אַ טובה טאָן, אויב ער וועט נאָר קאָנען.

זיי זיינען געקומען אין נייעם דאָרף. דער אַנדער קריסט איז געוועזן זייער אַ פרומער מאַן און האָט געגלויבט אין חלומות. מיט אַ נאַכט פריער איידער דער ישובניק איז צו אים געקומען, האָט זיך דעם קריסט געחלומט, אַז אַלע זיינע בהמות זיינען קראַנק געוואָרן. און אַן אָרעמער ישובניק איז צו אים געקומען מיט זיין ברודער פון יענעם דאָרף און האָט אַלע זיינע בהמות געזונט געמאַכט. און אַז ער האָט דעם יידן געפרעגט, וואָס ער פאַרלאַנגט דערפאַר, האָט דער ייד אים געבעטן, ער זאָל אים פאַרקויפן איין בהמה אויף באָרג, ווייל ער האָט ניט, וואָס צו טאָן; וועט ער פאַרקויפן די מילך אין דאָרף און וועט דערפון לעבן.

האָט אים דער קריסט געענטפערט: — נעם צוויי בהמות. האָט דער ייד געזאָגט: נאָר איינע זאָלסטו מיר פאַרקויפן, ווייל איך גלויב, אַז גאָט קאָן מיר שפּייזן פון איינע, אַזוי ווי פון צוויי.

דער קריסט האָט אויפגעוואַכט פון שלאָף און איז געלאָפן צו זיינע בהמות זען, וואָס זיי מאַכן.

האָט ער געפונען—דער פאַסטוך וויינט און די בהמות ליגן אויף דרערד און ווילן זיך ניט שטעלן. ער האָט זיי שוין שטאַרק געשלאָגן אָבער עס העלפט ניט.

— אַ האַלבער חלום איז מקוים געוואָרן—האָט דער קריסט געטראַכט—איצט דאַרף אויך מקוים ווערן דער אַנדער האַלבער חלום.

און ווי ער טראַכט אַזוי—איז געקומען צו אים אַשליח אָנזאָגן, אַז זיין ברודער מיט אַ יידן זיינען צו אים געקומען.

— לויף שנעל—האָט דער קריסט געזאָגט צום שליח—און ברענג זיי ביידן אַהער צו מיר.

באַלד האָט ער זיי געבראַכט.

— וואָס טוט מען? — האָט דער קריסט געפרעגט ביים יידן, אָנווייזנדיק אים אויף די בהמות — אויב דו וועסט זיי אויפשטעלן פון דרערד, שענק איך דיר צוויי שטיק.

— פאַר מיר איז גענוג איינע—האָט דער ייד געענטפערט—ווייל איך גלויב, אַז גאָט קאָן מיר שפייזן פון איינע אַזוי ווי פון צוויי.

— אַקוראַט דיזעלבע ווערטער, וואָס מיר האָט זיך געחלומט—האָט דער קריסט געטראַכט, און צום יידן האָט ער געזאָגט: — זאָל זיין איינע אַ גוטע בהמה, נאָר ווייז מיר שוין דיין קראַפט, שטעל די בהמות אויף זייערע פיס.

דער ייד האָט גענומען אַ ביסל היי און אויף קי-לשון גענומען רופן די בהמות. די בהמות האָבן זיך אויפגעהויבן פון דער ערד און זיינען אים נאָכגעגאַנגען.

דער קריסט האָט דעם יידן געשאָנקען די בעסטע בהמה.

*

ביי דעם פריץ פון דאָרף, וווּ דער ישובניק האָט זיך באַזעצט, זיינען קראַנק געוואָרן אַלע בהמות. האָט ער געשיקט זיין דינער קויפן פרישע מילך. דער דינער איז גראָד געקומען צום יידן, געקויפט ביי אים מילך און געבראַכט די מילך צום פריץ. די מילך איז דעם פריץ זייער געפעלן. האָט ער באַלד גערופן דעם דינער און געפרעגט, ביי וועמען ער האָט די מילך געקויפט. האָט אים דער דינער דערציילט דעם אמת, אַז ער האָט דאָס געקויפט ביים יידן, וואָס האָט זיך ניט לאַנג אַריינגעצויגן וווינען אין דאָרף אַריין.

— אַזעלכע גוטע מילך טרינק איך דעם ערשטן מאָל אויף מיין לעבן—האָט דער גראַף געזאָגט—גיי שנעל און רוף דעם יידן צו מיר.

דער דינער האָט געבראַכט דעם יידן צום פריץ.

גייענדיק צום גראַף האָט דער ייד תפילה געטאָן:

— רבש"ע—האָט ער געזאָגט שטילערהייט—גיב מיר חן אין די אויגן פון פריץ, דער זכות פון בעש"ט זאָל מיר ביישטיין.

*

דער בעש"ט האָט אָנגעזאָגט זיין משרת, ער זאָל קיינעם ניט אַריינלאָזן אין זיין חדר און זאָל ניט קלאַפן אין טיר, ביז ער וועט אים רופן.

אַז דער ייד איז אַוועק צום פריץ, איז דער בעש"ט אויך אַרויס פון זיין חדר און איז אַריינגעגאַנגען צום פריץ צוזאַמען מיטן ישובניק. קיינער האָט אים אָבער ניט געזען.

ווער עס ווייס פון די אַמאָליקע פריצים, וועט זיך געוויס וווּנדערן צו הערן:

דער פריץ האָט דעם ישובניק פריינדלעך באַהאַנדלט און האָט אים געבעטן, ער זאָל אים אַלע טאָג ברענגען די מילך פון זיין בהמה. אַ לאַנגע צייט האָט דער

ישובניק אַלע טאָג געבראַכט די מילך צום גראַף און דער גראַף פלעגט אים באַצאָלן אַזוי פיל געלט, אַז ער האָט געהאַט צום לעבן.

*

דער גראַף האָט קיין פרוי און קינדער ניט געהאַט און אַרבעטן האָט ער אויף זיין גאַנצן לעבן ניט געאַרבעט. דערום פלעגט ער האָבן גרויס פאַרגעניגן צו פאַרברענגען מיטן ישובניק. דער ייד האָט ביים גראַף זייער נושא חן געווען.

איינמאָל האָט זיך דער פריץ אָפּגערופן צו אים: — הער, חיים, ווייסט דאָך, אַז איך האָב פיל גיטער אין אויסלאַנד, איך מוז אַהין פאָרן מאַכן אַ רעכענונג און עס קען מיגלעך זיין, אַז איך וועל דאָרטן בלייבן פיל יאָרן. בכן גיב איך דיר אַ מתנה דעם דאָרף מיט דער שטאָט, וואָס געהערט צו מיר. איך וועל דיר אַרויס־געבן אַ קאָנטראַקט אויף פיל יאָרן, אַז דו האָסט מיר באַצאָלט פאַר די גאַנצער צייט.

דער פריץ האָט אויסגעפירט זיין צוזאָג און איז אַוועקגעפאָרן.

ר' חיים האָט זיך אַריינגעצויגן אין פאַלאַץ, ווו דער פריץ האָט געוווינט. ער האָט אַריינגענומען צו זיך אין דאָרף אַריין צען יידן, ער זאָל קאָנען אַלע טאָג דאַווענען מיט אַ מנין, און איינמאָל אין וואָך פלעגט ער קומען אין שטאָט אַריין טיילן נדבות אָרעמע מענטשן און געבן מתנות דעם רב און אַלע כלי קודש.

*

אין יענער צייט האָט דער בעש"ט געשיקט זיין תלמיד הרב הצדיק ר' וואָלף, ער זאָל צוזאַמענקלייבן געלט אויף פדיון שבוים. ר' וואָלף איז עטלעכע טעג אַרומ־געפאָרן און ס'האָט אים נאָך געפעלט דריי הונדערט רובל. ער איז אויך געקומען אין יענער שטאָט, ווו ר' חיים איז געזעסן, איז אַוועקגעגאַנגען צום רב און דערציילט אים, צו וואָס ער איז געקומען.

האָט אים דער רב מקבל געווען מיט גרויס אַהבה און צו אים געזאָגט: „ביי אונדז אין שטאָט איז געוואָרן אַ נייער גביר. ער איז אַ פרומער ייד און אַ גרויסער בעל צדקה. גייט אַריין צו אים, ער איז איצט דאָ אין שטאָט. ער וועט אייך געוויס געבן אַ שיינע נדבה".

ביי ר' חיימען אין זאַל זיינען דעמסטמאָל געווען פיל געסט. יעדער איז געקומען צו אים מיט זיין עסק, ווי צו אַ פריץ. ווי ר' חיים האָט צווישן די געסט דערזען הרב ר' וואָלף, האָט ער אים באַלד דערקאָנט. ער האָט אים אַריינגעפירט אין אַ חדר מיוחד און דערציילט אים אַלץ, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט. ר' חיים האָט אים גע־געבן די דריי הונדערט רובל און נאָך טייערע מתנות פאַר אים און פאַרן בעש"ט.

*

הרב ר' וואָלף איז געקומען קיין מעזשיבוזש און דערציילט דעם בעש"ט די מעשה מיטן ישובניק.

— אַצינדערט — האָט דער בעש"ט געזאָגט — וועל איך דיר מגלה זיין די זאַך, וואָס ביי דיר איז געווען אַ ביסל קשה צו פאַרשטיין.

— אַז מיר ביידע זיינען דעמסטמאָל געקומען אין דאָרף אַריין, האָב איך געזען ברוח הקודש, אַז די הצלחה וויל קומען צו אים, נאָר ניט אין דעם דאָרף, ווו ער האָט געוווינט. און אַזוי ווי איך האָב געוווסט, אַז אויב ר' חיים וועט האָבן געלט צו

באַצאָלן דעם פּריַיז פאַר דער אַרענדע, וועט ער ניט וועלן פון דאָרט אַרויסגיין, האָב איך דערפאַר ביי אים צוגענומען די לעצטע ח״י רובל, כדי ער זאָל ניט האָבן צו באַצאָלן דעם פריַיז פאַר דער קרעטשמע, וועט ער מוזן פון דאָרטן אַנטלויפן אין אַ צווייטן דאָרף, וואָס דאָרטן איז געשטאַנען די הצלחה און געוואַרט אויף אים.

צעריסן דעם שטר־חוב.

אַמאָל איז דער בעש״ט געקומען אין אַ דאָרף. דער רענדאַר איז געוועזן פון זיינע לייט. האָט ער געמאַכט פון בעשט״סט וועגן אַ גרויסע סעודה. דער בעש״ט האָט זיך פונאַנדערגערעדט מיטן רענדאַר, ווי עס פירט זיך, מכח פרנסה.

זאָגט דער רענדאַר: — איך בין אין געמיינעם שטייגער.

פרעגט אים דער בעש״ט: — האָסטו גוטע פערד?

זאָגט ער: — יאָ.

זאָגט דער בעש״ט: — לאָמיר גיין אין שטאַל אַריין זען דיינע פערד.

זיינען זיי געגאַנגען.

איז דעם בעש״ט געפעלן געוואָרן אַ קלײן פערדל. בעט ער דעם רענדאַר, ער זאָל עס אים שענקען.

זאָגט דער רענדאַר: — דאָס קליין פערדל איז ביי מיר זייער חשוב, וואָרום עס געשטייט פאַר דריי פערד. אויף אַזאַן אָרט, ווו דריי פערד קענען ניט אַרויסשלעפּן, שלעפּט עס אַליין אַרויס. עס האָט זיך מיר כמה פעמים געטראָפן. אויב איר ווילט אַן אַנדער פערד, דאָס בעסטע, וועל איך אייך שענקען.

דער בעש״ט האָט זיך ניט ווייסנדיק געמאַכט און אין אַ שעה אַרום ווייטער גענומען ריידן מכח דעם רענדאַרס מעמד, אויב ער האָט עפּעס חובות.

זאָגט דער רענדאַר: — איך האָב חובות ביי פיל מענטשן.

זאָגט דער בעשט: — איך בעט דיך, דו זאָלסט מיר וויַיזן דיינע שטרי חובות.

האָט דער רענדאַר געוויזן.

האָט דער בעש״ט דערזען אַ שטר חוב און געזאָגט: — איך בעט דיך, שענק מיר דעם שט״ח במתנה.

זאָגט דער רענדאַר: — רבי, וואָס טויג דאָס אייך? דער, וואָס איז געחתמעט אויף דעמדאָזיקן שטר־חוב, איז שוין עטלעכע יאָר טויט און עס איז ניט געבליבן פון אים קיין זאַך, מיט וואָס מע זאָל קענען באַצאָלן.

זאָגט דער בעש״ט: — איך וויל פאָרט, דו זאָלסט מיר שענקען דעם שט״ח.

האָט אים דער רענדאַר געשענקט. דער בעש״ט האָט גענומען דעם שט״ח, צעריסן אים אויף שטיקער און מוחל געווען דעם מת דעם שט״ח.

אין אַ ווײלע אַרום זאָגט דער בעש״ט צום רענדאַר: — גיי זע נאָר, וואָס ס׳טוט דאָס קליין פערדל.

איז ער געגאַנגען. זעט ער — דאָס קליין פערדל איז געפאַלן. דער רענדאַר האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז בוודאי ניט אומזיסט. האָט ער געפרעגט דעם בעש״ט, וואָס דאָס באַטייט.

האָט אים דער בעש״ט געזאָגט: — דעם מענטשן, וואָס איז דיר שולדיק געווען דאָס געלט פון דעם שט״ח, האָט מען אויבן פאַרמשפט, ער זאָל דיר אָפּאַרבעטן פאַר דעם געלט מיט נחת רוח, וואָס ער וועט דיר אָנטאָן. און ער איז מגולגל געוואָרן

אין דעם פערד. דרום האָט דאָס דיר דער פערד גרויס נחת רוח אָנגעטאָן. אַז דו האָסט מיר געשענקט דעם שט״ח און איך האָב אים מוחל געווען דעם חוב, איז ער שוין פריי געוואָרן, דרום איז דאָס פערדל געפאַלן, עס איז אַרויס פריי.

דער בריוו צו די פרנסים.

דער בעש״ט איז אַמאָל איינגעשטאַנען אין אַ קרעטשמע עטלעכע מייל הינטער בראָד. דער אַרענדאַר איז געווען דעם בעש״טס אַ מקורב. האָט ער געמאַכט פון בעש״טס וועגן אַ פיינעם מאָלצייט. דער בעש״ט מיט אַלע זיינע באַגלייטער האָבן דאָרט אין דער קרעטשמע גענעכטיקט.

אויף מאָרגן נאָכן עסן רופט זיך אָן דער בעש״ט צום אַרענדאַר: — זאָג מיר, טאָמער האָסטו עפּעס אַ בקשה צו בעטן מיך, וועסטו איצט ביי מיר פועלן.

זאָגט דער אַרענדאַר: — אַ דאַנק גאָט, כ׳האָב גאָרניט, וואָס צו בעטן ביים רבין. נאָר מיר זאָלן זיין געזונט, וואָרום מיר פעלט ב״ה גאָר ניט.

זאָגט דער בעשט צו אים: — אַז דו האָסט מיך ניט צו בעטן, וועל איך דיך עפּעס בעטן, זאָלסט מיר אָבער ניט אָפּזאָגן.

— איך וועל טאָן אַלעס מיגלעכקייט פון דעם רביס וועגן—האָט אים דער אַרענדאַר געענטפערט.

דער בעש״ט האָט זיך אַנידערגעזעצט און האָט אָנגעשריבן אַ בריוו, האָט אים צוגעפּעטשאַטעט, פאַרחתמעט און געזאָגט צום אַרענדאַר: — דעם בריוו דאַרף איך שיקן קיין בראָד, בעט איך דיך, זאָלסט אים אָפּפירן קיין בראָד.

זאָגט דער אַרענדאַר: — „פון דעם רביס וועגן וועל איך דאָס גלייך טאָן!"

און ער נעמט דעם בריוו ביי דעם בעש״ט פון האַנט און לייגט אים צו זיך אין בוזעמקעשענע אַריין.

זאָגט דער בעש״ט: — איך וויל באַלד פאָרן, געוויס וועסטו מיך באַגלייטן אַ ביסל.

ענטפערט דער אַרענדאַר: „יאָ" און לויפט גלייך אין הויז אַריין נעמען דעם שפאַן פון זיינע פערד.

און אַזוי ווי ער האָט זיך איינגעבויגן צו נעמען די שטריק צו די פערד, איז דער בריוו אַרויסגעפאַלן פון זיין קעשענע אין דעם קאַסטן, ווו די שטריק איז געלעגן.

דער אַרענדאַר האָט עס ניט באַמערקט. ער האָט איינגעשפּאַנט די פערד און איז געלאָפן באַגלייטן דעם רבין. אָן דעם בריוו האָט ער זיך פאַרגעסן און האָט אָן אים גאָרנישט געדענקט.

אין אַ געוויסער צייט אַרום איז ער געווען ביים בעש״ט אינדערהיים. האָט אים דער בעש״ט וועגן בריוו גאָרנישט ניט געדאַכט.

אַזוי האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט ביז נאָך דער הסתלקות פון בעש״ט ז״ל.

דער אַרענדאַר איז דערווייל אַראָפּ פון מעמד און איז געוואָרן אַ שטאַרקער אָרעמאַן. ער האָט פאַרקויפט אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט, און האָט שוין ניט געהאַט וואָס צו פאַרקויפן.

ויהי און עס איז געווען אין זיבעצן יאָר אַרום נאָך דעם בעש״טס הסתלקות איז בעגאַנגען דער אַרענדאַר צום קאַסטן, וואָס איז געשטאַנען ביי אים אין הויז, צוזען,

פילייכט איז נאָך דאָ אין אים עטוואָס וואָס נייטיקס איז צו פאַרקויפן. האָט ער דער־
זען ליגן אויפן דעק פון קאַסטן דעם בריוו, וואָס דער בעש״ט האָט אים אַמאָל
געגעבן.

ווי ער האָט דערקאָנט דעם הייליקן בעש״טס כתב, איז ער חלשות געבליבן און
האָט אָנגעהויבן צו קלאָגן און צו וויינען.

— אַצינד — האָט ער געטענהט — ווייס איך פון וואַנען מיין אומגליק נעמט זיך.

ער האָט אָנגעהויבן צו באַטראַכטן דעם בריוו און זען, צו ווען ער איז גע־
שריבן. עפענען אים האָט ער מורא געהאַט טאָמער איז אין אים פאַרבאָרגן אַ סוד. איז
געבליבן ביי אים: ער וועט אָפּגירן דעם בריוו קיין בראָד, פילייכט וועט ער נאָך
גוצן די לייט, צו וועלכע מע האָט אים געשיקט.

גייט ער נעבעך צופוס קיין בראָד. דויערט ביי אים דער וועג דריי טעג. קומט ער
קיין בראָד און גייט אין ביהמ״ד און פרעגט אַלטע לייט, אויב זיי געדענקען, ווער עס
איז מיט צוואַנציק יאָר צוריק געווען די פרנסי חדשים, און ער זאָגט די נעמען, וואָס
זיינען אָנגעשריבן אויפן בריוו.

זאָגן די זקנים צו אים: — צייט מיר לעבן, געדענקען מיר, אַז ס׳זיינען ניט גע־
ווען אַזעלכע מענטשן פרנסי חדשים.

ער פרעגט — איינעם, אַ צווייטן, אַ דריטן, אַלע ענטפערן אים דאָסזעלבע —
זיי געדענקען ניט. און דעם בריוו האָבן אַלע מורא צו עפענען.

איז ער מבולבל געוואָרן און ניט געוווסט, וואָס צו טאָן.

אינדעם רופט זיך איינער אָן אין אַ געלעכטער: — אַצינד איז אַ קלפּי אויף די
פרנסי חדשים אין דער גרויסער שול, פילייכט וועלן אַזוינע לייט איצט אַרויסקומען
צו זיין פרנסי חדשים.

האָבן אַלע געלאַכט.

דער קאַטאָוועס איז אָבער געווען אַ גאַנצער אמת. ייִנגלעך זיינען געקומען צו
לויפן פון שול און האָבן געזאָגט: — דער און דער זיינען פרנסי חדשים אַרויסגעקומען!

האָט דער אַרענדאַר נאָכאַמאָל געפרעגט, ווי אַזוי זיי הייסן. האָט ער אָבער גע־
זען, אַז ס׳איז אַקוראַט ווי אויפן בריוו שטייט. האָט ער זיך זייער געוווּנדערט. דע־
רויף און געהאַלטן זיך אָן עצה מיט די אַלטע לייט, וואָס ער זאָל טאָן.

זאָגן די זקנים צו אים: — וואַרט איבער אַ ביסל, וועט דער עולם איבערגיין
פון קהל־שטוב, וואָס מע האָט די נייע פרנ״ח אַהין אָפּגעפירט, וועסטו גיין צו זיי אָפּ־
געבן דעם בריוו. זיי וועלן אים עפענען, וועט מען זען, וואָס אין אים שטייט און
מע וועט וויסן, צי געהערט דער בריוו צו זיי.

טוט ער אַזוי און גייט אין קהל־שטיבל און פרעגט, ווער עס זיינען די פרנ״ח.

ווייזט מען אים — ד ע ר און ד ע ר.

זאָגט ער: רבותי איך האָב צו אייך אַ בריוו פון דעם בעש״ט.

לאַכן זיי און זאָגן: — פון וואַנען זייט איר, נאַרישער מענטש, וואָס איר זאָגט
ליגנס. דער בעש״ט איז שוין זיבעצן יאָר אויפן עולם האמת און מיר זיינען אינגאַנצן
אַלט פון צוואַנציק ביז פינף און צוואַנציק יאָר. ווי קען זיין, אַז דער בעש״ט האָט צו אונדז
אַ בריוו געשיקט?

זאָגט ער: גלויבט מיר, מיינע הערן, עס איז מיר אויך אַ וווּנדער, נאָר די מעשה
איז אַזוי געווען. און ער האָט זיי דערציילט די גאַנצע מעשה.

האָבן זיי גענומען ביי אים פון דער האַנט דעם בריוו און געעפנט.

שטייט אין דעם בריוו בזו הלשון: „להרבני מהו' פלוני ולהרבני מהו' פלוני פרנסי חדשים פון בראָד.

הנה, אַז עס וועט קומען צו אייך דער מענטש, ר' פלוני, בעט איך, איר זאָלט זען אים צו טאָן אַ טובה. ער איז אַן איש הגון, ער איז געווען אַן עושר. אַצינד איז ער אַ גרויסער אָרעמאַן. איר זאָלט אים העלפן מיט אַלע מיגלעכקייטן, וואָרום איך, בעש"ט, בעט אייך דאָסדאָזיקע. פיללייכט גלויבט איר ניט, אַז איך, דער בעש"ט, האָב דיזן בריוו געשריבן, גיב איך אַ צייכן:

הנה אייערע ביידע ווייבער זיינען מעוברת. באַלד וועט מען קומען זאָגן, אַז ביי דעם איז געבוירן געוואָרן אַ בן זכר און ביי דעם אַ בתולה. און דאָס איז אַ סימן, אַז איך, בעש"ט, האָב געשיקט צו אייך דעם מענטשן, איר זאָלט אים טאָן אַ רעכטע טובה.

פון מיר ישראל בעש"ט.

זיי האָבן נאָך קיין צייט ניט געהאַט אָפּצולייגן דעם בריוו, איז געקומען אַ שליח פון זייער היים און אָנגעזאָגט זיי די בשורה. און ס'איז געווען אקוראַט, ווי אין בריוו שטייט.

באַלד איז די גאַנצע שטאָט בראָד גע[illegible]ר געוואָרן פון דער ווונדערלעכער מעשה און מע האָט דעם יידן גליקלעך געמאַכט. מע האָט אים געשענקט אַ סך געלט און ער איז געפאָרן גליקלעך אַהיים.

פון דער קבורה צו דער חופה.

אַמאָל איז דער בעש"ט געווען אינדערוועגנס. האָט ער זיך געהייסן פירן אויף אַן אומבאַקאַנטן וועג. די לייט האָבן ניט געוווסט, וואָס דאָס באַט[illegible]. נאָר זיי האָבן געשוויגן. מסתמא, אַז ער ז"ל הייסט, ווייס ער. זיינען זיי אַזוי געפאָרן אַ גאַנצע וואָך, ביז מיטוואָך. מיטוואָך פאַרנאַכט זיינען זיי אָנגעקומען אין אַ קרעטשמע צו אַ רענדאַר אויף צו נעכטיקן.

פרעגט זיי דער רענדאַר: — ווער זייגט איר?

זאָגט דער בעש"ט. — איך בין אַ גרויסער בעל דרשן. האָב איך געהערט, אַז אין דער הויפּט־שטאָט האָט היינט חתונה אַ גרויסער עושר: פאָר איך אַהין אויף שבת. פיללייכט וועל איך קאָנען דאָרט עפּעס געלט מאַכן.

זאָגט דער אַרענדאַר: — וואָס רעדט איר? פון דאַנען צו דער הויפּטשטאָט איז פופציק מייל, ווי אַזוי וועט איר דערגרייכן אַהין אויף שבת?

זאָגט דער בעש"ט: — איך האָב גוטע פערד, איך וועל זיין אויף שבת אין דער הויפּטשטאָט.

האָט דער אַרענדאַר געלאַכט און געזאָגט: — עס איז ניט מעגלעך אַזעלכעס זאָל געשען, סיידן איר זאָלט פליען אינדערלופטן.

דער בעש"ט אָבער האָט זיך געהאַלטן ביי זייניקע: — איך זאָג אייך, אַז מיר וועלן זיין אויף שבת אין דער הויפּטשטאָט.

דערווייל האָט זיך דער אַרענדאַר דערמאָנט, אַז ער דאַרף צופאָרן עטלעכע מייל אויף דעם וועג, וואָס גייט צו דער הויפּטשטאָט. טראַכט ער ביי זיך: — איך וועל אויך פאָרן מיט דעם ב"ד ביז יענער שטאָט, וואָס איך דאַרף, וועל איך אָנקו־

מען אהין אקוראַט אויף שבת, וואָרום צו דער הויפטשטאָט וועט געוויס דער ב"ד ניט גרייכן.

און ער זאָגט צום בעש"ט:— פעטער, קענט איר מיך אויך מיטנעמען? איך באַדאַרף אויך האָבן אין דער הויפט־שטאָט.

דער בעש"ט האָט צוגעשטימט. אויף מאָרגן האָט דער בעש"ט געדאַוונט אַזוי ווי זיין שטייגער איז געווען תמיד און האָט געהייסן קאָכן עסן.

דער רענדאַר האָט זיך געוואונדערט. — איר ווילט דאָך נאָך זיין אויף שבת אין דער הויפטשטאָט?— האָט ער געפרעגט— טאָ וואָס פאַרזאַמט איר זיך?

דער בעש"ט האָט זיך אָבער ניט געאיילט.

ערשט פאַרנאַכט זיינען זיי אַרויסגעפאָרן. דער אַרענדאַר איז אויך מיטגעפאָרן. אַ גאַנצע נאַכט איז מען געפאָרן. אַז ס'איז געוואָרן טאָג, טוט אַ קוק דער אַרענדאַר— זיי זיינען ניט וויים פון דער הויפטשטאָט. ס'האָט געדויערט ניט לאַנג און זיי זיינען טאַקע געקומען אין דער שטאָט אַריין.

דער אַרענדאַר איז מבולבל געוואָרן, ער האָט גאָרניט געוווסט, וואָס צו קלערן. געקומען אין דער הויפטשטאָט, איז דער בעש"ט פאַרפאָרן אין אַ שטוב ווייט פון דעם עושרס חתונה. דער אַרענדאַר איז אַרומגעגאַנגען איבער דער שטאָט, ווייל ער האָט ניט געהאַט וואָס צו טאָן. דערווייל האָט ער דערהערט אין גאַס אַ געשריי, אַז אַ גבירס אַ כלה איז פּלוצלונג געבליבן חלשות און מע קען זי ניט דערמינטערן. אַלע שטאָט־לייט זיינען געלאָפן זען די געחלשטע.

דער אַרענדאַר איז אויך געלאָפן נאָך אַלעמען און האָט דערזען: די כלה ליגט ווי געשטאָרבן און די דאָקטוירים זיינען זיך מיאש.

דער חתן (מ'האָט אים געקאָנט דערקענען נאָך די שבתדיקע מלבושים און זיינע ווייסע שיך) איז ניט טויט ניט לעבעדיק און ווייס גאָר ניט וואָס צו טאָן פאַר צער.

רופט זיך אָן דער אַרענדאַר צום חתן:— זאָרגט ניט, איך בין היינטיקע נאַכט אַרויסגעפאָרן מיט דעם בעש"ט פופציק מייל פון דאַנען און מיר זיינען היינט פרי שוין געקומען אַהער. שיקט נאָר נאָך אים, איך האָב געהערט זאָגן, ער קען געבן רפואות. פיליכט וועט ער אייך העלפן.

לויפט באַלד דער חתן צום בעש"ט און בעט אים, ער זאָל גיין אָנקוקן, וואָס עס טוט זיך מיט זיין כלה. ער זאָגט צו דעם בעש"ט אַ סך געלט.

דער בעש"ט וויל ניט קיין געלט.

ער גייט מיטן חתן און קומט צו דער כלה. געקומען, טוט ער אַ קוק דער כלה אין פנים אַריין און זאָגט צום בעלה"ב: — "שיקט גראָבן אַ קבר!" און דער חברה קדישה האָט ער געהייסן טאָן איר רעכט און געזאָגט, אַז ער וועט גיין מיט זיי אויפן פעלד.

— מיר וועלן זען, וואָס דאַרפן וועט זיך טאָן.

די קליידער, וואָס מע האָט איר אָנגעגרייט צו דער חופה, האָט ער אויך געהייסן מיטנעמען. מע האָט באַלד געטאָן אַזוי ווי ער האָט געהייסן און געבראַכט זי אויפן בית־עולם. צו דער לויה איז געגאַנגען דער בעש"ט און נאָך אים— אַלע שטאָט־לייט, זען וואָס פאַר אַ נס ער וועט דאָ באַווייזן.

אויפן פעלד האָט דער בעש"ט געהייסן לייגן די כלה אין קבר אַריין, ניט פאַרשיטן זי, און צוויי שטאַרקע מענטשן זאָלן שטיין איינגעבויגן מיטן פנים צום קבר.

די מענטשן האָט ער אַזוי אָנגעזאָגט: — וויבאַלד, אַז איר וועט באַמערקן אַן ענדערונג אין איר פנים, זאָלט איר זי תיכף אַרויסגראָבן פון קבר. אַליין האָט ער

זיך אָנגעלענט אויף זיין שטעקן און האָט אויך אַריינגעקוקט אין קבר דער טויטער. גלייך אין פנים אַריין. די וואָס זיינען געשטאַנען דערביי האָבן דערציילט, אַז פון זיין פנים האָט בעת מעשה אַראָפּגעשיינט אַ הימליש ליכט פון רחמנות, אָבער זיין שטערן איז געווען איינגעקאָרטשעט, אַזוי ווי ער וואָלט געווען פאַרזונקען אין טיפע געדאַנקען.

אַזוי זיינען אַלע געשטאַנען ביי אַ האַלבער שעה. פּלוצלונג האָט מען דערזען: די כלה איז געוואָרן עטוואָס רויטלעך. דער בעש"ט האָט אַ ווונק געטאָן און די מענטשן האָבן זי אַרויסגעכאַפּט פון קבר. דאַן האָט דער בעש"ט אַ געשריי געגעבן: — גייט צו דער חופה!

האָט מען זי געפירט צו דער חופה. דעם בעש"ט האָט מען מכבד געווען מסדר קדושין צו זיין.

ווי די כלה האָט דערהערט דעם קול פונם בעש"ט, האָט זי אַראָפּגענומען דאָס דעקטוך און געזאָגט: — דאָס איז דער, וואָס האָט מיך מציל געווען פון טויט.

דער בעש"ט האָט אָנגעשריען אויף איר און זי איז שטיל געבליבן.

נאָך דער חופה האָט די כלה דערציילט אַ גאַנצע געשיכטע:

דעם רייכן חתנס ערשטע ווייב איז געווען דער כלהס אַ מומע. אַז די מומע איז שלאָף געוואָרן און האָט געזען, אַז זי וועט שוין ניט לעבן, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז דער מאַן וועט אַוודאי נעמען די בתולה, וואָרום די בתולה איז געוואַקסן ביי איר אין שטוב. האָט זי איר מקנא געווען און געבעטן דעם מאַן אירן, ער זאָל איר צוזאָגן, אַז ער וועט די בתולה ניט נעמען. האָט ער איר צוגעזאָגט. זי האָט אים אָבער ניט געגלויבט, ביז ער האָט איר ניט געגעבן קיין תקיעת כף. דאָסגלייכן האָט זי אויך ביי דער בתולה גענומען אַ תקיעת כף.

אַז זי איז געשטאָרבן, האָבן זיי ביידע עובר געווען אויפן תקיעת כף און האָבן זיך גענומען.

אַז ס'איז געקומען פאַר דער חופה, האָט דאָס געשטאָרבענע ווייב געוואָלט הרגענען די כלה, מחמת זי האָט עובר געווען אויף אַ תקיעת כף.

און בשעת ווען מע האָט די כלה געלייגט אין קבר אַריין, איז געווען אַ דין תורה פאַר דעם בעש"ט.

האָט ער געפּסקנט, אַז די לעבעדיקע האָבן דאָס רעכט, וואָרום זיי האָבן געמוזט איר געבן תקיעת כף, זי זאָל קיין צער ניט האָבן.

און דעריבער איז דאָס געווען, אַז ווען דער בעש"ט האָט אָנגעהויבן מסדר קדושין צו זיין, האָט די כלה דערקענט דעם קול פון איר אויסלייזער און האָט אויפגעהויבן דאָס דעקטוך אים אָנצוקוקן.

דער בעש"ט האָט געהאַלטן שבת מיט גרויס כבוד און זונטאָג איז ער אַרויסגעפאָרן. די גאַנצע שטאָט האָט אים באַגלייט מיט גרויס כבוד.

דער טאָג פון בר מצוה.

אין אַלט קאָנסטאַנטין איז געווען איינער אַ מקורב צום בעש"ט. האָט ער קיין קינדער ניט געהאַט. עטלעכע מאָל איז ער געווען ביים בעש"ט מכוח קינדער; דער בעש"ט האָט אים אָבער אַלץ קיין ריכטיקע תשובה ניט געגעבן.

איינמאָל האָט אים דער בעש"ט מבטיח געווען, אַז ער וועט האָבן אַ בן זכר. און אַז דאָס קינד וועט געבוירן ווערן, זאָל מען אים מודיע זיין.

ווי דאָס קינד איז געבאָרן געוואָרן, איז דער מקורב געקומען צום בעש"ט אָנזאָגן אים די גוטע בשורה. ער האָט געמיינט, אַז דער צדיק וועט הנאה האָבן, וואָס זיין וואָרט איז מקוים געוואָרן. אָבער דער בעש"ט האָט אים באַגעגנט מיט אַ טרויעריקן פּנים. פריער האָט ער זיך איינגעהאַלטן פאַר איס, נאָכער האָט ער אָנגעהויבן שטאַרק טרערן צו לאָזן.

דער פּאָטער האָט זיך זייער דערשראָקן און געפרעגט דעם בעש"ט, וואָס ער וויינט.

האָט אים דער בעש"ט געענטפערט: — איך זע, אַז ווען דאָס קינד וועט ווערן בר מצוה, וועט עס דערטרונקען ווערן. נאָר עס איז פאַראַן אַ תקנה דערויף: אין דעם טאָג פון בר-מצוה זאָל מען איס זייער שטאַרק היטן, ניט לאָזן אים גיין צום וואַסער. דאַן וועט ער ניצול ווערן. אַבי דער טאָג זאָל גאָר אַוועקגיין, וועט שוין זיין גוט. אָבער ביז זיין בר מצוה, האָב איך מורא, זאָלסטו ניט פאַרגעסן די זאַך, וואָס איך זאָג דיר. איז האָסטו דיר אַ סימן — אין דעמדאָזיקן טאָג וועט ער אָנטאָן צוויי זאָקן אויף איין פוס און וועט זוכן די אַנדער זאָק.

בכן בין איך דיר מזהיר: וועסטו אים היטן אין דעם טאָג, איז רעכט, אַז ניט — וועט ער בוודאי דערטרונקען ווערן. זאָלסט דעריבער מזהיר זיין דיין ווייב און דיין הויז-געזינט, זיי זאָלן דאָס געדענקען.

עס האָט געדויערט אַזוי אַ צייט, ביז דרייצן יאָר. די מעשה פון דעם קינד איז פון דעם גאַנצן הויזגעזינט פאַרגעסן געוואָרן.

אַז ס'איז אָנגעקומען דער טאָג פון בר מצוה, איז דער פּאָטער אינדערפרי געגאַנגען אין שול אַריין. דער זון, דער "בר-מצוה", איז געבליבן שלאָפן. אַז דער פּאָטער איז געקומען אַהיים, האָט ער געזען, ווי זיין זון, דער בר-מצוה, זוכט פון איין ווינקל צום אַנדערן. פרעגט ער אים: — "וואָס זוכסטו?" זאָגט ער: — "אַ זאָק. איך ווייס ניט, וו זי איז אַהינגעקומען".

גייט דער פּאָטער צו צום קינד, גיט אַ בליק און זעט צוויי זאָקן אויף איין פוס.

האָט ער זיך דערמאָנט אָן בעש"ט און אָן זיינע רייד. האָט ער געהיט דאָס קינד, עס זאָל אין דעם טאָג ניט גיין צום טייך.

גראָד איז געווען אַ גרויסע היץ און גאָר דער עולם איז געגאַנגען צום וואַסער זיך באָדן. דאָס קינד האָט זיך אויך אַרויסגעכאַפּט פון שטוב און איז געלאָפן צום טייך. האָט מען דאָס אין שטוב גלייך דערפילט. איז מען אים נאָכגעלאָפן און מע האָט אים געכאַפּט, איידער ער איז נאָך אָנגעקומען צום טייך.

אַז דער פּאָטער האָט געזען, אַז עס שלעפּט אים דווקא לויפן צום טייך, האָט ער אים גענומען און פאַרשלאָסן אין אַ חדר איינעם אַליין; דעם שליסל האָט ער געהאַלטן ביי זיך, ווייל ער האָט אים קיינעם ניט געוואָלט אָנטרויען.

אַ גאַנצן טאָג ביז נאָכט האָט דאָס קינד זייער געשריען: — "פּאָטער, האָב רחמנות, עס איז מיר זייער הייס, לאָז מיך גיין זיך באָדן!" אַז דאָס האָט ניט געהאָלפן, האָט ער זיך גענומען בעטן: — איך בין דאָרשטיק, גיב מיר אַ ביסל וואַסער!

דער פּאָטער האָט אָבער מורא געהאַט צו געבן אים אפילו אַ טרונק וואַסער, ער זאָל זיך חלילה מיט דעם וואַסער ניט דערווערגן.

נאָך מנחה איז צום וואַסער געקומען נאָך אַ גרעסערער עולם. האָבן אַלע געזען, ווי פון וואַסער איז אַרויס אַגעשטאַלט, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ קאָפּ מיט צוויי הענט. דאָס געשטאַלט

האָט געקלאַפּט מיט די הענט אויפן טייך און געזאָגט: — „איינער איז ניטאָ!“ אַלע האָבן דאָס געזען און געהערט.

נאָך דעם, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אויפן טייך, האָט שוין דער בר־מצוה־יונג אויפגעהערט צו אַרבעטן און חשק צו האָבן לויפן צום וואַסער. ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן.

אַז דער טאָג האָט געפּעלט, איז די בייזע גזירה בטל געוואָרן, אַזוי ווי דער בעש"ט האָט געזאָגט.

דאָס קינד איז מגודל געוואָרן מיט אַלעם גוטן און ס'איז אים שוין אַ האָר ניט בעקרימט געוואָרן.

די צוויי הונדערט גילדן נדן.

דער בעשט האָט אַ שידוך געטאָן מיט אַ חסיד המפורסם ר' וואָלף קיצעס. זיי האָבן חתונה געמאַכט אַ יתום מיט אַ יתומה. די יתומה איז געוואַקסן ביים בעש"ט און דער יתום — ביי ר' וואָלפן. דער בעש"ט האָט צוגעזאָגט נדן צוויי הונדערט גילדן. אַז ס'איז געקומען זמן החתונה, פאַרן באַדעקנס, רופט זיך אָן ר' וואָלף צום בעש"ט: ער וועט ניט גיין מיטן חתן צום באַדעקנס, ביז מע וועט ניט מסלק זיין די צוויי הונדערט גילדן, וואָס מע האָט צוגעזאָגט. איז דאָס דעם בעש"ט געווען אַ געלעכטער. זאָגט ער צו אים: — וואָס, איר גלויבט מיר ניט אויף די צוויי הונדערט גילדן? האָט ר' וואָלף געענטפערט: — איך וועל מיין וואָרט ניט משנה זיין.

אינדעם איז געקומען צום בעש"ט ר' לייב קאַמינקער. האָט אים דער בעש"ט אַנידערגעזעצט בכבוד און מכבד געווען מיט אַ גלאָז וויין.

האָט ר' לייב אָנגעהויבן דערציילן, אַז צו אים איז געקומען דער שטאָט־קאָמיסאַר און האָט אים געוויזן אַ בריוו פון אַן אָדון, פינף מייל פון מעזשיבוזש. שרייבט דער אָדון צום קאָמיסאַר: דער בעש"ט איז שולדיק טויזנט גילדן, וואָס ער האָט אַנטליען ביים אָדון אויף פדיון שבוים. ער האָט אויף אים אַ שטר חוב און בעט, דער בעש"ט זאָל אים מסלק זיין. — דער קאָמיסאַר האָט געזאָגט, אַז אויב איר וועט תיכף ניט מסלק זיין, וועט ער אייך נעמען אין קייטן און אַוועקשיקן צום אָדון. — אַזוי האָט ר' לייב אויסגעלאָזט זיינע רייד.

ווי דער בעש"ט האָט דערהערט די ווערטער, האָט ער אַ געשריי געטאָן, מע זאָל אים איינשפּאַנען זיין גרויסע בויד. דאַן האָט ער זיך געווענדעט צו ר' לייבן: — תיכף פאָר צום אָדון. זאָלסט אים מסלק זיין דאָס געלט און זיך מזרז זיין צו מזרז זיין צו קומען אַהער פאַר באַדעקנס!

און ער האָט ניט געלאָזט ר' לייבן אַפילו אַהיים גיין. ער זאָל פאָרן.

איז די גאַנצע מעשה ביי ר' לייבן געווען אַ גרויס חדוש. ער האָט אָבער געשוויגן און געפאָלגט.

אינמיטן וועג האָט זיך ר' לייב אָפּגעשטעלט אין אַ קרעטשמע. האָט ער דערציילט די מעשה דעם קרעטשמער, איז דאָס ביי אים אויך געווען אַ פּלא.

ענדלעך איז ער אָנגעקומען צום אָדון. דער אָדון האָט געהאַלטן אין עסן. האָט ער געוואַרט, ביז דער אָדון האָט אָפּגעגעסן. דאַן איז ער אַריינגעקומען צום אָדון.

פרעגט אים דער אָדון, אויב ער האָט געלט פון בעש"ט. ער האָט געוווּסט, אַז דער ייד איז פון דעם בעשטס לייט. ענטפערט אים ר' לייב: „יאָ“.

האָט אים דער אָדון אַנידערגעזעצט בכבוד. דערווייל האָט זיך ר' לייב געטראַכט אין הארצן: „ווי אַזוי וועט זיין דער סילוק?" און ווי ער טראַכט, פאַלט אים אריין אין זין, וואָס ער זאָל ריידן מיטן אָדון. זאָגט ער צו אים: — „איך דאַרף מיט דיר שמועסן שטילערהייט". גייט מיט אים דער אָדון אין אַ באַזונדער חדר. זאָגט ר' לייב צום פּריץ: „איך ווייס ווויל, אַז דו ביסט אַ פרומער און אַן ערלעכער מאַן. פאַרלאַנגסט ניט קיין פרעמדן גראָשן. הײַנט אַז איך וועל דיר מסלק זיין דעם חוב, וואָס דער בעש"ט האָט זיך ביי דיר געחתמעט, ווּעסטו חס ושלום ניט נכשל ווערן אין גזלה?

ענטפערט אים דער אָדון: — ווייל דו ווילסט מיך מציל זיין פון עונש אויף יענער וועלט, זע איך, אַז די ליבשאַפט דיינע צו מיר איז זייער גרויס.

און ער האָט תיכף אויסגעזוכט דעם שטר חוב בר"י הבע"ש און האָט אים אַרויסגעוואָרפן אויפן פייער. דערביי האָט ער געזאָגט: לויטן חשבון, וואָס דער בעש"ט האָט אים געגעבן פאַר די שבוים, ליגט דער שטר חוב ביי אים אומזיסט, ס'קומט נאָך פון אים אַרויס דעם בעש"ט געלט, צוויי הונדערט גילדן. און ער נעמט אַרויס און ציילט אָפּ צוויי הונדערט גילדן.

ר' לייב איז צוריקגעפאָרן אין קרעטשמע און האָט דאָרט דערציילט די וווּנדער און די גדולה.

דערווייל האָט דער בעש"ט געזאָגט אינדערהיים: — זעט נאַר, וואָס דער נאַר טוט, ער האָט זיך געשטעלט אין קרעטשמע ריידן.

ווי ר' לייב איז אַהיים געקומען צום בעש"ט, האָט ער געוואָלט דערציילן די מעשה. האָט דער בעש"ט אַ געשריי געטאָן: — איך ווייס ווויל, גיב מיר דאָס געלט, לאָמיר גיין צו דער חופּה.

און דער בעש"ט איז געגאַנגען אויפן באַדעקנס און איז געווען לוסטיק אויף דער חתונה, וואָס ניט צו דערשרייבן.

אויסגעפירט זיינע ווּנטשן און גענאָסן פון זיין ברכה.

ניט ווייט פון מעזשיבוזש איז געווען אַ ייד אַ למדן אַ מופלג און אַן עושר. דער ייד האָט פון כמה שנים נאָך דער חתונה קיין קינדער ניט געהאַט. צום בעש"ט אָבער האָט ער בשום אופן ניט געוואָלט פאָרן.

אַמאָל האָט ער געדאַרפט פאָרן קיין מעזשיבוזש, איז ער דאָרט איינגעשטאַנען ביי זיינעם אַ גוטן פריינד, וואָס זיי האָבן ביינאַנדער זייער גוט געלעבט. האָבן זיי זיך איינער דעם אַנדערן שלום געגעבן און איינער דעם אַנדערן געפרעגט, ווי עס פירט זיך הן משא ומתן, הן אין אַנדערע זאַכן. דערציילט דער למדן דעם עושר זיין פריינד, אַז ער האָט קיין קינדער ניט. פרעגט אים דער פריינד: — פאַרוואָס גייסטו ניט צום בעש"ט? כמה ופמה לייט פאָרן דאָך צו אים און דו ווילסט ניט. ביסט הייַנט דאָ, לאָמיר אַריינגיין צו אים. וואָס ווּעסטו אָנווערן? איך וועל אים בעטן, ער זאָל זיך מתאמץ זיין פון דיינטוועגן.

דער למדן האָט אים ניט געקאָנט מעיד זיין און איז געקומען מיט אים צום בעשט האָט צו אים דער בעש"ט געזאָגט: אַז דו וועסט מיך פאָלגן, וועט דיין ווייב הייַנטיקס יאָר האָבן אַ בן זכר. וואַרף צוועק דיין האַנדל, פאַרקויף די סחורה און דינג די ראַטע ביי דיין שררה.

די רייד פונם בעש"ט זיינען אָבער אונדזער למדן ניט געפעלן געוואָרן. ער האָט געוויל געוואוסט, אַז ס'איז שוין פופצן יאָר, ווי דער שררה האַלט ניט קיין יידן ביי זיך אין זיינע דערפער.

— ער איז מיר גאָר מדחה מיט רייד — האָט ער זיך געטראַכט. און אַז ער איז געקומען אַהיים, האָט ער ניט געוואָלט גיין צום שר. — ווי קען ער דאָס גאָר אָנמוטן דעם שררה?

פאַרטאָג אָבער האָט דער אָדון נאָך אים געשיקט און האָט אים איבערגעגעבן די אַרענדע. דאַן האָט ער דערזען, אַז דעם בעשטס רייד איז אמת. האָט ער שוין אַזוי געטאָן, ווי דער בעש"ט האָט אים געזאָגט. און דעם בעש"טס ווערטער זיינען מקוים געוואָרן — זיין ווייב האָט דאָס יאָר געהאַט ‬א בן זכר.

נאָך אַ זאַך האָט אים דער בעש"ט דאַן אָנגעזאָגט: — אַז דאָס קינד וועט געבוירן ווערן, זאָל ער אים תיכף מודיע זיין. אָבער אַז דאָס ווייב האָט געהאַט דעם בן זכר, האָט דער פאָטער גאָר פאַרגעסן אָן דעם בעש"טס פאַרזאָג און האָט אים קיין זאַך ניט מודיע געווען.

דאָס קינד האָט אָנגעהויבן צו וואַקסן, איז געוואָרן אַ מענטש, האָט אָבער קיין שום חשק ניט געהאַט צום לערנען. דעם פאָטער האָט דאָס זייער באַנג געטאָן און ער האָט גאָר חרטה געהאַט, וואָס ער האָט געהאַט אַ קינד. — איידער אַזאַ — האָט ער זיך באַקלאָגט — וואָלט איך שוין בעסער גאָר ניט געהאַט.

ויהי — האָט זיך געטראָפן, ער איז ווידער געקומען קיין מעזשיבוזש און איז ווידער איינגעשטאַנען ביי זיין גוטן פריינד און דערציילט אים וועגן די אַנגסטן, וואָס ער האָט פון זיין זון.

זאָגט צו אים דער פריינד: — איך געדענק, אַז דער בעש"ט האָט דיר געהייסן, ווי דיין ווייב וועט האָבן אַ בן זכר, זאָלסטו אים מודיע זיין, און דו האָסט אים גאָר ניט מודיע געווען.

זאָגט דער למדן: — איך האָב מיר נאָך אַלץ געטראַכט, אַז דאָס איז נאָך פאָרט ניט פון בעש"טס מעשים, וואָס דער שר האָט מיר פאַרדונגען די אַרענדע. ווייל ער האָט געדאַרפט געלט, דעריבער האָט ער מיר פאַרדונגען.

זאָגט דער פריינד: — ווייסטו וואָס? וואָס געווען, איז פאַרפאַלן. קום מיט מיר צום בעש"ט. לאָמיר הערן, וואָס ער וועט היינט זאָגן.

זיינען זיי געקומען צום בעש"ט און האָבן אים אַלץ דערציילט. זאָגט דער בעש"ט צום סוחר, וואָס איז געוואָרן אַרענדאַר: — מיין עצה איז, דו זאָלסט פאַרקויפן אַלע זאַכן פון דער אַרענדע: בראַנפן, תבואות וכל הכלים, וואָס געהערט צום אַרענדאַר, און זאָלסט ווידער ווערן אַ סוחר, פאָרן קיין ברעסלע. זאָלסט זיין אַ יאָר אונטערוועגנס און אַז דו וועסט קומען אַהיים, וועסטו זיך שוין דערוויסן, אַז דיין זון איז אַ למדן מופלג און גאָר אַן אַנדער מענטש.

דער רענדאַר האָט אַזוי געטאָן. ער האָט אַלצדינג פאַרקויפט און איז געפאָרן קיין ברעסלע איינקויפן סחורה. ביסלעכווייז האָט ער אין משך פון עטלעכע חדשים פאַר גאָר דאָס געלט איינגעקויפט סחורה און האָט שוין מער קיין געלט ניט געהאַט. האָט ער זיך מיישב געווען: הגם ס'איז נאָך פאַרן יאָר, וועט ער דאָך אַוועקפאָרן פון ברעסלע מיט דער סחורה.

— איך וועל אונטערוועגנס די סחורה פאַרקויפן — האָט ער זיך געטראַכט — איך וועל ווידער פאָרן קיין ברעסלע. אַזוי וועל איך טאָן, ביז עס וועט זיך אויסלאָזן

אַ יאָר. און ער איז אַוועקגעפאָרן. עס איז געקומען אונטערוועגנס אום ערב שבת האָט ער מיטן פורמאַן פאַרבלאָנדזשעט. אַ גאַנצן טאָג האָט ער געבלאָנדזשעט ביז פאַרנאַכט. פאַרנאַכט האָט ער זיך מיישב געווען מיטן משרת, זיי וועלן לאָזן שטיין די ברישקע און אַליין גיין זוכן דעם וועג.

ווי דער סוחר איז אַוועקגעגאַנגען פון וואָגן אַקעגן הונדערט איילן, האָט ער דערזען: אין וואַלד שטייט אַ שטיבל און ליכט ברענען דרינען. כאָטש ער האָט מורא געהאַט אַריינצוגיין אַהין, האָט ער דאָך זיך געשטאַרקט און איז אַריינגעקומען.

— עס איז שוין באַלד שבת. לאָז זיין וואָס עס וויל! — האָט ער זיך געטראַכט. אַריינגעקומען, האָט ער דערזען, ווי איינער שטייט און דער צווייטער איז אים משמש. אונדזער סוחר האָט געטראָגן אויף זיך די בגדי חול. איז אַוועק דער משרת און האָט אים געבראַכט אַ העמד און שבת־קליידער. ער האָט זיך אָנגעטאָן און זיך גע־שטעלט דאַווענען. נאָך קבלת שבת ותפלת מעריב האָט דער באַלעבאָס פון שטיבל געזאָגט „שבתא טבא" מיט גרויס שמחה. מע האָט געבראַכט וויין אויף קדוש, דער־לאַנגט גוטע מאכלים. נאָכן עסן האָט מען געבראַכט אַ בעטל אַן אויסגעבעטע און ער האָט זיך געלייגט שלאָפן.

אויף מאָרגן פרי זיינען זיי אויפגעשטאַנען, האָבן געדאַוונט שחרית ומוסף. און ווידער געטרונקען אַ סך וויין. ווייל אונדזער סוחר האָט פיל וויין געטרונקען, האָט ער זיך געלייגט שלאָפן. צו מנחה איז ער אויפגעשטאַנען. נאָכדעם האָט מען געגעסן שלוש סעודות גאַנץ פיין.

נאָך הבדלה האָט ערשט דער באַלעבאָס פון שטיבל געגעבן דעם סוחר „שלום" און געפרעגט, וואָס מיט אים טוט זיך.

האָט ער אים דערציילט, ווי ער האָט פאַרבלאָנדזשעט און ווייס ניט, ווו זיין סחורה איז. זאָגט צו אים דער באַלעבאָס: אויב דו ווילסט, פאַרקויף מיר דיין סחורה און נאָר בתנאי — האַלב וועל איך דיר צאָלן מזומן און האַלב אין ברעסלע אָדער לייפסק. דער סוחר האָט אים ניט געקאָנט מעיז זיין, האָט ער מיט אים אַ מקח געמאַכט, כאָטש אים איז זייער שווער געווען צו פאַרבאָרגן אַזוי פיל געלט. — סיי ווי — האָט ער זיך געטראַכט — איז די ברישקע פאַרלאָרן געגאַנגען. ווי זיי האָבן געענדיקט ריידן, קוקט ער זיך אַרום און זעט ווי זיין ברישקע שטייט פאַר די פענסטער. האָט אים שוין איצט פאַרדראָסן, וואָס ער האָט פאַרקויפט די סחורה, ער האָט אָבער מורא געהאַט דאָס וואָרט משנה צו זיין.

שטייט ער אַזוי, באַקוקט דאָס שטיבעלע און טראַכט: — ווו וועט ער דאָ אָפּ־לייגן די סחורה?

ווי מע האָט אָבער אַראָפּגענומען די סחורה, האָט דער באַלעבאָס געעפנט אַ טיר אין אַ קעלער אַריין און האָט דאָרט אָפּגעלייגט די סחורה. נאָכדעם האָבן זיי געהאַט אַ חשבון, וויפיל די סחורה טרעפט אָן. דער באַלעבאָס האָט אים מסלק געווען האַלב געלט כמה וכמה אלפים רענדלעך און אויף דער אַנדערער העלפט אים געגעבן אַ פאַפיר געחתמעט נאום יונה.

נאָכן געשעפט האָט זיך דער סוחר מיישב געווען: — „איך דאַרף זיך פאַרזאַ־מען ביזן יאָר, ווי דער בעש"ט האָט געזאָגט. בכן וועל איך ווידער פאָרן קיין ברעסלע און קיין לייפסק און וועל מיר ווידער איינקויפן סחורה". ווי ער איז געקומען קיין לייפסק, האָט ער אָנגעהויבן פרעגן נאָכן סוחר יונהן. האָט קיינער ניט געוווסט, ווער דאָס איז.

האָט מען געלאָכט פון אים — ווי איז דאָס געהערט געוואָרן, מע זאָל באָרגן סחורה אַזעלכן, וואָס מע קען אים גאָרנישט?

אָבער אַז ער איז אַרויסגעפאָרן פון שטאָט, האָט ער באַגעגנט דעם מענטשן פון שטיבל. זאָגט יענער צו אים: — ביי דיר האָב איך אַ פּאַפּיר אויף כמה אלפים רענדלעך. גיב מיר דאָס פּאַפּיר און איך וועל דיר מסלק זיין דיין געלט.

פרעגט אים דער סוחר: — ווער זייט איר?

זאָגט יענער: — וואָס דאַרפסטו וויסן, ווער איך בין? אַבי איך וועל דיר אָפּגעבן דיין געלט.

האָט אים דער סוחר אָפּגעגעבן דאָס פּאַפּיר און באַקומען זיין געלט. דערנאָך זאָגט ער צום סוחר: — לאָז גריסן דאָרטן דעם בעש״ט.

פרעגט דער סוחר: — און ווי אַזוי זאָל איך אים זאָגן? פון וועמעס וועגן זאָל איך אים לאָזן גריסן?

זאָגט ער: — דו זאָלסט זאָגן: יונה האָט אייך געלאָזט גריסן.

דער סוחר איז אַהיים געפאָרן מיט גרויס שמחה. געקומען אַהיים, האָט ער דערוויסט זיין זון אינדערהיים. דער זון איז געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש. אַ גרויסער למדן און אַ גרויסער מתמיד.

ער איז געקומען צום בעש״ט און האָט אים דערציילט די גאַנצע מעשה.

האָט דער בעש״ט אים געפרעגט אויף יונהן: — וואָס טוט זיך מיט אים?

האָט דער סוחר געזאָגט: — ער האָט אייך געלאָזט גריסן.

האָט דער בעש״ט געזאָגט: — דאָס איז יונה בן אמיתי.

דער בעש״ט דערוויסט אַ גנבה.

אַמאָל האָט זיך געטראָפן — אַ סוחר איז געקומען פון ברעסלעי מיט אַ ברוקי סחורה און האָט געלאָזט די ברוקי סחורה שטיין אויף דער גאַס. — ווער וועט דאָס גנבענען אַזאַ גרויסע ברוקי? — האָט ער זיך געטראַכט. ביינאַכט איז געקומען אַ גנב, האָט איינגעשפּאַנט אַנדערע פערד און אַוועקגעפירט די ברוקי סחורה.

אינדערפרי האָט מען אַ קוק געטאָן — די ברוקי איז ניטאָ. האָט מען געשיקט שלוחים אין שטאָט אַריין זוכן אין אַלע גאַסן, אויף אַלע וועגן. האָט מען געזוכט און געזוכט און ניט געפונען. דער גנב איז אַוועקגעפאָרן מיט דער סחורה אין טיפן וואַלד אַריין, איז דאָרט געשטאַנען מיט דער ברוקי דריי טעג און דריי נעכט, ביז אַלע זוכער האָבן זיך אומגעקערט אַהיים.

אַז דער סוחר האָט דערזען, אַז ס׳איז שלעכט, האָט ער געשיקט אַ שליח מיט אַ בריוו צום בעש״ט. ווען דער שליח איז אָנגעקומען, איז דער בעש״ט געשטאַנען ביי דער מזוזה: ער איז גראָד געפאָרן קיין דראַזשנע אויף אַ ברית מילה.

ער האָט איבערגעלייענט דעם בריוו און געזאָגט צום שליח: — וואַרט דאָ, ביז איך וועל צוריקקומען. דער שליח איז געבליבן וואַרטן.

דער בעש״ט איז אַוועקגעפאָרן. די נאַכט האָט ער איבערגענעכטיקט אין וועג. אינדערפרי ווי דער בעש״ט פאָרט אַזוי ניט ווייט פון דער שטאָט, דערזעט ער פלוצלונג פונדערווייטנס עפּעס אַ פור, וואָס פאָרט אויף קיין דראַזשנע, נאָר מיט אַן אַנדער וועג. זאָגט דער בעש״ט צו זיין סופר ר׳ הירש: — דאָרט פאָרט די ברוקי, וואָס מע האָט

גענגבעט. ז מיר וועלן קומען אין שטאָט אריין, זאָלסטו נאָכפרעגן אויף דער סטאַנציע פון דעם פורמאַן און זאָלסט אים זאָגן, אַז ער האָט געגנבעט די ברוקי.

קומענדיק אין שטאָט, איז ר׳ הירש געגאַנגען, ווו דער בעש״ט האָט אים געש־שיקט, און האָט דערוויסט דעם בעל־עגלה דאַווענען, ווי אַן ערלעכן מאַן. האָט ער גאָר קיין העזה ניט געהאַט צו זאָגן אים די ווערטער, וואָס דער בעש״ט האָט געהייסן. — איך קען אים גאָרניט זאָגן! — האָט ער געזאָגט צוריקקומענדיק צום בעש״ט. האָט דער בעש״ט געשיקט ר׳ יעקב האַניפּאָלער, ער זאָל אים זאָגן. איז ר׳ יעקב געקומען אויף דעם האַרבעריג פון דעם גנב און האָט אים דערוויסט וואַשן זיך צום עסן. איז ער אויך צוריק־געקומען מיט נישט און האָט דעם בעש״ט אויך דערציילט: — איך קען אים גאָר ניט זאָגן!

דאַן האָט דער בעש״ט אַ געשריי געטאָן אויף ר׳ יעקבן: — גיי גיך און זאָג אים, אַזוי ווי איך האָב דיר געזאָגט, וואָרום אַז ער וועט אָוועקפאָרן, וועט פאַר־פאַלן ווערן די ברוקי מיט אַלעמען.

איז ר׳ יעקב געגאַנגען און האָט געזאָגט, ווי דער בעש״ט האָט אים געהייסן: מיט אַלע סימנים — ווי ער איז געשטאַנען דריי טעג אין וואַלד, ווו ער האָט גע־נעכטיקט אַלע נעכט, ביז ער איז געקומען קיין דראַזשנע.

ווי דער גנב האָט דערהערט אַלע סימנים, האָט ער זיך מודה געווען און געזאָגט: — נעמט אייך צוריק די ברוקי מיט אַלע זאַכן!

נאָכדעם, אַז מ׳איז געגאַנגען אויפן ברית מילה עסן די סעודה, איז דער גנב אויך געקומען.

— ס׳איז מיר אַ גרויסע קשיא אויף אייך, רבי! — האָט ער זיך געווענדעט צום בעש״ט — אַז איך בין אַ ייִנגל געווען, פלעגט מיך דער רבי שמייסן, אַז איך זאָל ניט אַרויסקוקן אויס דעם סידור, וואָרום אַז איך וועל אַרויסקוקן, וועל איך ניט וויסן, וואָס אין סידור שטייט, און היינט רבי, אַז איר קאָנט זען, אַז איך האָב געגנבעט, מסתמא קענט איר בוודאי גרעסערע און העכערע זאַכן זען, פונדעסטוועגן האָט איר אַרויסגעקוקט אויף אַזעלכע נידעריקע זאַכן.

ווי דער בעש״ט האָט דאָס דערהערט, איז ער מלא שמחה געוואָרן און האָט דע־רויף תורה געזאָגט ביז מנחה און דעם גוי האָט ער געשענקט אַ מתנה.

די גנבה.

אַמאָל האָט מען ביים בעש״ט געגנבעט אַ פערד. האָט ר׳ גרשון, דעם בעש״טס שוואָגער, גענומען שטראָפן דעם בעש״ט: — „דאָס האָט דיך גאָט געשטראָפט איבער דיינע שלעכטע מעשים!“ האָט זיך דער בעש״ט פּלוצלונג אויסגערעדט: — „מע מוז מיר דאָס פערד אָפּברענגען אַהיים“. ר׳ גרשון האָט זיך אויסגעלאַכט פון אים און געזאָגט: — וואַרט אַזוי לאַנג, ביז מע וועט דיר אָפּברענגען דאָס פערד!

ער האָט געוואַרט אַן ערך אַ יאָר און דאָס פערד איז אַלץ ניט געווען. אַלעמאָל, ווען דער בעש״ט פלעגט קומען אין שטאָט אריין, פלעגט ר׳ גרשון שפּעטן פון אים און פרעגן: — האָט מען דיר שוין אָפּגעבראַכט דאָס פערד?

איינמאָל איז דער בעש״ט געזעסן אינדערהיים. פּלוצלונג האָט אַ גוי אָנגע־קלאַפּט אין פענסטער: זאָל מען אים געבן אַ ליולקע צו פאַררויכערן. דער בעש״ט

איז ארויסגעגאַנגען און האָט דערקענט זיין פערד. דער גוי איז תיכף אַראָפּ פון פערד און דער בעש"ט האָט צוריק באַקומען זיין היזק.

אויסגעדונגען אַ קרעטשמע.

דער בעש"ט, איידער ער איז נתגלה געוואָרן, האָט ער געקנעלט אין אַ קרעטשמע אין אַ דאָרף. אַמאָל האָט דער בעש"ט געבעטן דעם קרעטשמער, מע זאָל פאַר אים אויסבויען אַ קליין שטיבל אין וואַלד ניט ווייט פון דאָרף, ער זאָל דאָרטן קענען לערנען מיט זיינע תלמידים. דער קרעטשמער האָט אים אויסגעבויט דאָס שטיבל און דער בעש"ט האָט דאָרט מיט זיינע תלמידים געלערנט טאָג און נאַכט, נאָר מיטאָג עסן פלעגן זיי גיין אין דאָרף אַריין.

איינמאָל גייענדיק עסן מיטאָג האָט דער בעש"ט מיט זיינע תלמידים דערהערט פון קרעטשמע אַ גרויס געוויין. די תלמידים האָבן זיך זייער דערשראָקן. דער בעש"ט האָט זיי באַרויִקט. — זיי האָבן ניט וואָס צו וויינען — האָט ער געזאָגט. אַריינגעקומען אין קרעטשמע, האָט ער געפרעגט: — „וואָס וויינט איר?" — מיר זיינען שטאַרק אומגליקלעך — האָט דער קרעטשמער געענטפערט, און דערציילט אים, אַז דער שכן ר' דוד האָט אים אויסגעדונגען פון דער קרעטשמע. דער בעש"ט האָט זיך אָנגענומען צו פועלן ביי ר' דודן, ער זאָל ניט ברעכן אַ יידן פון ברויט. ר' דוד האָט אים אָבער אַרויסגעטריבן פון שטוב. דאַן איז דער בעש"ט צוגעגאַנגען צום פענסטער און זיך אָפּגערופן צו ר' דודן: — צוויי זאַכן וועל איך אייך, ר' דוד, זאָגן: „ערשטנס — עס וועט קומען אַ צייט, ווען איר מיט אייער פרוי וועלן קומען צו מיר בעטן הילף און צווייטנס — איר וועט די קרעטשמע ניט דינגען". און ער איז אַוועקגעגאַנגען. ר' דוד האָט זיך אויסגעלאַכט פון זיינע רייד.

אויף מאָרגן האָט ר' דוד גענומען דעם גרויסן טלית-זאַק, אַריינגעלייגט אין אים פיל געלט צו געבן דעם פריץ פאַר דער קרעטשמע. אין יענעם טאָג, ווען ר' דוד איז געגאַנגען צום פריץ מאַכן אַ קאָנטראַקט, זיינען גראָד צו אים געקומען פיל גרויסע געסט. דער פריץ איז געווען פאַרנומען און האָט געהייסן זאָגן דעם יידן, ער זאָל קומען מאָרגן. ר' דוד איז אַהיים געגאַנגען. גייענדיק איז ער מיד געוואָרן און האָט זיך געזעצט אָפּרוען.

*

דעם פריצס אַ דינער האָט געוווסט, אַז ר' דוד האָט געלט. איז ער אים נאָכגעלאָפן. געטראָפן אַ שלאָפנדיקן, האָט ער ביי אים צוגענומען דאָס געלט און נאָך געשאָסן אים אין פוס. דוד איז געבליבן אַ געהלשטער אויפן וועג. אַ פויער האָט אים געפונען און אַוועקגעפירט אַהיים. פאַר שרעק איז דוד געליימט געוואָרן.

דער פריץ האָט געזען, אַז דער נייער רענדאַר קומט ניט, האָט ער איבערגעלאָזט דעם אַלטן פאַר דערזעלבער ראַטע.

*

אין אַ צייט אַרום איז דער בעשט באַוווסט געוואָרן פאַר אַ גרויסן בעל שם. דער קראַנקער ר' דוד האָט באַשלאָסן צו פאָרן צו אים נאָך אַ רפואה.

דעמזעלבן אָווגט האָט דעם קראַנקנס פרוי געזען אין חלום איר פאַרשטאָרבענע מוטער. די מוטער האָט איר געהייסן פירן דעם מאַן צום בעש"ט. — ער וועט דאָרט באַקומען אַ רפואה שלמה. אַ סימן וועסטו האָבן — האָט זי צוגעגעבן — אַז דער בעש"ט וועט דיר זאָגן דיזעלביקע ווערטער, וואָס איך זאָג דיר.

אַזוי ווי דעמזעלבן חלום האָט אויך דער קראַנקער געזען און געהערט פון זיין פאַרשטאָרבענעם פאָטער, זיינען זיי אַוועקגעפאָרן צום בעש"ט.

*

אין יענעם טאָג, וואָס ר' דוד איז געקומען צום בעש"ט, איז דער בעש"ט געזעסן פאַרשלאָסן אין זיין חדר און האָט באַפוילן דעם גבאי קיינעם ניט אַריינצולאָזן, סיידן ווען עס וועט קומען אַ קראַנקער מאַן מיט אַ ווייב, זאָל מען אים באַלד מודיע זיין וועגן דעם.

אין אַ ווײַלע אַרום איז דער גבאי געקומען און געמעלדעט דעם בעש"ט, אַז אַ פרוי האָט געבראַכט אַ קראַנקן מאַן ער ליגט אין אַ בעט און קאָן זיך ניט רירן פון אָרט.

— גיי זאָג אים אין מיין נאָמען — האָט דער בעש"ט באַפוילן דעם גבאי — ער זאָל באַלד אַראָפּקריכן פון בעט און די מינוט אַריינקומען צו מיר אין מיין חדר מיוחד.

דער גבאי איז אַוועק צום קראַנקן און געזאָגט אים: — דער בעש"ט רופט אייך צו זיך אין חדר אַריין.

דער קראַנקער האָט אים אָנגעקוקט מיט גרויס פאַרוווּנדערונג. ריידן האָט ער ניט געקאָנט. האָט זיך אָפּגערופן זיין פרוי: — „דער בעש"ט פאַרלאַנגט פון אים אַזאַ זאַך, וואָס ער קאָן ניט אויספירן". דער גבאי איז געגאַנגען צום בעש"ט און געמעלדעט אים, אַז דער קראַנקער קאָן ניט אַראָפּגיין.

דער בעש"ט האָט דאַן געעפנט די טיר פון זיין חדר, האָט אַ קוק געטאָן אויפן קראַנקן מיט אַ שאַרפן אויג. — וואָס ליגסטו אויפן בעט? — האָט ער געפרעגט — איך האָב דיך דאָך געבעטן, דו זאָלסט אַריינגיין צו מיר אין חדר.

ווי דער בעש"ט איז אַוועק, האָט זיך דוד אויפגעהויבן פון בעט, זיך געשטעלט און איז לאַנגזאַם אַוועק צום בעש"ט אין חדר אַריין.

ביים אַריינקומען פרעגט אים דער בעש"ט: — וואָס טראַכסטו איצט צו טאָן? אפשר ווילסטו דינגען ביי אַ פריץ אַ קרעטשמע?

ענטפערט אים ר' דוד, אַז קיין קרעטשמע וועט ער שוין קיינמאָל ניט דינגען. פון דער קרעטשמע איז ער צו זיין אומגליק געקומען. און ער האָט דערציילט דעם בעש"ט די גאַנצע מעשה, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט.

פרעגט אים דער בעש"ט: — דעם מלמד, וואָס האָט דיך געוואָרנט, וואָלסטו דערקענט? און אַז דו וואָלסט אים דערקענט, וואָס וואָלסטו אים זאָגן?

— איך וואָלט פאַר אים פאַלן אויף דער ערד — האָט ר' דוד געענטפערט — און קושן זיינע פיס. איך וואָלט אים ניט אָפּלאָזן, ביז ער וואָלט מיר מוחל געווען פאַר מיין זינד, וואָס איך האָב אים ניט געפאָלגט. איצט זע איך, אַז ער איז געווען אַ הייליקער מאַן. ער האָט מיר דענסטמאָל געזאָגט צוויי זאַכן, איז איינע פון זיי מקוים שוין געוואָרן.

דערזען, אַז ר' דוד איז אַ בעל-תשובה, האָט זיך דער בעש"ט געלאָזט דערקענען. דערביי האָט ער זיי דערציילט די ווערטער פון זייערע טאַטע-מאַמע, וואָס זיי האָבן

אין חלום געהערט. די געשיכטע איז זיי נאָך ווונדערלעכער געוואָרן

דער בעש"ט האָט זיי אָנגעזאָגט נאָך אַ גוטע בשורה — ביים פריץ וועלן זיי געפינען דאָס אַוועקגעוואָרפענע געלט. זאָלן זיי דינגען ביי אים אַ וואַלד און עס וועט זיי מצליח זיין. זיי האָבן אַזוי געטאָן און האָבן געלעבט גליקליך אויף דער וועלט און זיך אָנגעגרייט פיל גוטעס אויף יענער וועלט.

אַ פריץ ציטערט פאַרן בעש"ט.

אין מעזשיבוזש איז געווען אַ מוכסן. האָט דער פריץ אויפגעגעבן אַ הוספה אויף דער אַרענדע. איז דער מוכסן שולדיק געבליבן דעם שר געלט און האָט ניט געהאַט צו צאָלן די ראַטע. האָט דער שר פאַרדונגען די קרעטשמע אַ צווייטן אַרענדאַר און דעם ערשטן גיט אַרויסלאָזן ערגעץ פאָרן, ביז וואַנען ער וועט ניט באַצאָלן דעם חוב. דער מוכסן האָט זיך אָבער פאָרט אַרויסגעכאַפּט און איז אַוועקגעפאָרן צום בעש"ט. ווי דער נייער מוכסן איז געוואָר געוואָרן, אַז דער ערשטער איז אַוועקגעפאָרן, האָט ער אים געמסרט פאַרן פריץ, אַז ער איז געפאָרן אים כשוף טאָן.

האָט דער שר געגומען תפוס יענעמס זון.

אין מעזשיבוזש האָט דער מוכסן דעם בעש"ט ניט דערוויסט אינדערהיים. דער בעש"ט איז געווען אָפּגעפאָרן קיין קאַמענקע. איז דער מוכסן געפאָרן קיין קאַמינקע און האָט אונטערוועגנס באַגעגנט דעם בעש"ט. האָט ער אים דערציילט די געשיכטע. זאָגט צו אים דער בעש"ט: „וואָס זאָל איך דיר טאָן אונטערוועגנס? פאָר מיר נאָך אַהיים". דערווייל האָט דער בעש"ט אַ בליק געטאָן, אַז דער שר האָט תפוס געגומען דעם מוכסנס זון, און אַז דער נייער מוכסן האָט געמסרט דעם אַלטן, אַז ער איז אַוועקגעפאָרן צום בעש"ט כשוף טאָן.

רופט זיך אָפּ דער בעש"ט: — „פאָר גיך אַהיים. און ווי דו וועסט קומען, זאָלסטו גלייך גיין צום שר". האָט דער מוכסן אַזוי געטאָן. דער שר האָט פאַר אים זייער מורא געקראָגן. ער האָט אַרויסגעטריבן זיין זון פון דער תפיסה און געשיקט, מע זאָל דעם ערשטן מוכסן אַרויסטרייבן פון דאָרף מיט אַלעם גאָר, וואָס ער האָט געהאַט.

דער בעש"ט ברענגט אַריין אין גן־עדן.

אַז דער בעש"ט איז געקומען קיין מעזשיבוזש, איז ער גאָר ניט חשוב געווען ביי די חסידים ר' וואָלף קיצעס און ר' דוד פירקעס מחמת דעם נאָמען בעש"ט, וואָס ער האָט זיך געלאָזט: עס שטייט. ניט אַזאַ נאָמען צו אַ צדיק!

אַמאָל איז אין שטאָט קראַנק געוואָרן אַן ערלעכער און אַ פרומער תלמיד. זיינען זיי געגאַנגען אים מבקר חולה זיין. האָט מען געוואָלט רופן דעם בעש"ט, האָבן זיי ניט מסכים געווען. דערנאָך, אַז דער חולה איז נאָך מער שלאַפער געוואָרן, האָט ר' וואָלף ור' דוד אויך מסכים געווען. האָבן זיי אָנגעזאָגט דעם חולה: וואָס דער בעש"ט וועט מיט דיר ריידן, זאָלסטו אונדז אַלץ דערציילן.

אַז דער בעש"ט איז אַריינגעקומען, האָט ער געהייסן, אַז אַלע זאָלן אַרויסגיין פון שטוב. זיינען אַלע אַרויסגעגאַנגען, נאָר איין ייִנגל האָט זיך באַהאַלטן.

האָט דער בעש"ט געזאָגט צום חולה: — "וויטן זאָלסטו, אַז דו וועסט שטאַרבן איין זאַך האָסטו נאָך ניט פאַרריכט, דאַרפסטו תשובה טאָן דערויף". און ער האָט אים געזאָגט די דאָזיקע זאַך. ענטפערט אים דער חולה: — איך האָב אין דעם אמת געוואָלט דאָס פאַרריכטן, אָבער וואָס קאָן איך היינט טאָן?

זאָגט דער בעש"ט צו אים: — זאָרג דיך ניט. איך וועל זען, דו זאָלסט דורך דעם קיין עכּוב ניט האָבן און איך וועל דיך אַריינבריינגען אין גן-עדן נאָר דו זאָלסט פאַר קיינעם ניט מגלה זיין, וואָס איך רייד דאָ מיט דיר.

און דער בעש"ט איז פון אים אַוועקגעגאַנגען.

האָבן די אַרומיקע געפרעגט דעם חולה: — "וואָס האָט דער בעש"ט גערעדט מיט דיר?" האָט ער ניט געוואָלט אויסזאָגן. האָט זיך אָפּגערופן דאָס יינגל און דערציילט אַלץ, וואָס דער בעש"ט האָט דערציילט. האָבן זיי געפרעגט דעם חולה, אויב עס איז אמת, וואָס דאָס יינגל זאָגט. האָט ער געזאָגט: — "עס איז אמת!"

איז זיי אַ גרויסער וואונדער געווען. — ווי קומט ער צו וויסן, וואָס אויבן טוט זיך און ווער עס וועט זיין אין גן-עדן. האָבן זיי געבויט דעם חולה, ער זאָל געבן תקיעת כּף, אַז ער וועט קומען זאָגן, וואָס מיט אים וועט זיך טאָן נאָך זיין טויט.

נאָכן טויט איז ער געקומען און האָט זיי געזאָגט: מע האָט אים אַריינגעבראַכט אין גן-עדן, ווי דער בעש"ט האָט געזאָגט.

דער בעש"ט איז פותר חלום.

עס איז געווען אַ רב ר' יוסף אשכנזי. איז אים געקומען צו חלום אַ חסיד און האָט צו אים אַזוי געזאָגט: — זאָלסט וויסן, אַז איך בין געשטאָרבן און האָב געלאָזט אַ בן קטן. ער קאָן גוט לערנען און מיין ווייב וויל מיט אים אַ שידוך טאָן פון אַ שייגער משפחה, בכן בעט איך דיך, דו זאָלסט גיין צו מיין ווייב און איר זאָגן פון מיינטוועגן, זי זאָל ניט טאָן דעם שידוך, ווארום דער שידוך איז מיר ניט ניחא. נאָר דער מענטש, וואָס וועט היינט קומען צום ערשטן צו מיין ווייב אין שטוב אַריין — מיט דעם זאָל זי אַ שידוך טאָן פאַר מיין זון.

דערנאָך האָט זיך ר' יוספן ווידער געחלומט: עס איז געשטאַנען אַ מזבח, דער געשטאָרבענער חסיד איז אַרויף אויפן מזבח, האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ ביז צווישן זיינע קניען און האָט אָנגעהויבן צו שרייען די סליחה:

ענוּנו ה' ענוּנו,
ענוּנו אבינו ענוּנו!

און וויטער נאָך דעם א"ב, אַזוי ווי אין דער סליחה שטייט. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

ענוּנו אלהי אבותינו ענוּנו,
ענוּנו אלהי אברהם ענוּנו,
ענוּנו פּחד יצחק ענוּנו,
ענוּנו אביר יעקב ענוּנו,
ענוּנו שומע דמעה ענוּנו,
ענוּנו אלהי המרכּבה ענוּנו!

דאַן האָט דער חסיד אַ שוועב געטאָן און איז אַריין אין הימל.

אינדערפרי איז ר׳ יוסף אויפגעשטאַנען. איז ער געגאַנגען צום בעש״ט און האָט אים דערציילט דעם חלום. האָט דער בעש״ט געזאָגט: — דו מיינסט, עס איז אַ חלום, וואָס דו האָסט געזען? ניין — דו האָסט געזען אַ נבואה! איך האָב אויך געזען די דאָזיקע נבואה. נאָר איך האָב געוווּסט, אַז דאָס איז אַ נבואה, און דיר האָט זיך דאָס אויסגעוויזן פאַר אַ חלום.

האָט ר׳ יוסף געפרעגט דעם בעש״ט: — וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ מזבח? האָט דער בעש״ט געענטפערט: — אויף דעם מזבח איז דער מלאך מיכאל מקריב די יידישע נשמות פאַר השי״. האָט ר׳ יוסף דעם בעש״ט ווידער געפרעגט: — „פון וועסט וועגן האָט דער חסיד מתפלל געווען די עננות?״ האָט דער בעש״ט געזאָגט: „קיין מלאך און קיין נשמה קאָן ניט אַרויפגיין אין די עולמות נאָר דורך דער תּפילה „עננו״. דער חסיד האָט זיין נשמה געוואָלט מאַכן גיין אין הימל אַריין, האָט ער געמוזט מתפלל זיין די „עננות״. האָט ר׳ יוסף ווידער געפרעגט: — לעניין מאַי האָט ער געזאָגט — עננו שומע דמעה, עננו אלהי המרכבה — דער נוסח שטייט דאָך גאָר ניט אין אונדזערע סליחות?

האָט דער בעש״ט געענטפערט: — אויף יענער וועלט איז אַזאַ נוסח. דערנאָך האָט דער בעש״ט געשיקט נאָך דעם חסידס ווייב און האָט איר געזאָגט מכּח דעם שידוך.

זיך באַרימט מיט עשירות.

אַמאָל איז אַ גרויסער עושר געווען. ער פלעגט פיל צדקה געבן און האָט זיך מיט גרויס יראת שמים אויסגעצייכנט. ער האָט אָבער איין גרויסן חסרון געהאַט. ווען עס פלעגט עמיצער צו אים אַמאָל קומען, פלעגט ער זיך פאַר אים מיט זיין גרויסן רייכטום באַרימען. ער איז שוין זיכער געווען, אַז ער וועט שוין אַזוי אַלע זיינע יאָרן אין גרויס עשירות אויסלעבן. האָט ער זיך דורך דעם פילע מקטריגים אין הימל געמאַכט און מ׳האָט ביי אים זיינע עשירות געוואָלט צונעמען.

האָט דער בעש״ט געשיקט צו אים ר׳ דוד מיקאָלאַיעווער. ווען ר׳ דוד איז צו אים אין הויז געקומען, האָט יענער, ווי זיין שטייגער איז שטענדיק געווען, אָנגעהויבן אויסצודערציילן אים וועגן זיין גאַנצער עשירות און זיין גרויסקייט. ר׳ דוד האָט אָבער פון אַלעם דעם ניט געוואָלט הערן. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז זייער מיד און וויל גיין שלאָפן.

ביינאַכט האָט זיך דעם עושר געחלומט, אַז דער קיניג איז צו אים אין הויז פאַר-פאָרן און האָט ביי אים געגעסן און געטרונקען און נאָכדעם פּלוצלונג געשטאָרבן. האָט מען אים — דעם גביר — דערפאַר פאַראורטיילט צום טויט, איז ער אין אַ ווייטער מדינה אַנטלאָפן און איז אַ האָלצהעקער געוואָרן, כדי ער זאָל דאַרפן אויף זיין חיונה פאַרדינען. דער גביר האָט זיך דאַן מיט גרויס שרעק פון שלאָף אויפגעכאַפּט. אינדערפרי האָט זיך ר׳ דוד צו אים אָפּגערופן: — „דערצייל מיר נאָר איצט אַ ביסל וועגן דיין גרויס עשירות״. האָט אים דער גביר געענטפערט: — „איצט ווייס איך שוין און פאַרשטיי אַלץ״. האָט זיך דאַן ר׳ דוד צו אים אָפּגערופן: „דערויף בין איך דאָס צו דיר געקומען, איך זאָל דיר געבן צו פאַרשטיין, אַז דו ביסט מער ניט, ווי נאָר אַ מענטש און דו דאַרפסט זיך ניט באַרימען מיט דיין רייכקייט״.

דער בעש"ט — אַ יודע עתידות.

אַמאָל איז דער בעש"ט איינגעלאַדן געוואָרן קיין סלוצק אין הויז פון איינעם פון די גרעסטע נגידים אין שטאָט, ר' שמואל, וועלכער איז צוזאַמען מיט זיינע ברידער געוועזן די הויפּט-אַרענדאַטאָרן פון די אַלע גיטער, וואָס האָבן באַלאַנגט צום פירשט ראַדזיוויל. ר' שמואל אַליין האָט אַפילו אין בעל-שם ניט געגלויבט. ער האָט אָבער געמוזט נאָכגעבן זיין פרוי, וואָס איז צו אים צוגעשטאַנען, ער זאָל איינמאָל פאַר אַלעמאָל דעם בעש"ט איינלאַדן, וואָרום זי האָבן אויסגעבויט אַ גייעם מויער און מורא געהאַט זיך איבערצוציען אין אים כל-זמן דער בעש"ט וועט זיי ניט בענטשן. דער בעש"ט איז געקומען קיין סלוצק און האָט דאָרט פאַרבראַכט דריי וואָכן. איידער ער איז פון דאָרטן אָפּגעפאָרן, האָט זיך די פרוי געווענדעט צו אים מיט דער פראַגע: — ביז וואַנען וועט מיין גוטער מזל אָנהאַלטן?

תחילת האָט דער בעש"ט אויף איר גוט אָנגעשריען, וואָרום „אַזוינע זאַכן פרעגט מען ניט". ווען זי איז אָבער צו אים שטאַרק צוגעשטאַנען, האָט ער אויף איין רגע זיינע אויגן צוגעמאַכט און זיך אָפּגערופן צו איר: „צוויי און צוואַנציק יאָר וועט דיין גוטער מזל אָנהאַלטן". ווען דער מאַן אירער ר' שמואל האָט דיזע ווערטער דערהערט, איז ער מלא חימה געוואָרן און האָט חוזק געמאַכט פון „טרעפער".

אַגב איז דאָרטן אין סלוצק אויך פאָלגנדיקעס פאָרגעקומען: ביי איינעם פון די נגידים איז אַ קינד קראַנק געוואָרן. איז דער נגיד געגאַנגען צום בעש"ט און דער בעש"ט האָט אים זיין הבטחה געגעבן, אַז דאָס קינד וועט געזונט ווערן. דאָס מאָל האָט אָבער דער הימל דעם בעש"טס ווילן ניט געוואָלט ממלא זיין — און דאָס קינד איז געשטאָרבן. האָט דער בעש"ט פאַרשטאַנען, אַז זיי וועלן אים חרפּת פנים אָנטאָן, איז ער האַלבע נאַכט אַוועקגעפאָרן פון דאָרטן מיט קפיצת הדרך. פון מיטן וועג האָט ער אָנגעשריבן אַ בריוו צו ר' שמואלן, אין וועלכן ער האָט אים פאָלגנדיקעס געשריבן: „דו זאָלסט וויסן זיין, אַז איך האָב געקענט מאַכן, דו זאָלסט מיר גאָרניט קענען טאָן. איך האָב אָבער מורא געהאַט, עס זאָל מיר ניט שאַדן עמיץ אַנדערש. דעריבער בין איך פון דיר ביינאַכט אָפּגעפאָרן. אַלעס וועט אָבער מקוים ווערן פונקט, ווי איך האָב דיר געזאָגט. עס וועט גאָרניט געמינערט ווערן. אין צוויי און צוואַנציק יאָר אַרום וועסטו דיין מפּלה פון דיינעם אַ קנעכט קריגן".

נאום ישראל בעש"ט, עבד ה'.

און נאָכדעם, ווען די צוויי און צוואַנציק יאָר זיינען צו ענדע געווען, איז ווירקלעך דעם גבירס מפּלה געקומען. דער פירסט ראַדזיוויל האָט אַן אומחן געוואָרפן אויף די ברידער אַרענדאַטאָרן. ער האָט פון זיי די אַרענדע איבער זיינע גיטער צוגענומען און נאָך אין תפיסה איינגעשפּאַרט.

יודע עתידות.

איינער האָט זיך אַמאָל געוואונדערט אויף דער חכמה פון בעש"ט, ווי אַזוי ער טרעפט אַקוראַט, וואָס ס'טוט זיך פון ווייטן. האָט אים דער בעש"ט דערויף געענטפערט: — דורך דער ליכטיקייט, וואָס גאָט האָט באַשאַפן אין די ערשטע זעקס טעג, האָט אָדם הראשון געקאָנט קוקן פון איין עק וועלט ביזן צווייטן עק וועלט. נאָכדעם, אַז אָדם האָט געזינדיקט, האָט גאָט דיזאָקיע ליכטיקייט באַהאַלטן פאַר די צדיקים

לעתיד לבוא. ווּ האָט ער דאָס באַהאַלטן?—אין דער תורה! דערפאַר ווען איך עפן אויף דעם זוהר, זע איך די גאַנצע וועלט און איך האָב קיינמאָל קיין טעות ניט.

דער בעש״ט אַלס דאָקטאָר.

דער בעש״ט פלעגט זיך עוסק זיין ברפואות. זיינען צו אים געפאָרן יידן פון אַלע סביבות און ער האָט זיי אַלע הזולה געטאָן. אין ק״ק אָסטרע איז געווען אַ גרויסער דאָקטאָר, וואָס האָט אַ שם געהאַט אויף דער גאַנצער מדינה. דער ד״ר איז געוואָר געוואָרן, אַז דער בעש״ט איז עוסק ברפואות. איז ער געוואָרן מלא חימה און האָט זיך באַרימט, אַז ער וועט דערזען דעם בעש״ט, וועט ער אים שיסן מיט אַ ביקס. אַמאָל האָט זיך געטראָפן, אַז הרב ר׳ אברהם מגיד משרים דק״ק שדה לבן איז שלאַף געוואָרן. האָט ער געשיקט נאָך דעם בעש״ט. איז דער בעש״ט געקומען און האָט אים געהייסן טאָן כמה וכמה רפואות.

די קינדער של הרב האָבן מורא געהאַט זיך סומך צו זיין אויף אים. האָבן זיי געשיקט קיין אָסטרע נאָכן דאָקטאָר. הרב האָט דערפון ניט געוואוסט. אַז דער ד״ר איז שוין געווען עטלעכע מייל פאַר דער שטאָט, זאָגט דער בעש״ט צום רב:—עס איז שוין צייט אַהיים צו פאָרן, איר דאַרפט מיך שוין ניט, וואָרום דער אָסטרער ד״ר פאָרט שוין. ער געפינט זיך שוין צוויי מייל פאַר דער שטאָט.

ר׳ אברהם האָט אים אָבער געבעטן נעכטיקן און דער בעש״ט איז געבליבן. אינדערפרי האָט זיך דער בעש״ט געזעגנט מיטן חולה און איז אַוועקגעפאָרן. דעם בעש״טס פור איז גראָד געפאָרן פאַרביי דעם דאָקטאָרס סטאַנציע. איז ער אַריין צום דאָקטאָר און געזאָגט אים „שלום״. פרעגט אים דער דאָקטאָר:—„ווער האָט דיך געלערנט דאָקטאָריע?״ ענטפערט דער בעש״ט:—„גאָט האָט מיך געלערנט״.

איז געפאַלן אויפן דאָקטאָר אַ פחד און ער האָט שוין מיטן בעש״ט מער ניט גערעדט. דער בעש״ט איז אַהיים געפאָרן.

ר׳ אברהמס קינדער האָבן געבראַכט דעם ד״ר צום פאָטער. און דער דאָקטאָר האָט אים געהייסן טאָן דיזעלבע רפואות, וואָס דער בעש״ט. דער ד״ר איז מבויש געוואָרן און איז אַוועקגעפאָרן. ר׳ אברהם איז ברוגז געוואָרן אויף זיינע קינדער.—וואָס האָט איר מיר געטאָן, וואָס? האָט ער געטענהט—איבער דעם, וואָס איר האָט געשיקט נאָכן ד״ר, איז דער בעש״ט אַוועקגעפאָרן. איר ווייסט אָבער ניט—אַז דער בעש״ט איז צו מיר אַריינגעקומען, איז די שכינה אויך מיטגעקומען, און אַז דער ד״ר איז צו מיר געקומען, האָט זיך מיר געדאַכט: אַ גלח איז צו מיר אַריינגעקומען.

דער בעש״ט וויל ניט היילן.

אַמאָל, אַז דער בעש״ט איז געפאָרן קיין כמעלניק, האָט ער געהערט אין וועג, אַז ר׳ יוסף מלמד פון כמעלניק וועט שטאַרבן. אַז ער איז געקומען אין שטאָט אַריין, זיינען געקומען די שטאָט־לייט און האָבן אים געוואָלט באַצאָלן, ער זאָל אים היילן. ער האָט אָבער ניט געוואָלט. אַז דער בעש״ט איז אַוועקגעפאָרן, איז געקומען אַ דאָקטאָר און האָט אים געהיילט. דער חולה איז געזונט געוואָרן, דער דאָקטאָר איז נאָך

אין שטאָט געווען. דערווייל איז דער בעש״ט צוריקגעקומען און מע האָט אים דער־ ציילט, אַז דורך די רפואות פון דעם ד״ר איז ר׳ יוסף געזונט געוואָרן. דער בעש״ט איז אַוועקגעפאָרן פון דער שטאָט. פאַרן אַוועקפאָרן איז דער ד״ר ווידער גע־ ווען ביים חולה. האָט אים ר׳ יוסף געבעטן, ער זאָל אים מאַכן אַ פלאַסטער צו פאַר־ טרייבן די אומפלייט פון קאָפּ. דער ד״ר האָט אים געגעבן אַ זאַלב. ווי ער האָט זיך אָבער גענומען שמירן מיט דעם זאַלב, איז ער געשטאָרבן. דאַן האָט דער בעש״ט מגלה געווען זיין טעם, פאַרוואָס ער האָט ניט געוואָלט היילן ר׳ יוספן. ער האָט געהערט וועגן דעם אַ כרוז.

דער בעש״ט הייסט לאָזן בלוט.

אַמאָל האָט דער בעש״ט געגעכטיקט אינדערוועגנס אין אַ קרעטשמע. פלוצלונג האָט ער דערהערט אַ קול: — „פאָר גיך אַהיים, וואָרום ר׳ יוסף איז שלאַף״. איז ער געפאָרן און האָט געפונען, אַז דער חולה איז אַזוי פאַרשלאַפט, אַז ער קאָן ניט ריידן. האָט ער געהייסן דעם רופא, ער זאָל דעם חולה בלוט לאָזן. דער רופא האָט דאָס ניט געוואָלט טאָן. — אַז מע וועט אים אָדער לאָזן, איז ער מסוכן — האָט ער געזאָגט.

דער בעש״ט האָט אָבער געהייסן עפענען דעם חולה אַן אָדער און לאָזן בלוט. דער עולם האָט געמורמלט. דער בעש״ט איז אַוועקגעפאָרן. אין אַ האַלב שעה אַרום האָט דער חולה געבעטן וואַסער צום טרינקען און איז בעזרת הש״י געזונט געוואָרן.

דער בעש״ט ראַטעוועט אַ חולה מסוכן.

אַז דער צדיק ר׳ שמואל*) איז אַלט געוואָרן זעכצן יאָר, איז ער קראַנק געוואָרן און די דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז די קראַנקייט איז זייער געפערלעך. זיין פאָ־ טער ר׳ יצחק איז באַלד געפאָרן קיין מעזשיבוזש בעטן דעם בעש״ט, ער זאָל מתפלל זיין פאַר זיין קינד. ער האָט דערציילט דעם בעש״ט זיין אומגליק. די גאַנצע צייט, וואָס ר׳ יצחק האָט גערעדט, האָט דער בעש״ט קיין וואָרט ניט געענטפערט. ר׳ יצחק האָט געמיינט, אַז ס׳איז אַ שלעכטער סימן, און האָט זיך שטאַרק דערשראָקן. דער בעש״ט האָט פאַרשטאַנען, וואָס ר׳ יצחק טראַכט, און האָט צ אים געזאָגט: — שרעק דיך ניט! הגם דיין זון איז שטאַרק קראַנק, אָבער איך האָב פאַר אים אַ גוטע רפואה. שיק אים צו מיר, זאָל ער ביי מיר בלייבן אַ גאַנצן יאָר, ער וועט עסן ביי מיין טיש און איך האָף צו גאָט, אַז דיין קינד וועט געזונט ווערן.

ר׳ יצחק איז תיכף ומיד אַוועקגעפאָרן אַהיים און האָט געבראַכט דעם קראַנקן זון צום בעש״ט. אַ יאָר צייט איז ר׳ שמואל געזעסן ביים בעש״ט. דער שטייגער פון בעש״ט איז געווען: ווען ער פלעגט פאָרן אין וועג, פלעגט ער מכבד זיין איינעם פון די פאַסאַזשירן, וואָס זיינען מיט אים מיטגעפאָרן, ער זאָל זאָגן תהילים אינדער־ הויך אָדער חזרן „עין יעקב״, כדי די איבעריקע פאַסאַזשירן זאָלן קענען הערן און מיטזאָגן. איצט פלעגט ער שטענדיק מיטנעמען מיט זיך שמואלן און שטענדיק אים מכבד זיין מיטן זאָגן.

*) אַ רב פון זאַלעשטשיק.

אין אַ יאָר אַרום איז שמואל געקומען אַהיים געזונט און פריש. ער האָט געלעבט צוויי און זיבעציק יאָר. פאַר דער צייט, וואָס ער איז געקומען פון בעש״ט, ביזן טויט איז ער קיינמאָל ניט קראַנק געווען. אין דעם יאָר, וואָס ער איז געזעסן ביים בעש״ט אין שטוב, האָט ער זיך אָנגעזען נסים ונפלאות, וואָס ער האָט ביזן טויט ניט געקאָנט ענדיקן צו דערציילן.

דער בעש״ט און דער קראַנקער צדיק.

אַמאָל איז דער בעשט געקומען אין אַ שטאָט. האָבן אים די פני פון דער שטאָט געבראַכט אַ פדיון און געבעטן, ער זאָל מתפלל זיין פאַר דעם קראַנקן צדיק פון שטאָט. דער בעש״ט האָט זיי צוגעזאָגט, אַז דער צדיק וועט געזונט ווערן.

אַכטאָג צייט איז אַוועק פון דער צייט, וואָס דער בעש״ט האָט פאַרשפּראָכן, אָבער דער צדיק איז ניט בעסער געוואָרן.

— הייליקער רבי — האָט אַ תלמיד געזאָגט צום בעש״ט: — איר ווייסט דאָך, אַז דער קראַנקער איז אַ צדיק און די גאַנצע שטאָט האָט אויף אים רחמנות. די שטאָט פאַרלאַנגט, איר זאָלט אויף אים רחמנות האָבן!

— ער מוז נאָך אַ ביסל קראַנק זיין — האָט דער בעש״ט געענטפערט — עס איז נאָך ניט צייט, ער זאָל ווערן געזונט.

דער תלמיד האָט אים שטאַרקער געבעטן. דאַן האָט דער בעש״ט צו אים געזאָגט:

— איך מוז דיר מגלה זיין דעם סוד. אין וואַלד זיינען פאַראַן עטלעכע גזלנים, וואָס ווילן שלעכטס טאָן פיל יידן אין אַ סך שטעט, נאָר זיי קענען ניט אויספירן זייערע שלעכטע געדאַנקען, ווייל דער קראַנקער צדיק דורך זיינע יסורים איז מגין אויף זיי. און אַזוי לאַנג, ווי די גזלנים וועלן אַרומגיין פריי אין וואַלד, מוז דער צדיק ליידן יסורים. נאָר איצט האָט מען אַרויסגעשיקט זעלנער כאַפּן די גזלנים. אין דריי טעג אַרום וועלן זיי געבראַכט ווערן אין שטאָט אַריין געשמידט אין קייטן. דענסטמאָל וועט דער צדיק געזונט ווערן.

און אַזוי ווי דער בעש״ט האָט געזאָגט, אַזוי איז געווען. אין דריי טעג אַרום האָט מען די רוצחים געבראַכט אין שטאָט אַריין. גאַנץ שטאָט איז געגאַנגען זיי זען און דער צדיק איז באַלד געזונט געוואָרן.

דער בעש״ט ראַטעוועט אַ קינד פון טויט.

דער בעש״ט איז אַמאָל געקומען אין אַ שטאָט. האָט ער געהערט אַ כרוז, אַז ער זאָל איינשטיין דאָרטן אין דער שטוב פון אַ באַלעבאָס. איז ער פאַרפאָרן צו דעם באַלעבאָס. האָט מען אים ניט געוואָלט אַריינלאָזן, וואָרום דאָרטן איז אַ יינגל שלאָף געוואָרן. האָט דער בעש״ט געשיקט זיין סופר פרעגן, וואָס איז די מעשה. האָט די באַלעבאָסטע געזאָגט: — „איר זעט דאָך, דאָס קינד איז שלאָף און איך בין מיך מצער״. און זי האָט געשאָלטן דעם בעש״ט, וואָס ער פאַרדרייט איר אַ קאָפּ.

דער באַלעבאָס האָט ניט געקאָנט אַזוי מעיז זיין אַזוי, ווי די אשה. איז ער אַרויסגעגאַנגען צום בעש״ט צום וואָגן און געזאָגט: „עס איז גאָרניט מיגלעך, אַז איר

זאָלט דאָ איינשטיין". דער בעש"ט האָט זיך אָבער איינגעשפּאַרט: ער וויל דווקא דאָ איינשטיין. דער באַלעבאָס האָט אים אָפּגעווענדט: דאָס קינד איז שלאָף. האָט דער בעש"ט דאַן געשוואָרן: אַז ער וועט דאָ איינשטיין, וועט דאָס קינד לעבן בלייבן. און ער איז תיכף געגאַנגען אין מקוה אַריין. האָט ער געזען, עס איז ניט גוט מיטן קינד. דאָס איז געווען ערב שבת. האָט דער בעש"ט געהייסן, עס זאָל קיינער ניט זיין אין דער שטוב. אפילו זיין סופר האָט ער אויך געהייסן אַרויסגיין. נאָר ער אַליין איז געבליבן מיטן קינד און האָט זיך געשטעלט תפילה טאָן.

עס האָט זייער לאַנג געדויערט. פון בעש"טס חדר האָט זיך קיין זאַך ניט געהערט. דער סופר האָט מורא געהאַט, דער בעש"ט זאָל ניט מסוכן זיין, ווען ער וועט זיך שטאַרקן אין דער תפילה מכח דעם קינד. האָט ער שטילערהייט געעפנט די טיר, האָט ער געהערט, ווי דער בעש"ט האָט געזאָגט צו דער נשמה פון דעם קינד:

— גיי אַריין אין גוף פון דעם קינד, וואָרום דו וועסט מוזן אַריינגיין. קען דען דאָס זיין, אַז איך זאָל פאַלש שווערן?

דער סופר איז צוריקגעגאַנגען. אין אַ ווילע אַרום האָט ער ווידער שטילערהייט געעפנט די טיר. האָט ער געזען: דער בעש"ט ליגט אויף דער ערד. באַלד איז ער אויפגעשטאַנען און האָט געזאָגט: "דו וועסט מוזן אין גוף אַריינגיין!" און האָט אַ געשריי געטאָן: — "הירש, גיב ווין אויף קידוש!" ער האָט געגעסן.

מיטן סופר און אַ גאַנצע נאַכט געשלאָפן. אויף מאָרגן פרי האָט ער געגעבן רפואות, האָט אָנגעזאָגט דעם סופר, ווי ער זאָל זיך נוהג זיין מיט דעם קינד און אַליין איז ער געגאַנגען דאַווענען.

ווי דעם קינדס מוטער האָט דערזען, אַז דאָס קינד איז אַ ביסל פרייער, האָט זי אָנגעהויבן צו וויינען. פרעגט זי דער סופר: — "וואָס וויינסטו?" זאָגט זי: "ווי זאָל איך ניט וויינען, אַז איך האָב געשאָלטן אַזאַ צדיק". זאָגט דער סופר: — "נישקשה, מיין רבי איז אַ גוטער, ער וועט מוחל זיין".

אַז דער בעש"ט איז געקומען פון דאַווענען, האָט ער געהערט זי וויינט. האָט ער געפרעגט דעם סופר. האָט דער סופר אים דערציילט, אַז די פרוי איז זיך מצער. האָט דער בעש"ט געשיקט צו איר אָנזאָגן, זי זאָל ניט וויינען, זאָל זי מאַכן אַ גוטן שלוש סעודות.

און דאָס קינד האָט געלעבט מער ווי זעכציק יאָר און האָט געהאַט קינדער און פרנסה כל ימיו. די יאָרן פון דעם קינד זיינען שוין געווען אויסגעגאַנגען, נאָר וויל דער בעש"ט האָט געשוואָרן, האָט די נשמה געמוזט צוריקגיין. דער בעש"ט האָט פאַר אים אויסגעבעטן לעבן און פרנסה און קינדער.

מחיה מתים געווען אַ קינד.

איינמאָל האָט דער בעש"ט איינעם צוגעזאָגט אַ בן זכר. דאָס קינד איז ווירקלעך געבאָרן געוואָרן, אָבער עס איז באַלד געשטאָרבן. דער פאָטער פון קינד האָט זיך מיט ביטערע טרערן באַגאָסן. דער בעש"ט האָט אויף אים גוזר געווען, ער זאָל אויפהערן צו וויינען. ער האָט אים געהייסן אַלעס פאַר דעם ברית־מילה צוגרייטן.

— און איך אַליין — האָט ער געזאָגט צו אים — וועל די ברכות מאַכן.

אַז ס'איז געקומען דער טאָג פון ברית, האָבן זיך פיל מענטשן אין דעם פאַ־

טערס הויז פאַרזאַמלט. גאָר אַ קלייניקייט, אַזאַ גרויסער ווונדער וועט דאָ באַלד באַווייזן ווערן! מ'האָט דאָס טויטע קינד אין הויז אַריינגעבראַכט. דער מוהל האָט אים געיידישט. עס האָט זיך אָבער קיין בלוט ניט באַוויזן.

מ'האָט די מצוה פון מציצה מקיים געווען, אויך דאָס מאָל האָט זיך קיין בלוט ניט געוויזן. דער בעש"ט האָט זיך אָבער ווייניק געקימערט וועגן דעם אַלעמען. ער האָט געוווסט, אַז באַלד, באַלד וועלט דער גרויסער נס געשען. ער האָט אָנגעהויבן די ברכות צו זאָגן. און ווען ס'איז געקומען צו די ווערטער „לקיים את הילד הזה לאביו ולאמו"—דאָס קינד זאָל אַ קיום האָבן ביי זיין פאָטער און מוטער—איז ער אַ לאַנגע, לאַנגע ווילע שטיין געבליבן, ביז די נשמה פון קינד איז צוריק צו אים געקומען און עס האָט פון זיין מילה בלוט אַ שפריץ געטאָן.

פון טויט לעבעדיק געמאַכט.

אַמאָל איז דער בעש"ט געשטאַנען לעבן אַ חולה, וואָס די נשמה זיינע האָט שוין גאָר אינגאַנצן איר גוף פאַרלאָזט. דער חולה איז שוין געווען געשטאָרבן. דער בעש"ט האָט אָבער געשוואָרן, אַז דער חולה מוז צוריק לעבעדיק ווערן. האָט ער זיך אָנגערופן צו דער נשמה: — „דו וועסט מוזן צוריק אין קערפער קומען, ווייל איך וועל ניט שווערן אויף פאַלש". און די נשמה האָט ווירקלעך געמוזט צוריק אין גוף אַריינגעקומען. דער קראַנקער איז באַלד געזונט געוואָרן.

אמת, מ'האָט זיך מיט אים אין הימל פאַר דערדאָזיקער געשיכטע אָפגערעכנט. דערפאַר וואָס ער האָט געגעבן אַ שבועה, דורך וועלכער ער האָט דעם הימל געצוווּנגען משנה בראשית צו זיין, האָט ער זיין עונש באַקומען: פייערדיקע ריטער. ער האָט אָבער דאָסזייניקע אויסגעפירט.

דער בעש"ט פאַרטרייבט דעם מלאך המות.

איינמאָל האָט דער בעש"ט געטראָפן דעם מלאך המות שטיין לעבן אַ קראַנקן. האָט ער אויף אים גוזר געווען, ער זאָל גלייך אָפטרעטן. איז דער מלאך המות אַנטלאָפן און דער חולה איז באַלד געזונט געוואָרן.

דער בעש"ט לייענט אַראָפּ דעם צייכן פון טויט.

איינמאָל איז צום בעש"ט געקומען אַ מוכסן, ער זאָל פאַר אים מתפלל זיין—עס גייען אים שלעכט די געשעפטן. האָט אים דער בעש"ט אָנגעהויבן מזרז צו זיין, ער זאָל תשובה טאָן און זיין התנהגות פאַרבעסערן.

און ווען דער מוכסן האָט זיין הויז פאַרלאָזט, האָט זיך דער בעש"ט אָנגערופן צו די ביישטייענדיקע: — וואָס פאַר אַ שוטה דאָס איז, הייגט, מאָרגן שטאַרבט ער און זאָרגט זיך וועגן פרנסה.

אַראָפּגעלייענט דעם צייכן פון טויט. (וואַריאַנט)

ס'איז געווען איינער. האָט ער געהייסן ר' לייב. פלעגט זיך ר' לייב אַזוי נוהג זיין — אַלע נאַכט באַרעכענען, וואָס ער האָט געטאָן אַ גאַנצן טאָג, און אַז ער האָט געפונען, וואָס ניט רעכט איז, פלעגט ער תשובה טאָן דעריבער.

אין דעם טאָג, וואָס ער איז נפטר געוואָרן, האָט אים באַגעגנט דער בעש"ט, זאָגט ער צו אים: — "ריכט צו גיך דיינע זאַכן". ווארום ר' לייבס מנהג איז געווען — אַרומגיין אַלע שולן צו הערן קדושה וברכו. אין שטאָט איז געווען אַ בלאָטע. האָט ר' לייב גענומען אַ פערד און געריטן פון שול צו שול און געהערט קדוב"ה.

אין דעמזעלבן טאָג טאַקע איז ר' לייב געשטאָרבן.

חכמת הפרצוף.

דער בעש"ט האָט געוווסט חכמת הפרצוף. אַז ער האָט אויף אַ מענטשן אַ קוק געטאָן, האָט ער געוווסט, וואָס יענער האָט ביז אַצינד געטאָן און וואָס ער טראַכט אין זיין האַרצן אַצינד צו טאָן.

דער בעש"ט לייענט אַראָפּ פון פנים אַצייכן פון אַן עבירה.

ס'איז געווען איינער פון דעם בעש"טס מקורבים, אַ למדן און אַ ירא שמים. דער בעש"ט האָט אים תמיד זייער מקרב געווען. אַז דער מקורב פלעגט קומען אויף ימים-נוראים אין שטאָט אַריין, פלעגט ער איינשטיין ביים בעש"ט.

אַמאָל איז ער געקומען צום בעש"ט אין שטוב אַריין. האָט זיך דער בעש"ט אַוועקגעקערט פון אים. האָט ער זיך געטראַכט: — "מסתמא איז דער רבי פאַרטראַכט אין הויכע מחשבות און האָט מיך ניט אין זין". אין אַ ווייל אַרום איז ער ווידער געקומען. האָט זיך דער בעש"ט ווידער אָפּגעקערט פון אים. און אַזוי האָט ער געטאָן נאָך צוויי, דריי מאָל.

האָט זיך דער אורח זייער דערשראָקן. — וואָס קען דאָס זיין? — האָט ער זיך געטראַכט. איז ער געקומען צו ר' גרשון קוטאָווער און האָט אים אָנגעהויבן צו בעטן, ער זאָל גיין צום בעש"ט מכּה אים און פרעגן, וואָט דאָס באַטייט. איז ר' גרשון געקומען און האָט געפרעגט ביים בעש"ט: — וואָס איז דאָס? וואָס ביסטו אים אַזוי מרחיק? ער איז אַן אָדם כשר מיט אַלע מעשים און איז פרום.

האָט דער בעש"ט געענטפערט: — "איך קען אים ניט מקרב זיין".

אַז דער ייד האָט געזען, אַז דער בעש"ט האָט ר' גרשונען אויך ניט נעענטפערט, האָט ער זיך נאָך מער דערשראָקן. — מסתמא מוז עפּעס זיין? און ער איז ווידער אַוועק צו ר' גרשון: — זיין לעבן איז גאָר קיין לעבן ניט. ער וויל געוואָר ווערן, וואָס דאָס איז.

איז ר' גרשון ווידער געקומען צום בעש"ט און האָט אים געבעטן, ער זאָל אים זאָגן, פאַרוואָס ער איז מרחיק דעם מענטשן. — עס איז ממש אַ פקוח נפש — האָט ער געזאָגט. ענטפערט אים דער בעש"ט: — "איך זע אויף זיין שטערן אַ צייכן

עבירה פון אשת איש. האָט ר׳ גרשון געזאָגט: — „עס קען ניט זיין! ער איז שוין זעכצן יאָר אַ פּרוש פון זיין ווייב. ווייזט אויס, אַז נאָר דו אַליין זעסט עפּעס, מסתמא מוז דאָס זיין אַן איידעלע זאַך". זאָגט דער בעש"ט: „יאָ, איך מוז די זאַך נאָכקלערן, און פרייטאָגצו מנחה, אַז מיין נשמה וועט אַרויפגיין אויבן, וועל איך די זאַך דערגיין".

און נאָך מנחה האָט טאַקע דער בעש"ט דערציילט: די מעשה איז אַזוי: ער האָט זיך געאַסרט צו וווינען מיט זיין ווייב. און דער רמב"ם פּסקנט, אַז מע אַסרט זיך דאָס ווייב, איז מען אָסור אויף אירע תכשיטין. ער אָבער האָט אַמאָל געדאַרפט געלט אויף מצות הכנסת כלה. האָט ער גענומען דעם ווייבס תכשיטין און האָט עס פאַרזעצט. איבער דעם איז דער צייכן פון עבירה געווען אויף זיין שטערן".

*

דער מקורב האָט דערנאָך געבעטן אַ תיקון. האָט אים דער בעש"ט געגעבן.

ער לייענט אַראָפּ אַן עבירה.

עס האָט זיך געטראָפן דער בעש"ט האָט געזאָגט צו ר׳ גרשון זיין שוואָגער: — „איך זע אויף אייך אַ צייכן פון אַן עבירה". ענטפערט אים ר׳ גרשון: — „דו ביסט אַ שקרן". און ער האָט נאָך דעם בעש"ט געשלאָגן דערפאַר, וואָרום ער האָט זיך ניט געפילט אין קיין שום זאַך, עס זאָל זיין אים אַ נדנוד פון אַן עבירה.

זאָגט דער בעש"ט צו אים: — וואַרט ביז מאָרגן, וועט מען מיר מודיע זיין מן השמים די עבירה, וועל איך דיר אויך זאָגן.

עס איז געקומען מאָרגן, פרעגט אים ר׳ גרשון: — „האָט מען דיר שוין מודיע געווען מן השמים?" זאָגט דער בעש"ט: — יאָ. דו האָסט מקבל געווען אויף דיר, דו זאָלסט זיך פורש זיין פון דיין ווייב און דערנאָך האָסטו קיין וואָרט ניט געהאַלטן. כאָטש עס איז ניט קיין עבירה, נאָר ווייל הש"י איז מדקדק מיט די גוטע יידן כחוט השערה, איז גלייך ווי דו האָסט זיך עובר עבירה געווען. דאָס האָב איך געזען אויף דיר און האָב דיר געזאָגט.

האָט זיך ר׳ גרשון אָפּגערופן: עס איז אמת. מחמת איך האָב געוואָלט פאָרן קיין ארץ ישראל, האָב איך פורש געווען. האָט מיין ווייב אָבער ניט געוואָלט פאָרן, האָב איך געמוזט חוזר זיין על הפרישות.

ר׳ גרשון האָט געמוזט מתפלל זיין און פאַסטן. דער בעש"ט האָט אים אויך געמוזט העלפן. ערשט דאַן האָבן זיי מתקן געווען די עבירה.

דער בעש"ט פאַרשילט באַלטע.

אין דער שטאָט באַלטע פלעגן אָפט זיין גרויסע ירידן. אויף די דאָזיקע ירידן פלעגן אָנפאָרן סוחרים פון דער גאַנצער וועלט. און פונקט האָט זיך געמאַכט, אַז דער בעש"ט האָט אין איינעם אַזאַ יריד=טאָג געערדט פאַרן עולם אין שול. דער טומל פון גאַס איז געווען אַזוי גרויס, אַז מ׳האָט ניט געקענט הערן, וואָס ער רעדט.

איז דער בעש"ט אריין אין כעס און האָט געזאָגט: „וואַרט, באַלטע, אויף דיר וועט נאָך קומען אַן אומגליק!"

און באַלטע איז טאַקע חרוב געוואָרן אין דער רוסיש=טערקישער מלחמה.

די פאַרמשפּטע שטאָט.

אַמאָל איז הרב מפולנאַי געפאָרן אויף שבת צום בעש"ט דורך שאַרי=גראָד. אַזוי ווי ער איז ברוגז געווען אויף דער שטאָט, האָט ער זיך דאָרט ניט געוואָלט אָפּשטעלן. נאָר אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען הינטערן שטאָט, ביז וואַנען די פערד האָבן אָפּגעגעסן. אַז ער האָט זיך שוין געוואָלט נעמען אין וועג אַריין, האָט אָנגעהויבן צו גיסן אַ רעגן. האָט ער שוין געמוזט נעכטיקן. אינדערפרי האָט אויך גערעגנט; און אַזוי אַ גאַנצן טאָג. דערזען, אַז ס'הערט ניט אויף צו גיסן, האָט דער רב געזאָגט: „רבש"ע, אפשר איז דיר ניחא, איך זאָל דאָ שבת האַלטן? זאָל דער רעגן אויפהערן נאָר די שטאָט זאָל ניט ליידן". און ווי ער האָט דאָס אַרויסגערעדט, האָט דער רעגן אויפגעהערט. און אַ גאַנצן שבת האָט ער מתפלל געווען פון דער שטאָטס וועגן. דער בעש"ט האָט געוווּסט, אַז דער פולנער איז ברוגז אויף דער שטאָט. דערזען ברוח הקדש, אַז דער פולנער האַלט שבת אין שאַרע=גראַד, האָט ער דאָס דערציילט זײַנע לײַט.

נאָך שבת, אַז דער רב איז צו אים געקומען, האָט ער אים געגעבן שלום און געלאַכט. פרעגט דער רב: — „רבי, וואָס לאַכט איר?" ענטפערט דער בעש"ט: — „ווײַל דו האָסט שבת געהאַלטן אין שאַרי=גראָד". זאָגט דער רב: — „איבער די רעגנס האָב איך דאָרט געמוזט שבת האַלטן". און ער האָט זיך אָנגעהויבן באַקלאָגן אויף די שאַרי=גראָדער לײַט. האָט דער בעש"ט אים געענטפערט אויף דעם: — „דו מיינסט, אַז דער מוכיח האָט געזאָגט ליגן, אַז ער האָט געהערט אַ כרוז, אַז די שטאָט וועט פאַרברענט ווערן? דאָס איז אמת. ער האָט טאַקע געהערט אַ כרוז, נאָר איך האָב געפּועלט, עס זאָל ניט פאַרברענט ווערן אין איין מאָל, נאָר גאַסנווײַז, אַמאָל די גאַס און אַמאָל די אַנדערע, ביז די גאַנצע שטאָט וועט אָפּגעברענט ווערן. דאָס וועט אָבער געווערן אַ לאַנגע צײַט".

דאָ וועט ליגן ר' דוד.

אַמאָל איז דער בעש"ט געווען אין פולנאַי, אין ניי=שטאָט. האָט ער דאָרט אויפן בית=חיים דערזען אַן אור גדול. איז ער געגאַנגען צום קבר. איז אויף דער מצבה געווען אָנגעשריבן: „משה עבד ה'". זאָגט דער בעש"ט: „לעבן אים וועט ליגן ר' דוד". דאָרט אין נײַשטאָט איז געווען איינער, מע האָט אים גערופן ר' דוד צאַרנעס. האָט ער זיך דערשראָקן, ווײַל ער האָט געמיינט, דער בעש"ט מיינט דאָס, אַז ער וועט שטאַרבן. זאָגט דער בעש"ט צו אים: — „שרעק דיך נישט, ניט דיך מיין איך, דו ביסט ניט דער דוד, וואָס איך זאָג.

אַז ס'איז געווען צוועלף יאָר נאָכן בעש"טס טויט, איז געקומען הרב מוהר"ר דוד פירקעס אויף שבת חזון קיין פולנאַי. געקומען איז ער צום פולנער רב אין דער אַלטער

שטאָט. פלוצלונג האָט אים גענומען ציען אין דער ניי־שטאָט אַריין און ער האָט גענומען רשות ביים רב צו האַלטן שבת אין דער נייער שטאָט ביים מגיד. דעם מגיד אַליין האָט ער ניט געטראָפן, דאָך איז ער געבליבן. האָט זיך ר׳ דוד אַ גאַנצן שבת גע־וואונדערט: — וואָס טו איך דאָ? איך בין דאָך געקומען אַהער נאָר זען זיך מיטן מגיד, ער איז ניטאָ און איך בין פאָרט געבליבן!״

מוצאי שבת איז ר׳ דוד פלוצלונג שלאַף געוואָרן.

האָט ער גערופן די חברה קדישה און האָט זיי צוואָה געלאָזט, מע זאָל אים לייגן ביים קבר, וואָס אויף דער מצבה שטייט „משה עבד ה׳“. אויף מאָרגן אום זונטאָג איז ער נפטר געוואָרן. אַז דער עולם איז געקומען אויפן בית־חיים, האָבן זיך אַלע געחידושט, ווי ער האָט דאָס געטראָפן.

איז דאָרטן געווען די מוטער פון דעם מוכיח, אַ זקנה. האָט זי דערמאָנט, אַז זי האָט געהערט פון דעם בעש״ט, ווי דער בעש״ט האָט געזאָגט: „דאָ, ביי דעם קבר, וועט ליגן ר׳ דוד“.

האָבן אַלע געזען, אַז דעם בעש״טס רייד איז אמת.

דער בעש״ט זעט ליכטיקייט אויף אַ אשה.

די מוטער פון ר׳ יוסף און ר׳ יצחק קאַמינקער האָט געוווינט אין סאַטנאָוו. אַמאָל איז דער בעש״ט געפאָרן קיין סאַטנאָוו. אַז ער איז געקומען ניט ווייט פון דער שטאָט, האָט ער דערזען, אַז אין שטאָט איז אַ גרויסע ליכטיקייט. האָט ער זיך אַוועק־געשטעלט זען, אויף וועמען דאָס שיינט. האָט ער געזען, אַז די ליכטיקייט איז שורה אויף אַ אשה. אַז ער איז געקומען אין שטאָט אַריין, זיינען געקומען צו אים באַקאַנטע לייט אים מקבל פנים זיין. רופט זיך אָפּ צו זיי דער בעש״ט: איר געהער אייך שעמען, איך האָב געזען אַ ליכטיקייט ביי אייך אין שטאָט אויף אַ אשה און ניט אויף קיין זכר. קאָנט איר אַזאַ אשה האָבן?

זאָגן זיי: — „דאָס געהער זיין די פרומע ריוועלע“. האָט ער בדעה געהאַט צו שיקן נאָך איר. האָבן זיי געזאָגט: — איר דאַרפט ניט שיקן, זי וועט אַליין קומען צו אייך נאָך אַ נדבה, וואָרום זי איז עוסק במצות.

אויף מאָרגן נאָכן דאַווענען האָט דער בעש״ט דערזען זי גיין. זאָגט ער — זי האָט זיך איינגערעדט צו נעמען ביי מיר פערציק גילדן; איר וועט זען, ווי איך וועל מיט איר מאַכן.

זי איז געקומען און האָט געזאָגט: — עס איז פאַראַנדן קראַנקע עניים, בעט איך, איר זאָלט געבן אַ רעכטע נדבה. האָט ער איר געגעבן אַ זעקסער. האָט זי גאָר־ניט גערעדט, נאָר זי האָט זיך געמאַכט גלייך ווי זי וויל ניט נעמען. האָט ער איר געגעבן נאָך אַ זעקסער. האָט זי אויך ניט געוואָלט נעמען. זאָגט ער צו איר: — ווער האָט דיך געמאַכט פאַר אַ גבאיטע, דו זאָלסט באַגנבענען די צדקות?

זי האָט דאָס אָבער גאָרניט געהערט, ווייל זי האָט זיך געהאַלטן בשפלות. און איז ניט אַוועקגעגאַנגען פון אים, ביז ער האָט איר געגעבן פערציק גילדן.

פאַרנאַכט איז זי ווידער געקומען און האָט געזאָגט: — אַ רופא איז דאָ זייער שלאַף־מסוכן געוואָרן, זייט מתפלל פאַר אים.

זאָגט ער: — ווען עס וועט אָפּגיין אַ בואף אויף דער וועלט!

זאָגט זי: — ווער זאָגט דאָס, אַז ס'איז אמת?

פרעגט דער בעש"ט ביי די לייט, וואָס זיינען אין שטוב געווען: — „זאָג איך אמת?" זאָגן זיי — „יאָ". זאָגט זי: — האָבן זיי דען געזען, ווי מע זאָל דרויף אים דן זיין בב"ד? און דאָס אַנדערע: ער איז אַ גרויסער עם-הארץ. ווען ער זאָל וויסן דאָס האַרבקייט פון דער עבירה, וואָלט ער דאָס ניט געטאָן.

האָט דער בעש"ט געזאָגט: — ער האָט געהערט פון אויבן דאָס קטרוג אויפן רופא. האָט ער אומישנע פאַר איר איבערגערעדט דעם קטרוג, זי זאָל ממליץ זיין פאַר אים. איז אָנגענומען געוואָרן איר מליצה און דער רופא איז געזונט געוואָרן.

*

אַז די אשה פלעגט צוגיין אויף איר מאַנס קבר, פלעגט זי קלאַפּן אויפן קבר און זאָגן בזוי הלשון: — הערשל, גיי פאַר דעם כסא הכבוד און זיי מתפלל אויף דיינע קינדער, זיי זאָלן זיין עניים ואביונים, כדי זיי זאָלן ניט אָפּטרעטן פון גאָטס וועג.

דער בעש"ט און די פּושקע טאַבאַק.

דער צדיק ר' אברהם מרדכי ז"ל פון פּיגטשווו האָט דערציילט פון דער גרויס-קייט פון בעש"ט אַזאַ מעשה:

אַמאָל ר"ה זיינען דעם בעש"טס תלמידים געשטאַנען און געדאַוונט. אינמיטן תפילה איז ביי איינעם פון זיי אַרויסגעפאַלן פון האַנט די טאַבאַק-פּושקע. האָט ער זיך איינגעבויגן און אויפגעהויבן די פּושקע פון דרערד און ווידער געדאַוונט. זיין חבר האָט עס געזען, האָט ער אויף אים מתרעם געווען, פאַרוואָס ער האָט מפסיק געווען אויפצוהויבן די טאַבאַק-פּושקע אינמיטן דאַווענען און צו שמעקן טאַבאַק. דער בעש"ט האָט געזען ברוח הקודש, אַז דורך זיינע תרעומות האָט דער חבר גורם געווען מ'זאָל דעם צווייטן אָפּפּסקענען אין הימל, ער זאָל דעם יאָר שטאַרבן. דער בעש"ט האָט אַרויפגעבראַכט זיין נשמה אויבן און האָט פיל געטענהט פאַר דעם תלמיד, אָבער עס האָט ניט געהאָלפן.

הושענה רבה ביינאַכט איז דער בעש"ט נאָכאַמאָל אַרויפגעגאַנגען אויבן, שטאַרק געבעטן פאַרן תלמיד. האָט ער דורך זיין תפילה געפועלט — ווען דער מתרעם וועט אַליין געפינען אַ זכות אויפן זינדיקן, וועט דער זינדיקער בלייבן לעבן.

דער בעש"ט איז אַריין אין בית-המדרש, האָט ער געפונען, אַז דער מתרעם איז זיך עוסק אין משנה תורה. האָט ער ביי אים צוגענומען דעם מוח. האָט דער תלמיד ניט געקאָנט זאָגן מיט דבקות, ווי מ'דאַרף זאָגן דעם תיקון. איז ער אַרומגעגאַנגען אַהין און אַהער אָן אַ זין. אַרומגייענדיק איז אים אַריין אין קאָפּ אַ שאלה: פאַרוואָס איז אין די לעצטע צייטן נתגלה געוואָרן דער טאַבאַק צום רויכערן און שמעקן? און זיין מחשבה האָט אים געענטפערט: ווייל אין לעצטן דור זיינען פאַראַן טייערע נשמות, וואָס זיי קענען זיך ניט מתלבש זיין און ניט פאַרגרעבן, נאָר זייער עיקר תיקון איז אין אַ זאַך וואָס איז דין אין ריח, ווי דער טעם פון „אשה ריח ניחוח לה'". ווי ער האָט דאָס געטראַכט, האָט ער אָנגעהויבן חרטה צו האָבן, פאַרוואָס ער האָט מתרעם געווען אויף זיין חבר, וואָס האָט ר"ה געשמעקט טאַבאַק אינמיטן דאַווענען. דען ווער קען

וויסן, וואָס ער האָט דענסטמאָל געטאָן, וועלכע נשמה און וועלכע טייערע זאַך ער האָט דענסטמאָל מתקן געווען דורך זיין שמעקן די טאַבאַק?

דער שטייגער פון בעש"ט איז געווען: הושענה רבה פלעגט ער ענטפערן יעדן מענטשן אַליין, וואָס יענער האָט געפרעגט, וואָס עס איז נגזר געוואָרן אויבן און אונטן, און אַליין, וואָס ער האָט געזען אויף דער גאַנצער וועלט. דען ער האָט געקוקט מיט זיין הייליקן רוח פון איין עק וועלט ביז דעם צווייטן. אין יענעם טאָג איז ער געווען זייער פריילעך. איז דער „תלמיד" געקומען און האָט אים געפרעגט די שאלה וועגן טאַבאַק, פאַרוואָס אין די לעצטע דורות איז דאָס נתגלה געוואָרן.

— זאָג אַליין די תשובה אויף דיין שאלה—האָט דער בעש"ט שטרענג באַפוילן.

דער תלמיד האָט אים דערציילט, וואָס ער האָט דענסטמאָל געטראַכט.

— וואָס נאָך האָסטו געטראַכט?

דער תלמיד האָט דערציילט, אַז ער האָט געפונען אַ זכות אויף זיין חבר, פאַר־וואָס יענער דאַרף אויפגעהויבן די טאַבאַק־פושקע.

אין יענער מינוט איז די גזירה פון זיין חבר בטל געוואָרן.

דענסטמאָל האָט דער בעש"ט דערציילט זיין תלמיד די גאַנצע מעשה, וואָס ער האָט געקאָנט ברענגען אויף זיין חבר. און ער האָט אים אָנגעזאָגט, אַז שטענדיק זאָל ער דן זיין דעם חבר לכף זכות און זאָל ניט מעורר זיין קיין קטרוג אויף אַ ירא שמים. אויב ער וועט זיך אַזוי נוהג זיין, וועט אים זיין גוט.

דער בעש"ט איז אַ רואה ואינו נראה.

ס'איז געווען אַ פריץ, וואָס האָט פיינט געהאַט דעם בעש"ט. — ווען איך וועל אים טרעפן—האָט אַמאָל דער פריץ געזאָגט—וועל איך אים שיסן.

אַמאָל איז דער בעש"ט געשטאַנען אין ה'יף און האָט גערעדט מיט אַ קאָמיסאַר. אינדעם איז אָנגעקומען דער פריץ און גענומען ריידן מיטן קאָמיסאַר. דער בעש"ט האָט גענומען אָפשייד פון קאָמיסאַר און איז אַוועקגעגאַנגען.

— ווו געפין איך דעם בעש"ט?—האָט דער פריץ געפרעגט—איך וויל אים זען.

— אָט איז ער דאָך געשטאַנען מיט אונדז—האָט דער קאָמיסאַר געענטפערט.

— פאַרוואָס האָב איך אים ניט געזען?—האָט זיך דער פריץ געוווּנדערט—געוויס איז ער אַ רואה ואינו נראה. אויב אַזוי, איז ער אַ גרויסער וויכטיקער מענטש, דאַרף איך אים פיל כבוד אָפּגעבן. ער האָט געשלאָסן שלום מיטן בעש"ט און געשיקט אים אַ טייערע מתנה.

דער בעש"ט זיצט אין מעזשיבוזש און זעט, וואָס ס'טוט זיך אין זלאָטשאָוו.

הרב ר' מיכל, דער זלאָטשעווער מגיד, איז אַמאָל געווען ביים בעש"ט פרייטאָג פרי. זאָגט דער בעש"ט צו אים: „פאָר אַהיים!" טראַכט זיך ר' מיכל:—ווו וועל איך נעמען היינט אום ערב שבת אַ פור?

און ער איז געקומען אין בית-המדרש דאַוונען און האָט מעבר געווען די סדרה. אַז ס'איז געקומען צו אָנבייסן, זיינען די אורחים געקומען צום בעש"ט. פרעגט דעם בעש"טס ווייב — "ווו איז ר' מיכל?" זאָגט מען איר: — "דער רבי האָט אים געהייסן אַהיים פאָרן". זי האָט אָבער פאָרט געשיקט אין בית המדרש אים רופן. איז ער געקומען.

האָט דער בעש"ט צו אים געזאָגט: — זעץ דיך און עס און זאָלסט תיכף אַהיים פאָרן, ווייסט האָבן אַ פור אַהיים!

אַז ער האָט אָפּגעגעסן, איז ער אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן. זעט ער איינער שטייט מיט אַ וואָגן. פרעגט אים ר' מיכל: — "פון וואַנען ביסטו?" זאָגט ער: — "פון זלאָטשאָוו. כ'האָב געפירט אַ סוחר און איצט פאָר איך ליידיק אַהיים".

זאָגט אים ר' מיכל, אַז ער וועט מיט אים פאָרן. פרעגט דער בעל-עגלה: — "ווו וועלן מיר שבת האלטן?" זאָגט ר' מיכל: — "ווו ס'וועט אויסקומען."

האָט ער געדונגען דעם בעל-עגלה און איז געקומען צום בעש"ט זיך געזעגענען.

זאָגט דער בעש"ט צו אים: — דו וועסט קומען אַהיים, וועסטו אָנטרעפן דיין ווייב גייט שווער צו קינד. זאָלסטו אַלע ווייבער אַוועקטרייבן און איר איינרוימען אַ סוד אין אויער. וועט זי האָבן אינדערגיך.

ר' מיכל איז אַוועקגעפאָרן און איז געקומען אַהיים צוויי שעה פאַר נאַכט. און עס איז אַזוי געווען ווי דער בעש"ט האָט געזאָגט.

אין ארץ-ישראל און אין חוץ לאָרץ.

דער בעש"ט האָט זיך געהאַט זיין סדר מוצאי שבת צו דערציילן וואָס ער האָט געזען אין שבת. איינמאָל רופט ער זיך אָן: — ס'איז מיר אַ חידוש. פרייטאָג צו נאַכט האָב איך ניט געזען ר' גרשון אין ארץ-ישראל. כ'האָב אים געזוכט אין א"י און האָב אים ניט געפונען און אויף מאָרגן שבת פרי האָב איך אים שוין יאָ געזען.

אין עטלעכע יאָר אַרום איז ר' גרשון געקומען פון א"י. האָט ער דערציילט די מעשה: ס'איז געווען אַזוי. מע האָט אים מכבד געווען מיט מצות מילה אין עכו. דאָרטן אין דער שטאָט עכו זיינען דאָ צוויי שולן. איז איין שול אין חוץ לאָרץ און איינע אין א"י. האָב איך געדאַווגט אום פרייטאָג צו נאַכט אין דער שול פון חוץ לאָרץ. דערנאָך האָט מיר דאָס האַרץ ווי געטאָן, פאַרוואָס איך האָב ניט געדאַוונט אין דער שול פון א"י, בין איך שוין אויף מאָרגן געקומען דאַוונען אין שול פון א"י. דעריבער האָט איר מיך ניט געזען פרייטאָג צו נאַכט אין שול פון א"י.

דעם בעש"טס סידור.

דער בעש"ט האָט אַמאָל געזאָגט צו זיינע צוויי תלמידים די גאונים מהר"ם און צו זיין ברודער יצחק דוד: — זאָגט מיר, וואָס איר פאַרלאַנגט, וועל איך אייך געבן.

— רבינו — האָבן זיי געענטפערט — וואָס אייך וועט געפעלט, זאָלט איר טאָן.

— איך האָב אַ געשריבענעם סידור, וואָס איך דאַוון אין אים — האָט דער בעש"ט געזאָגט — נעמט אים און ביי אַ ברכה, וואָס אייך געפעלט, שרייבט אויף

אייער נאָמען און אייער מוטערס נאָמען. דאַן וועל איך בעטן ביי גאָט, מ׳זאָל אייער תפילה צוהערן און דערפון וועט אייך אַרויסקומען אַ גרויסע טובה.

דער בעש״ט האָט זיי געגעבן זיין סידור און זיי האָבן ביי „שומע תפילה״ אַריינגעשריבן זייערע נעמען און מוטערס נעמען.

נאָך דער פטירה פון בעש״ט איז דער סידור מגולגל געוואָרן אין עטלעכע הענט, ביז ער איז אָנגעקומען צום הרב הצדיק פון סאַווראַן. ביי דעמדאזיקן צדיק איז געווען איינער אַן איינגייער. אַמאָל האָט ער געהערט ווי דער צדיק האָט געזאָגט, אַז פאַר דעם סידור וויל מען אים געבן פיל געלט, נאָר ער וועט אים ניט פאַרקויפן פאַר קיין געלט, וואָס געפינט זיך אויף דער וועלט.

— דאָס איז אַ גוטער עסק—האָט זיך יענער ביי זיך אין האַרצן געטראַכט. ער האָט דעם סידור גוט באַטראַכט און אויפגעשריבן נאָך אַזאַ סידור אַקוראַט, אַז עס איז געווען שווערלעך צו דערקענען פון אמתן ביזן נאָכגעמאַכטן.

מיט דעם סידור איז דער באַטריגער אַוועקגעפאָרן אין דער שטאָט ווו דער בעל „מאיר נתיבים״ האָט געוווינט. ער האָט געוויזן אַ רייכן חסיד די טייערע זאַך. דער חסיד האָט שוין געוואָלט באַצאָלן פאַרן סידור אַ סך געלט. נאָר פלוצלונג איז אים אַריין אַ געטלעכער געדאַנק: ער וועט ווייזן דעם סידור דעם רב. און אַז ער איז געקומען מיטן באַטריגער צום רב, האָט דער רב גענומען דעם סידור אין האַנט און געזוכט זיין נאָמען און דעם ברודערס נאָמען ביי דער תפילה „שומע תפילה״. ער האָט עס אָבער ניט געפונען. האָט ער באַלד פאַרשטאַנען, אַז דער סידור איז אַ פאַלשער. ער האָט אָנגעהויבן צו שרייען אויפן באַטריגער, ווי אַזוי ער האָט דעם סידור באַקומען. און יענער האָט זיך געמוזט מודה זיין.

— איצט פאַרשטיי איך—האָט דער רב געזאָגט—צו וואָס דער בעש״ט האָט אונדז געהייסן אָנשרייבן אין סידור אונדזערע נעמען.

מחשבה זרה.

אַז דער בעש״ט איז געפאָרן אין שדה-לבן, האָט ער געדאַוונט מנחה אין פעלד הינטער דער שטאָט. דעמסטמאָל איז געווען בשדה לבן הרב אב״ד החסיד ר׳ חיים. ר׳ חיים האָט געדאַוונט מנחה אין שול. אַז דער בעש״ט איז געקומען אין שטאָט אַריין, איז ער געגאַנגען אין שול אַריין הערן קדושה. הרב ר׳ חיים איז נאָך געשטאַנען שמונה עשרה. דער בעש״ט האָט זיך געשטעלט אין פאָליש און געהייסן דעם גבאי ביין אַראָפּנעמען די געשריבענע מנורה, וואָס שטייט פאַר הר׳ ר׳ חיים.

אַז דער רב איז אויסגעגאַנגען, זעט ער די מנורה איז ניטאָ. האָט ער זיך פאַרוואונדערט, ווער האָט זי גענומען? געקאָנט נעמען? אים געזאָגט: דער בעש״ט שטייט אין פאָליש. ער האָט עס געהייסן צונעמען. נאָך קדושה איז דער רב אַרויסגעגאַנגען אין פאָליש און געפרעגט דעם בעש״ט. האָט דער בעש״ט געזאָגט: — דו האָסט געהאַט אַ מחשבה זרה אין דאַוונען צוליב דער מנורה, וואָס איז פאַר דיר געשטאַנען, וואָרום דער סופר פון דער מנורה איז געווען אַ רשע.

דאָס שרעקלעכע בילד.

דער בעש"ט מיט זיינע תּלמידים האָבן אַמאָל פאָרנדיק געמוזט בלייבן נעכטיקן אין אַ וואַלד. האָבן די תּלמידים געפרעגט: — מיר וואָלטן וועלן וויסן, וואָס פאַר אַ סעודה דער רבּי וועט פאַר אונדז מאַכן?

— מאָרגן — האָט דער בעש"ט געענטפערט — וועלן מיר האָבן אַ גרויסע סעודה מיט פיל גוטע זיסע שפייז.

אויף מאָרגן זיינען זיי געקומען אין אַ גרויסער שטאָט און פאַרפאָרן אין אַ רייכער אַכסניה. צום רייכן באַלעבאָס איז געקומען אַ גרויסער גאַסט, זיינער אַ פעטער, וואָס איז געווען אַ רב אין אַ ווייטער שטאָט. צוועלף יאָר האָבן זיי זיך ניט געזען. דער באַלעבאָס האָט זיך זייער געפרייט מיטן גאַסט. לכבודו האָט ער געמאַכט אַ גרויסן רייכן מאַלצייט. דער רב האָט אַפילו יאָ געהערט דעם נאָמען פון בעש"ט, נאָר ער האָט פון אים ווייניק געהאַלטן.

אינדערפרי האָבן זיי זיך געשטעלט דאַוונען. דער רב און די איבעריקע מענטשן האָבן אַלע אָפּגעדאַוונט, נאָר דער בעש"ט האָט נאָך געדאַוונט מיט גרויס התלהבות. האָט דער רב געפרעגט זיין פלימעניק: — „ווער איז דער אורח, וואָס דאַוונט אַזוי לאַנג?" האָט אים דער באַלעבאָס געענטפערט, אַז דאָס איז דער בעש"ט. האָט דער רב אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי איינער רעדט — איך האַלט פון אים ניט!

דער באַלעבאָס האָט געגלויבט, אַז זיין פעטער איז דער גרעסטער צדיק אין דער וועלט. דעריבער, אַז ער האָט געזען, ווי דער פעטער איז מבטל דעם בעש"ט, האָט ער ניט פאַרבעטן צום טיש ניט דעם בעש"ט און ניט זיינע תּלמידים.

אַז דער בעש"ט האָט אָפּגעדאַוונט, האָט ער געזאָגט צום רב בסוד, קיינער זאָל ניט הערן: — איך ווייס, אַז ווי איר ווילט מכוון זיין אין „קריאַת שמע", שטעלט זיך אייך פאַר אַ גייסטלעכער מיט זיין הייליקן בילד.

דער רב האָט געוואָלט אָפּלייקענען, האָט אים אָבער דער בעש"ט געזאָגט: — „דאָס איז געווען ביז היינט, און היינט האָט איר געזען צוויי גייסטלעכע מיט צוויי הייליקע בילדער". דער רב האָט דאָס אויך געוואָלט אָפּלייקענען. האָט דער בעש"ט צו אים געזאָגט: „היינט נאָכן דאַוונען איז געבליבן ביי אייך אַ הסכם צו פאַסטן אַכציק תּעניתים, אָבער דאָס וועט אייך גאָרניט העלפן".

דער רב האָט זיך זייער דערשראָקן און האָט אָנגעהויבן צו בעטן אַ סגולה דערצו. — איך וועל אייך געבן אַ גרינגע סגולה — האָט דער בעש"ט געזאָגט — גרינגער ווי פאַסטן אַכציק תּעניתים. אַט מאָרגן צום דאַוונען וועט איר דאָס פּרובירן טאָן, וועט איר זען, ווי דאָס וועט אייך העלפן: ווי דער גייסטלעכער מיט זיין הייליקן בילד וועלן זיך צו אייך באַווייזן, זאָלט איר זאָגן: „דער בעש"ט האָט אייך געהייסן פאַרשווינדן, וועט איר מער ניט זען דעם שרעקלעכן בילד. דערצו מוזט איר אָבער אויף זיך מקבל זיין ניט צו טראַכטן שלעכטס אויף צדיקים, חסידים און גוטע יידן".

אויף מאָרגן צו קריאַת שמע האָט דער רב געפּרוּווט טאָן, ווי דער בעש"ט האָט אים די עצה געגעבן און האָט מער דעם גייסטלעכן מיטן בילד ניט געזען.

פון דענסטמאָל אָן האָט ער גרויס כּבוד געגעבן דעם בעש"ט מיט זיינע תּלמידים.

די שמורות.

אַמאָל איז צום בעש"ט געקומען אַ מוכסן פון אַ קליין שטעטל און האָט צו אים געזאָגט: — „מע האָט מיר כישוף געטאָן. וואָס איך שטעל אַנידער ביידערנאַכט, בלייבט דערפון אינדערפרי נאָר אַ העלפט. האָט דער בעש"ט געהייסן זיין סופר אָנשרייבן שמורות צו אַלע חדרים און איז אַליין אויך מיטגעפאָרן מיטן מוכסן.

געקומען אַהין האָט דער בעש"ט צונויפגעלייגט אַלע שמורות אויפן טיש און אַליין איז ער אַרויסגעגאַנגען אויפן מאַרק. האָבן די בני בית געזען, ווי דער רוח, וואָס איז אָנגעשיקט געוואָרן פון אַ מכשף, האָט זיך געקייקלט פון איין אָרט צום אַנדערן, ביז ער איז אַרויסגעגאַנגען פון דער שטוב. אַז דער בעש"ט איז צוריקגעקומען פון מאַרק, האָט מען געזען, אַז אויף דעם טויער פון דעם הויף איז געשטאַנען אַ גרויסער קאָזאַק. וואָס נענטער דער בעש"ט איז צוגעקומען צום טויער, אַלץ קלענער איז דער קאָזאַק געוואָרן. און אַז דער בעש"ט איז געקומען צום טויער, איז פון קאָזאַק גאָרנישט ניט געבליבן.

דער בעש"ט האָט אויפגעהאַנגען שמורות אויף אַלע חדרים און איז אַהיים געפאָרן. דער בעל-דבר, וואָס דער מכשף האָט אים אָנגעשיקט אויפן מוכסן, איז זייער ברוגז געווען אויפן מכשף, ווייל ער האָט געמוזט אָפטרעטן פאַר געוואַלד. איז ער געגאַנגען צום מכשף אַהיים און געהרגעט זיינע צוויי קינדער. דער מכשף איז געווען דער מילנער. איז די מילנערין געקומען צום רענדאַר מיט אַ גרויס געוויין: דער בעל-דבר איז געקומען צו איר אַהיים מיט גרויס אַנגסט און מיט גרויס כעס און האָט געהרגעט אירע צוויי קינדער.

די סעודה מפסקת.

ר' דוד פערקוס פלעגט אַלע ערב יום-כיפור עסן די סעודה מפסקת ביים בעש"ט. אַמאָל האָט געטראָפן אַזאַ מעשה: צו דער סעודה מפסקת האָט מען דערלאַנגט אַ גוטן צימעס. דער בעש"ט האָט נישט מער ווי פאַרזוכט און אַוועקגעשטעלט די שיסל ביי ר' דוד פערקוס, ער זאָל עסן ביז זאַט. ר' דוד האָט געגעסן ביז זאַט און האָט די שיסל אָפגערוקט פון זיך. דער בעש"ט האָט די שיסל צוגערוקט צו ר' דודן אַ צווייטן מאָל, ר' דוד האָט פאַרשטאַנען, אַז דער בעש"ט פאַרלאַנגט פון אים, ער זאָל עסן נאָך, און האָט ווידער געגעסן. דער בעש"ט האָט אָבער ווידער צוגערוקט צו אים די שיסל. ר' דוד האָט ווייטער געגעסן. נאָכן עסן איז דער בעש"ט אַריין צו זיך אין חדר. באַלד האָט ר' דוד דערפילט, אַז ער האָט צופיל געגעסן, איז ער צוגעגאַנגען צום בעש"טס חדר און זיך פונאַנדערגעוויינט אויפן קול. דער בעש"ט האָט געעפנט די טיר און געפרעגט: — וואָס וויינסטו?

— רבי — האָט ר' דוד געענטפערט — איר האָט מיר געהייסן עסן פיל צימעס. איצט האָב איך מורא, אַז איך וועל ניט קאָנען דאַווענען כל נדרי פאַרן עמוד.

— האָב קיין זאָרג ניט, דו וועסט קאָנען! — האָט אים דער בעש"ט באַרויקט און אַרויפגעלייגט זיין האַנט צו דודן אויפן אַקסל. ר' דוד האָט דאַן דערפילט, אַז ער האָט מיטאַמאָל פאַרדייט אַלץ, וואָס ער האָט געגעסן און איז נאָך הונגעריק. עסן נאָך האָט ער זיך אָבער געשעמט.

ער שלאָגט אַרויס אַ קוואַל מיטן שטעקן.

יעדן טאָג פלעגט דער בעש"ט גיין שפּאַצירן צוזאַמען מיט זיינע תלמידים. איינמאָל זיינען זיי פאַרגאַנגען ווייט הינטערן שטאָט און עס איז שוין די צייט געקומען מנחה צו דאַוונען. האָבן זיי ניט געהאַט קיין וואַסער די הענט צו וואַשן. האָט דער בעש"ט זיין שטעקן גענומען און מיט אים אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער ערד. און עס האָט זיך באַלד אַ קוואַל פון פרישע און לעבעדיקע וואַסער דאָרטן באַוויזן. דיזער קוואַל איז שוין דאָרטן אויף שטענדיק פאַרבליבן און אין אַ צייט אַרום האָט מען דאָרטן אַ מיל געשטעלט.

דער בעש"ט אין דער מדבר.

דער אדמו"ר פון נעסכיז ז"ל האָט דערציילט אַזאַ מעשה נורא פון בעש"ט: דער בעש"ט איז אַמאָל געגאַנגען מיט זיינעם אַ תלמיד אין אַ מדבר, וואָס דאָרטן איז קיין וואַסער ניטאָ. דער תלמיד איז געווען זייער דאָרשטיק און אין גרויס סכנה.

— רבי! — האָט זיך דער תלמיד געווענדעט צום בעש"ט — האָט רחמנות אויף מיר, איך שטאַרב פון דורשט!

דער בעש"ט האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף אים מיט רחמנות און נאָכער זיך אָפּגערופן: — גלויבסטו אַז בעת גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, האָט ער געזען דיין צרה און האָט פאַר דיר אָנגעגרייט וואַסער צום טרינקען?

— הייליקער רבי — האָט דער תלמיד געענטפערט — איך גלויב דאָס מיט אַן אמת.

— וואַרט אַ ווײַלע — האָט דער בעש"ט געזאָגט — באַלד וועסטו האָבן וואַסער. און ווי נאָר ער האָט געענדיקט ריידן איז געקומען אַ מענטש מיט צוויי קריג וואַסער. זיי האָבן אים געגעבן עטלעכע גראָשן און ער האָט זיי געגעבן וואַסער צום טרינקען, וויפיל זיי האָבן געוואָלט.

— זאָג מיר — האָט דער בעש"ט געפרעגט ביים טרעגער — צו וואָס טראָגסטו וואַסער אין אַזאַ וויסטן אָרט?

— מיין באַלעבאָס איז משוגע געוואָרן — האָט דער טרעגער געענטפערט — האָט ער מיר באַפוילן צו גיין דריי מייל, ברענגען אים פון דאָרט וואַסער, ווייל ער האָט ליב דאָס וואַסער פון יענעם קוואַל.

— זעסטו — האָט דער בעש"ט געזאָגט צו זיין תלמיד — צוליב דיר האָט גאָט באַשאַפן אַ משוגענעם באַלעבאָס, וואָס ער זאָל זיין קנעכט שיקן אַזאַ ווייטן מהלך ברענגען אים וואַסער, כדי דו זאָלסט ניט שטאַרבן פון דורשט. און דאָס האָט גאָט געזען באַלד, ווי ער האָט באַשאַפן די וועלט.

ער גייט אַריבער דעם דניעסטער.

ריידנדיק איינמאָל וועגן דעם גרויסן כוח פון אמונה, האָט דער בעש"ט דערציילט זיינע תלמידים, אַז ער איז איינמאָל אַריבערגעגאַנגען דעם טייך דניעסטער אָן אַ שום שם. ער

האָט נאָר זיין גאַרטל איבער דעם וואַסער אַנידערגעלייגט און האָט אָנגעהויבן שפּאַנען איבער אים.

דער בעשט״ט גייט ראַטעווען יידן פון א גירוש.

אַמאָל זיינען צום בעש״ט געקומען עטלעכע יידן פון א שטעטל, וואָס איז געוועזן צוואַנציק מייל ווייט פון דעם אָרט, ווו ער האָט זיך געפונען, און מיט טרערן אין די אויגן געבעטן אים, ער זאָל צו זיי אַראָפּפאָרן.

אויף זיין פראַגע, צו וואָס זיי האָבן אים נייטיק ביי זיך אין שטעטל, האָבן זיי אים דערציילט אַזאַ געשיכטע:

דער פּריץ פון זייער שטעטל, אין וועלכן פיל יידן האָבן זיך מיט גוטס און מיט האָב איינגעלעבט, איז א גרויסער שונא ישראל. ער האָט שוין פיל מאָל געוואָלט אַלע יידן פון זייגע שטעטלעך און דערפער אַרויסטרייבן. נאָר די פרוי זיינע, די גרעפין, איז א גוטהאַרציקע. זי האָט אויף די יידן רחמנות געהאַט און די גזירה א סך יאָרן אָפּגעהאַלטן. ניט לאַנג אָבער איז די גרעפין געשטאָרבן. דער פּריץ האָט א צווייטע פרוי גענומען. איז זי אַזאַ שלעכטע צו יידן, ווי ער אַליין. איצט האָט ער באַפוילן די יידן אַרויסצוטרייבן. אומזיסט האָבן די יידן געוויינט און געבעטן רחמים, עס האָט קיין זאַך ניט געהאָלפן. דערווייל איז ביים פּריץ זיין איינציקע טאָכטער קראַנק געוואָרן, און קיין דאָקטאָר האָט איר ניט געקאָנט העלפן. דער פּריץ האָט דאַן געלאָזט רופן דעם רב פון שטעטל און צו אים געזאָגט: אַזוי ווי ער האָט געהערט, אַז ביי די יידן איז פאַראַן א בעש״ט, א געטלעכער מאַן, זאָל דער בעש״ט קומען צו אים ניט שפּעטער ווי אין דריי טעג אַרום אויסצוהיילן זיין טאָכטער, און דאַן וועט ער אַלע יידן, וואָס וווינען אונטער אים, לאָזן זיצן אויף זייערע ערטער. איצט זיינען שוין צוויי טעג אַריבער און ביז מאָרגן אָוונט מוז דער בעש״ט זיין ביים פּריץ.

דער בעש״ט האָט דאָס אויסגעהערט און גלייך געלאָזט זיך אין וועג אַריין. א גאַנצע נאַכט און א שטיק אויפן טאָג זיינען זיי געפאָרן, ביז זיי זיינען צוגעפאָרן צו א ברייטן טייך ניט ווייט פון שטעטל. גראָד אין דער נאַכט האָט דאָס וואַסער צעשעדיקט דעם בריק און קיין שיפל אויפן טייך איז אויך ניט געווען. און די צייט דערווייל שטייט ניט אויפן אָרט. נאָך א ווייל און אַלע יידן זיינען פאַרפאַלן.

דערזען, אַז ס'איז שפּעט, האָט דער בעש״ט אַרויסגענומען זיין נאָז-טיכל, פאַרשפּרייט עס איבערן וואַסער, אָנגענומען איינעם פון די יידן פאַרן האַנט און אויפן טיכל דעם טייך אַריבערגעשוווּמען.

גראָד זיינען אין דער צייט געשטאַנען ביים טייך אייניקע פון דעם פּריצס באַדינטע. האָבן זיי דערציילט די געשיכטע דעם פּריץ. דער פּריץ האָט דעם בעש״ט פיין צוגענומען און צו אים אַזוי געזאָגט: — „צוליב אַזאַ הייליקן מענטשן וועל איך אַלע יידן פון מיינע שטעטלעך און דערפער לאָזן זיצן אויף זייערע ערטער״.

און באמת איז אַזוי געווען. די יידן זיינען געבליבן אויף זייערע ערטער און דער פּריץ האָט זיי פיל גוטס געטאָן.

דער בעש"ט רופט אַרויס דעם ס"מ.

איינמאָל האָט דער בעש"ט וועגן אַ געוויסן ענין דעם ס"מ אַרויסגערופן. האָט זיך דער ס"מ מיט כעס צו אים אָנגערופן: — "וואָס האָסטו מיך באַאומרוּיקט? מע האָט מיך זינט די וועלט שטייט נאָר דריי מאָל אַרויסגערופן: בעת דעם חטא פון אָדם הראשון, בעת די יידן האָבן מיטן עגל געזינדיקט און בשעת דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן".

דער בעש"ט האָט אים פאַר זיינע תּלמידים געוויזן און האָט זיי געהייסן האַלטן אָפּגעדעקט זייערע שטערנס, כדי עס זאָל זיך אָנזען דער צלם אלהים, וואָס זיי טראָגן אויף זיך. צו ענדע, ווען דער ס"מ האָט שוין באַדאַרפט אַוועקגיין, האָט ער זיך צו די תּלמידים פון בעש"ט בזו הלשון אָפּגערופן: "בני אל חי, קינדער פון דעם לעבעדיקן גאָט, ערלויבט מיר דאָ צו שטיין נאָך אַ קליינע ווײַלע, איך זאָל מײַנע אויגן קענען זעטיקן מיטן "צלם אלהים", וואָס איר טראָגט אויף אייערע געזיכטער".

דער בעש"ט און דער הויקער.

דער בעש"ט איז אַמאָל געווען אַ מוהל אויף אַ ברית-מילה. האָט ער אָנגעזאָגט, מע זאָל דעם קינד ניט טראָגן איבער אַ גרעבליע; ווען ניט וועט עס באַקומען אַ הויקער.

אַ לאַנגע צייט האָבן דעם קינדס עלטערן געפאָלגט דעם בעש"ט. נאָר אַמאָל האָבן זיי געמוזט פאָרן אויף אַ חתונה. זיינען זיי געווען אַזוי שטאַרק באַשעפטיקט, אַז זיי האָבן פאַרגעסן, וואָס דער בעש"ט האָט זיי אָנגעזאָגט און האָבן דעם קינד אַריבער-געטראָגן איבער אַ גרעבליע. האָט דאָס קינד באַקומען אַ הויקער, אַזוי ווי דער בעש"ט האָט געזאָגט.

אַ ברכה אויף קינדער.

אין לאַדמיר איז געווען אַן עושר. האָט ער קיין קינדער ניט געהאַט. האָט ער געשיקט נאָכן בעש"ט. ער האָט אָפּגעגעבן דעם רבין אַ באַזונדערן חדר און דער בעש"ט האָט ביי אים געהאַלטן שבת. נאָך שבת האָט דער בעש"ט געזאָגט: "איך קען דיר, מיין קינד, ניט העלפן. אויב דו ביסט מסכים צו האָבן קינדער בעלי-מומים, וועסטו האָבן". האָט ער מסכים געווען. איז אַזוי געווען: ער האָט געהאַט דריי קינדער הויקערדיקע.

דער בעש"ט פּועלט וועגן אַ בן-זכר.

אַמאָל איז דער בעש"ט איינגעשטאַנען ביי ר' שמערל פון ווערכאָווקע. האָט ר' שמערל געוואָלט אויסנוצן די געלעגנהייט און ריידן מיטן צדיק וועגן דעם, אַז זיין ווייב זאָל האָבן אַ בן זכר. האָט ער זיך אָבער געשעמט אָנצוהויבן. אַז דער בעש"ט

האָט שוין געהאַלטן ביים אָפּפאָרן, האָט ער פאַרפירט מיטן בעש"ט אַ שמועס און גע-וואָלט אַרויפקומען דערויף. אָנצומוטן וועגן בן זכר האָט ער זיך אָבער פאַרט געשעמט.

פלוצלונג טוט דער בעש"ט אַ געשריי: — "שיק נאָך דיין ווייב!" דאָס ווייב איז געקומען. זאָגט דער בעש"ט צו איר: — "זאָלסט מוליד זיין אַ בן זכר, אַניט ברעך איך דיר די ביינער מיטן שטעקן!" און ס'איז געוועזן, ווי דער בעש"ט האָט גע-זאָגט זי האָט געהאַט אַ בן זכר — ר' דוד, וואָס איז געוועזן אב"ד אין טשעלנעק.

און דער מנהג פון ר' שמערל איז געוועזן: ווען זיין ווייב האָט געהאַט אַ קינד, כאָטש אַ נקבה, פלעגט ער צופאָרן צום בעש"ט און געבן אים צוויי גאָלד-גילדן אָדער מער און נעמען ביי אים אַ קמיע, וואָרום ער איז געוועזן אַן עושר פון דריי-טויזנט גילדן.

אַז זיין ווייב האָט געהאַט דעם בן זכר, ר' דוד הנ"ל, איז ר' שמואל אויך געפאָרן צום בעש"ט. פרעגט אים דער בעש"ט: — "האָט דיין ווייב געהאַט אַ זכר?" זאָגט ער: "יאָ!" זאָגט דער בעש"ט צו אים: "זאָלסט וויסן, וועסט שוין ניט האָבן קיין געלט, וואָ-רום מע האָט דיר אַ ברירה געגעבן: ענפער דו זאָלסט האָבן געלט, אָדער אַ בן-זכר. האָב איך אויסגעקליבן, דו זאָלסט האָבן אַ בן זכר".

און אַזוי איז געוועזן. ר' שמערל האָט אָנגעוואָרן זיין געלט און די סחורה און איז דערנאָך געוואָרן אַ מגיד בק"ק ווערכיווקי.

דעם בעש"טס טאָכטער האָדל.

דער בעש"ט האָט געהאַט אַ טאָכטער. האָט זי געהייסן מיט איר נאָמען האָדל. דידאָזיקע האָדל האָט הרבה שנים אחר החתונה גאָר קיין קינדער ניט געהאַט. מן הסתם האָט זי דערקוטשעט דעם פאָטער, דעם בעש"ט. אַזוי האָט צו איר דער פאָטער, דער בעש"ט געזאָגט: — "זאָרג ניט, דו וועסט אַמאָל געהאָלפן ווערן דורך מיינעם אַ תלמיד פון די מקורבים".

בקיצור, אַמאָל אום שמחת תורה האָבן זיך דעם בעש"טס מקורבים צעטאַנצט. איז ביי אַ מקורב אינמיטן טאַנצן צעפאַלן געוואָרן אַ פאַנטאָפל. האָט ער אַ געשריי געטאָן צום בעש"טס טאָכטער: — "פּאַדאַוואַי מניע פּטענקיע, טאָ באָדעש מאַטו דאָטענקיע*)". ווי דער בעש"ט האָט דאָס דערהערט, אַזוי האָט ער געזאָגט צו זיין טאָכטער: — "האָדל, ג ב אים געשווינד אַ פאַנטאָפל!" דידאָזיקע איז געשווינדס געלאָפן און האָט געזוכט אַ פאַנטאָפל אונטער די קופערטעס און האָט ניט געפונען. אַזוי איז זי געגאַנגען און האָט פון זיך אַראָפּגעכאַפּט ביידע פאַנטאָפלען און האָט אים געגעבן.

אַזוי האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט מיט איר חתונה האָבן.

דאָס פּאָר פאָלק האָט געהאַט צוויי זכרים. אייבער איז געוועזן דער צאַדלקאָווער צדיק און דער אַנדערער — ר' ברוך ממעזשיבוזש זצ"ל.

---

*) דאָס הייסט — גיב מיר אַ פאַנטאָפל געשווינד, אַזוי וועסטו האָבן אַ קינד.

עשירות צוליב צדקה.

איינמאָל איז דער בעש"ט געגאַנגען מיט זיין זון מקבל פנים זיין דעם רב. דער זון איז נאָך דאַמאָלסט זייער יונג געווען. האָבן זיי דאָרט פילע זילבערנע כלים געזען. גייענדיק צוריק האָט ער זיך אָנגערופן צום זון: — „דו ביסט אוודאי מקנא, לאמאי דער טאַטע דיינער האָט ניט קיין זילבערנע כלים?" דערויף האָט אים זיין זון געענטפערט: „אוודאי בין איך מקנא, מיר לעבן אין אָרעמקייט". האָט זיך דער בעש"ט צו אים דאַמאָלסט אָנגערופן: — „ווען דיין טאַטע וואָלט האָבן געלט אויף זילבערנע כלים צו קויפן, וואָלט ער בעסער אָרעמע לייט אויסגעהאַלטן און דאָס איבעריקע געלט וואָלט ער אויף צדקה אַוועקגעגעבן".

זיין צדקה.

קומענדיק אַהיים פלעגט דער בעש"ט אַלע זיינע חובות אָפּצאָלן און דאָס איבעריקע געלט, וואָס איז אים געבליבן, האָט ער נאָך אין זעלבן טאָג אַלס צדקה צעטיילט.

איינמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז די פרוי זיינע האָט בסתר אַ טייל פון זיין געלט אַראָפּגענומען, כדי זי זאָל נאָכדעם אויף באָרג ניט באַדאַרפן נעמען. ביינאַכט אָבער האָט ער צוליב דעם אַן עכּוב געהאַט אין זיין עבודה. זי האָט אים געמוזט דאָס געלט צוריקקערן און אין דערזעלבער נאַכט האָט ער געהייסן די אָרעמע לייט צונויפנעמען און האָט זיי דאָס געלט צעטיילט.

דער בעש"ט פאָרט איבערן לאַנד.

אַממערסטן פלעגט זיך דער בעש"ט לאָזן אין וועג אַריין, ווען די פרוי זיינע פלעגט אים ברענגען אַ חשבון וועגן די חובות, וואָס קומט פאַר מעל, פלייש און די איבעריקע הויז-זאַכן. איינמאָל האָט זי אים געבראַכט אַ חשבון. זיינען פאַרביי עטלעכע טעג און ער איז ניט געפאָרן. איז זי צו אים נאָך אַמאָל געקומען און אַ ביי-עם חשבון דערלאַנגט. האָט ער זיך צו איר אָנגערופן: — „וואָס איז דאָס מיט דיר, וואָס דו צווינגסט מיך צו פאָרן? זעסטו דעם אויוון, וואָס שטייט דאָ פאַר אונדז? זאָל איך נאָר ווילן, וועט ער באַלד אין גאָלד פאַרוואַנדלט ווערן. און אפשר דענקסטו, אַז דורך דעם כּוח פון שמות, חס ושלום. נאָר דוקא דורך אַ תפילה אַליין"...

איך שעם מיך אָבער פאַר מיין באַשעפער צו בעטן אים אַזאַ זאַך".

און ער איז אַוועקגעפאָרן.

קיין „פדיון" און קיין „קוויטלעך" פלעגט ער פון קיינעם ניט נעמען. נאָר פון דער קהלשער קאַסע פלעגט מען אים שטענדיק אַ געוויסע סומע געבן. קומענדיק אַהיים פלעגט ער אַלע זיינע חובות אָפּצאָלן און דאָס איבעריקע געלט, וואָס איז אים געבליבן, פלעגט ער נאָך אין זעלבן טאָג אַלס צדקה צעטיילן.

זיין עסן און טרינקען.

דאָס גאַנצע עסן און טרינקען, וואָס דער בעש"ט פלעגט אין זיין הייליק מויל ברענגען, פלעגט אַ פייער פון הימל גלייך צום הימל ברענגען.

*

איינמאָל האָט ער אַ ביסל צופיל געגעסן. האָט ער נאָכדעם אַליין דערקלערט, אַז ער האָט דאַמאָלסט מיט זיין עסן מכוון געווען דאָס, וואָס משה האָט דורך די צוויי לוחות משיג געווען.

*

איינמאָל האָט ער צופיל וויין געטרונקען. איז דער פנים זיינער געוואָרן רויט און אַלע האָר זיינע האָבן ממש ווי פייער אויסגעזען.

ער האָט אָבער באַדאַרפט נאָר איינמאָל מיט זיין האַנט איבער דעם געזיכט איבערפירן און עס איז פון אים מיטאַמאָל דער גאַנצער וויין אויסגעוועבט געוואָרן.

דאָס באַנעמען זיך מיט מענטשן.

עס זיינען איינמאָל אין אַן אָוונט פילע מענטשן געזעסן ביים בעש"ט און ער האָט עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד געהאַלטן אין איין ריידן און פריידיקן. און ווען די געסט האָבן דאָס הויז פאַרלאָזט און זיינען אהיים געגאַנגען, האָט יעדער איינער געזאָגט, אַז נאָר מיט אים האָט דער בעש"ט גערעדט און ניט מיט קיין אַנדערן.

די שכינה רוט אויף אים. (א

אַז דער בעש"ט פלעגט דאַוונען, פלעגט ער ציטערן און דאָס פנים האָט ביי אים געפלאַקערט ווי אַ פלאַם פייער. האָט דער רב מפולנאי געזאָגט: — "דאָס איז אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק: — ווי די שכינה האָט אַראָפּגענידערט אויף דעם באַרג סיני מיט פייער, האָט דער באַרג געציטערט" — אַזוי איז אויך געווען ביים בעש"ט: מחמת די שכינה האָט אויף אים גערוט בשעתן דאַוונען, איז ער געוואָרן אויפן פנים רויט ווי פייער און די ערד אונטער אים האָט זיך אויך געטרייסלט.

איינמאָל איז געשטאַנען אַ כלי מיט וואַסער אין דער שטוב, ווו דער בעש"ט האָט געדאַוונט. האָט זיך דאָס וואַסער אין דער כלי געשאָקלט הין און הער.

אַמאָל איז אין דער שטוב געשטאַנען אַ כלי מיט תבואה. האָט זיך די תבואה איינגעטרייסלט.

האָט מען דערקענט, אַז די ערד שאָקלט זיך, מחמת די כלים מיט וואַסער און תבואה האָבן זיך געשאָקלט.

די שכינה רוט אויף אים. (ב)

אַמאָל איז הרב המגיד ממזריטש געווען ביים בעש"ט. יום של פסח האָט דער בעש"ט געדאַווענט פאַרן עמוד מיט אַ געשריי. דער מגיד, מחמת ער איז געווען אַ שלאַפער מאַן, האָט ניט געקאָנט סובל זיין דאָס געשריי און איז אַריינגעקומען אין שטיבל, וואָס איז געווען צוגעבויט צום בית המדרש, צו דאַווענען ביחידות.

אַז ס'איז געקומען פאַר מוסף, איז דער בעש"ט געקומען אין שטיבל אָנטאָן דעם קיטל, וואָרום ער האָט געדאַרפט בענטשן טל.

האָט דער מגיד דערקאָנט, אַז די שכינה רוט אויף אים און ער איז ניט אויף דעם עולם. בשעת ער האָט אָנגעטאָן דעם קיטל, האָט זיך דער קיטל פאַר־קנייטשט לעבן האַלדז. האָט דער מגיד אָנגעהויבן ציטערן. האָט ער זיך אָנגעהאַלטן אָן טיש. האָט דער טיש אויך אָנגעהויבן ציטערן. האָט דער מגיד געמוזט מתפלל זיין, דער אייבערשטער זאָל אויף אים רחמנות האָבן און דאָס ציטערניש אָפּטאָן.

זיין תּפילה.

אַמאָל האָט דער בעש"ט מקבל שבת געווען אויף אַ פעלד. דאָרט אויפן פעלד האָבן זיך דאַן געפּאַשעט שאָף. האָבן זיי די גאַנצע צייט פון זיין דאַווענען געהאַלטן אויפגעהויבן זייערע פאָדערשטע פיס און זיינען אַזוי געבליבן שטיין נאָר אויף צוויי פיס, ווי מענטשן להבדיל, ביז נאָך קבלת שבת.

מנחה אין וועג.

אַמאָל איז דער בעש"ט געפאָרן צוזאַמען מיט זיין סופר פון קאַמינקע אַהיים. אויף אַ באַזונדער פור איז מיט זיי מיטגעפאָרן ר' ברוך קאַמינקער. אינמיטן וועג האָט זיך דער בעש"ט אָנגערופן: — "אויף דעם אָרט וועלן מיר מנחה דאַווענען". עס איז געווען אין ווינטער. דאָס אָרט איז געווען ווייט פון שטאָט. דער וועג איז געגאַנגען דורך אַ וואַלד. דער פראָסט האָט אַלעמען דורכגענומען. זאָגן זיי: — "עס איז גאָרניט מיגלעך דאָ צו שטיין, מע דאַרף פאָרן גיכער". דער בעש"ט האָט אָבער געהייסן זיך שטעלן. ער איז אַראָפּ פון וואָגן, האָט אָנגערירט אין אַ בוים מיט זיין פינגער און דער בוים האָט אָנגעהויבן צו ברענען. ס'איז געוואָרן אַ פייער און אַלע האָבן זיך ביים פייער דערוואַרעמט. דערנאָך האָט מען געדאַווענט מנחה. אַז מע איז געפאָרן ווייטער, האָט זיך ר' ברוך אומגעקערט, כדי צו זען, וואָס ס'וועט זיך טאָן מיטן בוים. האָט ער געזען, ווי דער בוים ברענט און ווערט ניט פאַרברענט. אַז דער בעש"ט האָט דערזען ר' ברוכן קוקן, האָט ער אַ געשריי געטאָן אויף אים, ער זאָל אויפן בוים ניט קוקן.

דער כוח פון דעם בעש"טס תורה.

אַמאָל האָט דער בעש"ט געזאָגט תורה אויף "תקע בשופר גדול לחירותינו". ווי ער האָט געענדיקט זאָגן, איז ער אַריינגעגאַנגען צו זיך אין חדר אַריין און האָט די טיר

פאַרשלאָסן. די גאַנצע חב״ה איז אַוועקגעגאַנגען צו זייער באַשטימטן אָרט, כּדי איבערצוחזרן די הייליקע ווערטער. אין שטוב ביים בעש״ט איז פאַרבליבן נאָר דער הרב הגאון ר׳ יוסף פון זאַקלאַווי. עס איז געווען דער ערשטער טאָג ר״ה. ר׳ יוסף האָט זיך פאָרגעשטעלט אין זיינע געדאַנקען, אַז משיח גייט און וועט באַלד קומען אין שטאָט אַריין. פון דער שטאַרקער פאָרשטעלונג פון דער גרויסער זאַך האָט אים פאַר־כאַפּט דער אָטעם. אין שטוב איז קיינער ניט געווען, ווער עס זאָל אים באַרויִקן. ער האָט געפילט, אַז די נשמה וועט אַנטלויפן פון אים, מחמת דער רעיון איז געוואָרן ביי אים שטאַרקער און גרעסער. איז געבליבן ביי אים—ער זאָל לויפן צו דער הייליקער חברה און זיי דערציילן זיין שטאַרקן רעיון, פיליכט וועלן זיי אים דערקלערן און באַרויִקן. איז ער אַרויסגעלאָפן פון שטוב אין איז געלאָפן מיט אַלע זיינע קרעפטן דורכן שטאָט. דערזעענדיק אים לויפן, האָט זיך די גאַנצע שטאָט שטאַרק געוואונדערט. ער האָט אָבער קיינעם אַ וואָרט ניט געזאָגט. געקומען צו דער חברה, האָט ער געפונען: אַלע זיצן פאַרטראַכט און אַלעמען דוכט זיך, אַז משיח קומט היינט.

ר׳ יוספן איז געוואָרן אַ ביסעלע פרייער. ער איז געזעסן מיט זיי ביז שטערן אין הימל.

דענסטמאָל האָט דער רעיון אויפגעהערט און אַלע זיינען געגאַנגען אין שטאָט אַריין. אַזאַ גרויסע קראַפט האָט געהאַט די תורה, וואָס דער בעש״ט האָט געזאָגט.

דער בעש״ט און דער הייליקער זוהר.

אַז אַ מענטש האָט באַדאַרפט וויסן, וואָס עס וועט מיט אים זיין, פלעגט ער קומען צום בעש״ט פרעגן. האָט דער בעש״ט געעפנט דעם זוהר, אַריינגעקוקט אין אים און יענעם געזאָגט, וואָס ער פאַרלאַנגט. און ער האָט אַלע מאָל געטראָפן ריכטיק.

„שקר הסוס״...

אַ יונגער מאַן האָט אַמאָל געהערט פון בעש״ט: — „ווער עס וויל, אַז זיין תפילה זאָל אַרויפגיין, זאָל ער דאַווענען מיטן בעש״ט וואָרט ביי וואָרט״. דער יונגער־מאַן האָט אַזוי געטאָן: האָט זיך אַמאָל געשטעלט דאַווענען מיטן בעש״ט. אַז ס׳איז גע־קומען צו די ווערטער „שקר הסוס לתשועה״—האָט דער בעש״ט איבערגעחזרט די ווערטער עטלעכע מאָל מיט גרויס כּוונות און גרויסע שהיות, האָט נאָך אַריינגעקוקט אין דעם משנת חסידים. ווייל עס האָט לאַנג געווערט דעם בעש״טס זאָגן די עטלעכע ווערטער, האָט דער יונגערמאַן אַוועקגעוואָרפן צו דאַווענען מיטן בעש״ט וואָרט ביי וואָרט און האָט געדאַווענט ווייטער אַליין.

אַמאָל איז דער יונגערמאַן געקומען צום בעש״ט. פרעגט אים דער בעש״ט: — „פאַרוואָס האָסטו אַוועקגעוואָרפן דאַווענען מיט מיר וואָרט ביי וואָרט?״ ענטפערט דער יונגערמאַן: — „איבער דעם, וואָס איר האָט דעם פסוק געזאָגט פיל מאָל״.

זאָגט דער בעש״ט: — „די מעשה איז אַזוי געווען: איינער האָט זיך פאַר־שפּעטיקט אום פרייטאָג און איז געבליבן שבת האַלטן אין פעלד. איז געוואָר גע־וואָרן אַ גזלן, אַז אַ ייד איז אין פעלד שבת. האָט ער גענומען אַ פערד, רייטן צום

יידן. דערמיט, וואָס איך האָב מכוון געווען אין דעם פסוק „שקר הסוס לתשוע", האָבר איך דעם גזלן דעם וועג פאַרדרייט. ער האָט אַ גאַנצן טאָג געבלאָנדזשעט, ביז דער ייד איז שבת צו נאַכט פון דעם אָרט אַוועקגעפאָרן".

אריכות אין דאַווענען.

אַז ר' גרשון קוטאָווער איז געפאָרן פון א"י קיין חוץ לאָרץ אַ שידוך טאָן מיט זיין זון, האָט ער זיך מישב געווען: — „ווען גאָט האָט מיר געהאָלפן דעם ים איבערצופאָרן, דאַרף מען אַריינקומען צו מיין שוואָגער דעם בעש"ט".

איז ער אַוועק צו אים. געווען איז דאָס ערב שבת. דער בעש"ט האָט געדאַוונט מנחה. ער האָט אַזוי לאַנג מאַריך געווען אין דער תפילה, ביז שטערן זיינען שוין געשטאַנען. ר' גרשון האָט אויך געדאַוונט, האָט מעביר געווען די סדרה, נאָכן דאַווענען האָט ער זיך געלייגט אָפּרוען. דער בעש"ט אָבער האָט נאָך אַלץ מאַריך געווען.

בשעתן עסן פרעגט אים ר' גרשון: — וואָס האָסטו אַזוי מאַריך בתפילה געווען? איך האָב געדאַוונט מיט כונה, האָב מעביר געווען די סדרה און נאָך גע-מוזט זיך לייגן אָפּרוען און ביי דיר האָט אַזוי לאַנג געוועהרט." האָט דער בעש"ט אַ שמייכל געטאָן און ניט געענטפערט. פרעגט אים ר' גרשון נאָך אַמאָל.

ענטפערט אים דער בעש"ט: — „בשעת איך וויל זאָגן „מחיה מתים", קומען צו מיר פיל מתים און בעטן מיך, איך זאָל תפילה טאָן פאַר זיי און זאָל זיי מתקן זיין, איך מוז זיי צוליב טאָן און מתפלל זיין און ברענגען איטלעכן אויף זיין אָרט. נשמור—זיי זיינען זייער פיל. איך זאָל וועלן אויף אַ צייט אַלע מעלה זיין, וואָלט איך געמוזט שמונה עשרה שטיין דריי יאָר. נשמור, ווי איך הער, אַז מע רופט אויס אויפן הימל „מקודש", מוז איך גיך אויסדאַווענען די שמ"ע און קען שוין מער ניט מעלה זיין".

זאָגט ר' גרשון אין געשפּעט צום בעש"ט: — „פאַרוואָס קומען ניט די מתים צו מיר?" ענטפערט אים דער בעש"ט: — „אַז דו וועסט ביי מיר נאָך אַ שבת האַלטן, וועל איך דיר מוסר זיין די כוונות; וועלן זיי קומען אויך צו דיר".

איז ר' גרשון געבליבן ביים בעש"ט נאָך אַ שבת און דער בעש"ט האָט אים מוסר געווען די כוונות. ערב שבת צו מנחה האָט דער בעש"ט געזאָגט דעם קדיש, וואָס פאַר מנחה. ר' גרשון האָט זיך געשטעלט שמ"ע. און דער בעש"ט האָט אומישנע ניט אָנגעהויבן צו דאַווענען, וואָרום ער האָט געוווסט, אַז ר' גרשון וועט אָנהייבן מיט די כוונות, וואָס ער האָט אים מוסר געווען, וועט ער זיך בודאי דערשרעקן.

האָט זיך דער בעש"ט דעריבער געשפּילט מיט דער פּושקע, אומגעדרייט דאָס זייגערל, געשמעקט טאַבאַק און אַלץ בכוין שהיות געמאַכט, ביז ר' גרשון איז געקומען צו דעם אָרט אין שמ"ע, וואָס מע דאַרף דאָרטן מכוון זיין. ווי ר' גרשון האָט אָנגע-הויבן מכוון צו זיין, זיינען אָנגעקומען פיל מתים ווי אַ חיל. ר' גרשון האָט זיך דערשראָקן און איז חלשות געבליבן. דער בעש"ט האָט אים אָפּגעמינטערט און געהייסן אַהיים גיין. דערנאָך ערשט האָט זיך דער בעש"ט געשטעלט שמ"ע דאַווענען. ביינאַכט צום עסן האָט דער בעש"ט געפרעגט ביי ר' גרשון: — „וואָס ביסטו חלש געבליבן?" האָט ר' גרשון געענטפערט: — אַז איך האָב אָנגעהויבן מכוון זיין די כוונות, וואָס

איר האָט מיר מוסר געווען, זייַנען געקומען צו מיר פיל מתים. האָב איך מיך זייער דערשראָקן".

האָט דער בעש"ט אָנגעהויבן צו לאַכן און געזאָגט שפּאַסיק צום עולם:

— מע דאַרף אים שמייסן, ער זאָל ווייטער ניט שפּעטן פון בעש"ט.

דער בעש"ט פאַרלאָזט דעם עמוד אינמיטן דאַווענען.

איינמאָל האָט דער בעש"ט פאַרן עמוד געדאַווענט. אינמיטן דאַווענען האָט ער פּלוצלונג מפסיק געווען און האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין דער גאַס, וואָס האָט זיך ניט ווייט פון שול געפונען. דאָרטן האָט ער געפונען אַ גוי, וואָס האָט געהאַט האָלץ צו פאַרקויפן. האָט דער בעש"ט ביי אים אַ פור האָלץ געקויפט און דער גוי האָט אים נאָכגעפירט דאָס האָלץ אין בית-המדרש אַריין.

דער בעש"ט האָט געהייסן באַצאָלן דעם גוי פאַר דעם האָלץ און אויך דערפאַר, וואָס ער האָט עס צום בית המדרש געבראַכט. דערצו נאָך האָט ער אים געהייסן אויך אַ גוטן טרונק בראַנפן צוגעבן. דער גוי איז איבערראַשט געווען פון אַזאַ פיינער באַהאַנדלונג און האָט זיך אָנגערופן:

— געבענטשט זאָל זיין דער יידישער גאָט, וואָס פאַרמאָגט אַזאַ הייליק פאָלק. ווען עס זאָל ביי מיר די פור האָלץ איינער פון אונדזערע קויפן, וואָלט איך פאַר איר ניט געווען קריגן אַזוי פיל.

נאָכדעם האָט דער בעש"ט דעם גאַנצן ענין אויף פאָלגנדן אופן דערקלערט: בשעתן דאַווענען האָט ער פון אויבן אַ קטרוג אויף אחינו בני ישראל דערזען, — אויף די, וואָס וווינען אין די דערפער, דערפאַר, וואָס מאַנכע פון זיי נאַרן אָפּ די פויערן אין די חשבונות, וואָס זיי האָבן מיט זיי. האָט ער באַדאַרפט פאַרשטאָפּן דאָס מויל פון מקטרג דערמיט, וואָס ער האָט געמאַכט דעם ערל זיין ליבן נאָמען צו בענטשן און דאָס פאָלק ישראל צו לויבן.

דער „בעל-התולדות" טייטשט דעם בעשט"ס תורה.

ווען יעקב יוסף, דער „בעל-התולדות", האָט אויסגעטייטשט דעם בעש"טס תורה, איז זיין מויל ווי אַ פלאַם פייער געווען און עס האָט אַרום אים אַ גרויס פייער געברענט און ער מיטן בעטל זייַנעם האָבן זיך פיל טפחים פון דער ערד אויפגעהויבן. און אַלעס, וואָס ער האָט געזאָגט דאַמאָלסט, איז געזאָגט געוואָרן, ווי עס וואָלט פון סיני געגעבן געוואָרן: באימה, ובפחד, ובקולות וברקים.

איבעריקע סגופים.

אין דער צייט פון בעש"ט איז געווען אייגער, וואָס האָט סגופים געמאַכט און פלעגט אָפּט אין מקוה גיין, ער זאָל רוח הקדש משיג זיין. האָט זיך דער בעש"ט אַמאָל וועגן אים אויפן פאָלגדן אויסגעדריקט:

— אויפן עולם האמת לאַכט מען פון אים, וואָרום די אַלע זאַכן, צו וועלכע ער האָט געשטרעבט, זיינען העכער פון זיין כח רוחני און פון זיין השגה.

יום־כיפור אין פעלד.

איינער איז געפאָרן צום בעש״ט אויף יו״כ. איז ער די גאַנצע נאַכט, וואָס געהער צו ערב יום כיפור געווען אונטערוועגס, כדי אָנצוקומען צום בעל שם טוב ערב יום טוב פאַר פרי. אַז ס׳איז טאָג געוואָרן, איז ער געקומען שוין אַ מייל פון מעזשיבוזש. האָט ער זיך געטראַכט: — „ס׳איז דאָך שוין נאָנט פון דער שטאָט. דאָס פערדל איז מיד. איך וועל זיך שטעלן אין פעלד דאַוונען. דאָס פערד וועט זיך דערווייל אָפּרוען״.

נאָכן דאַוונען איז ער שלעפעריק געוואָרן. האָט ער זיך ווידער געטראַכט: — „וואָס אַרט דאָס, אַז איך וועל מיך אַביסל איבערשלאָפן? דאָס פערד וועט זיך פאַסען, וועט עס בעסער לויפן. וועל איך קומען פאַר האַלבן טאָג קיין מעזשיבוזש״.

און ער האָט זיך געלייגט שלאָפן. איז ער שטאַרק אַנטשלאָפן געוואָרן אויף אַ גאַנצן טאָג.

ווי ער כאַפּט זיך אויף פון שלאָף, זעט ער: עס איז שוין בין השמשות, מע טאָר שוין ניט פאָרן. האָט ער זיך שטאַרק מצער געווען. — וויפיל יגיעות ער האָט דאָס געהאַט, כדי ער זאָל קומען צום בעש״ט אויף יום כיפור און היינט מוז ער האַלטן יו״כ אויפן פעלד, ניט ווייט פון דער שטאָט. און ער האָט געוויינט און געשריען אַ גאַנצע נאַכט, אַז ער האָט דאָס געטאָן צוליב זיין נאַרישקייט.

אַז ער איז געקומען צום בעש״ט, האָט דער בעש״ט געמאַכט דערפון אַ געלעכטער: — דו ביסט ניט שולדיק — האָט דער בעש״ט געזאָגט — מע האָט דיר אַזוי פון אויבן געגוזט. דו זאָלסט בלייבן אין פעלד יו״כ, כדי דו זאָלסט מעלה זיין אַלע תפילות, וואָס אין פעלד.

יום־כיפור צו מוסף.

אַמאָל אום יום־כיפור איז דער בעש״ט ניט געקומען אין בית־המדרש פאַר פרי, ווי זיין סדר איז געווען. מע האָט געוואַרט אויף אים און ניט אָנגעהויבן צו דאַוונען. עס איז שוין געווען גאַנץ שפּעט אויף טאָג, ווען דער בעש״ט איז געקומען. ער האָט זיך געזעצט ביים שטענדער, אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ, ווידער אים אויפגעהויבן און ווידער אַוועקגעלייגט. אַזוי האָט ער געטאָן פיר מאָל. דאָס האָט געוועדט אַ צייט. דערנאָך האָט ער אַ ווונק געטאָן, מע זאָל זיך שטעלן דאַוונען. מע האָט אָפּגעדאַוונט שחרית. צו מוסף פלעגט תמיד מתפלל זיין הרב ר׳ דוד פירקעס. היינט האָט דער בעש״ט אַ געשריי געטאָן: — „ווער וועט דאַוונען מוסף?״ איז ביים עולם אַ פליאה געווען. מע האָט געוווסט, אַז ר׳ דוד איז דאָך תמיד מתפלל. אָבער ענטפערן דעם בעש״ט האָט מען מורא געהאַט. עס האָט געוועדט אַ צייט. דער בעש״ט האָט אַלץ געפרעגט: „ווער וועט דאַוונען מוסף?״ און מע האָט אים אַלץ ניט געענטפערט.

לסוף האָט מען זיך געמוזט אָנרופן: — ר׳ דוד איז דאָך מתפלל!

האָט דער בעש״ט אָנגעהויבן צו זידלען ר׳ דודן מיט גרויס זידלעריי: — דו, דוד, וועסט דאַוונען מוסף אום יום־כיפור? ווי קומסטו צו דאַוונען?״ עס האָט געווערט לערך חצי שעה און דער בעש״ט האָט אים אַלץ מבזה געווען, וואָס גאַרניט צו באַשרייבן. דעם עולם האָט זייער פאַרדראָסן, מע זאָל אַזוי מבזה זיין אַ מענטש, בפרט אַ תלמיד חכם וצדיק, ובפרט אום יום־כיפור. נאָר דער פּחד פון בעש״ט איז גרויס געווען, האָט קיינער ניט גערעדט אַ וואָרט. לסוף האָט דער בעש״ט געזאָגט: — איז קיינער ניטאָ צו דאַוונען, טאָ גיי כאָטש דו, דוד!

האָט ר׳ דוד ביי זיך זייער צעבראָכן דאָס האַרץ. ער האָט געמיינט, אַז דער בעש״ט האָט אויף אים עפּעס דערזען אַן עבירה גדולה און האָט זיך געשטעלט דאַוונען מיט אַ לב נשבר. ער האָט אין דער תפילה זייער געוויינט בבכיה רבה, אַזוי אַז ס׳איז ניט צו דערשרייבן.

מוצאי יו״כ איז דער עולם געקומען, ווי דער סדר איז געווען, צום בעש״ט. האָט מען געפרעגט ביים בעש״ט, וואָס באַטייט דאָס, וואָס ער האָט גלייך ניט געלאָזן דאַוונען ר׳ דודן. האָט דער בעש״ט דערציילט פאַרן גאַנצן עולם. די מעשה איז אַזוי געווען: ר׳ דוד האָט זיך מכין געווען מיט גרויס הכנה און מיט גרויסע תעניתים און האָט געפאַסט משבת לשבת קודם ר״ה ויו״כ. ער האָט אין זין געהאַט, אַז ער וועט קומען יו״כ צו תפילת מוסף, וועל איך מיך איינשפּאַרן און וועל מיך מוסר נפש זיין, אַז משיח זאָל קומען היינטיקס יאָר. דערפון האָט גאָר קיין שום ילוד איש ניט געוווסט; אָבער דער ס״מ האָט זיך געשטאַרקט און האָט זיך אויך געוואָלט מוסר נפש זיין. ער האָט זיך געשטעלט מיט נאָך שומרים אום יו״כ אויף אַלע וועגן, ווו די תפילות גייען אַרויף, כדי צו כאַפּן אַלע תפילות. דרום האָב איך ניט געוואָלט גיין דאַוונען. איך האָב געטראַכט: ״וואָס זאָל איך גיין אין בהמ״ד דאַוונען און געבן דעם בעל־דבר תפילות? האָב איך געוואַרט, ביז איך האָב געמאַכט אַן אַנדער וועג אויף תפילות. ערשט דאַן בין איך געגאַנגען אין בה״מ דאַוונען. אַז ס׳איז געקומען צו מוסף, האָב איך מורא געהאַט, אַז ר׳ דוד וועט זיך שטעלן דאַוונען מוסף מיט זיינע כוונות, וואָס ער האָט זיך מכין געווען, וועט דער שטן שטאַרק מקטרג זיין און מיט גרויס כוח שלעכטס טאָן דעם כלל ישראל ח״ו, וואָרום עס איז ניט די צייט פון משיח. מע דאַרף טראַכטן גאָר אַנדערש צו דערהאַלטן דעם כלל ישראל זיי זאָלן אַ חיות האָבן בין העמים. האָב איך דאָס געמוזט ר׳ דודן אַראָפּוואַרפן פון זיין מחשבה, וואָס ער האָט זיך מכוין געווען, ער זאָל שוין גאָר משיחן אין זין ניש האָבן, ער זאָל מיינען, אַז איך האָב אויף אים עפּעס דערזען. באמת אָבער זאָג איך פאַר אַלע, אַז איך האָב דאָס געמיינט לטובת כלל ישראל. וואָרום אדרבה, ווייל ר׳ דוד איז אַ גרויסער צדיק און האָט פאַר דעם ס״מ זייער מורא, וואָלט ער, חלילה, פאַר אים עוקר געווען. עס זאָל דעריבער ניט קשה זיין, וואָס איך האָב אים מבזה געווען״.

ר׳ דוד האָט מודה געווען, אַז דאָס איז אַלץ אמת, אַזוי ווי דער בעש״ט האָט געזאָגט, אַזוי האָט ער זיך מכוין געווען קודם ר״ה ויו״כ.

צו „כל נדרי".

אַמאָל אום ערב יום־כיפור האָט דער בעש"ט געזען אַ גרויסן קטרוג אויפן כלל ישראל — עס האָט געהאַלטן דערביי, מע זאָל ביי זיי אָוועקנעמען די תורה שבעל־פּה. אַזוי האָבן די כיתות פון שבתי צבי געוואָלט פועל זיין. איז ער אַ גאַנצן טאָג עיו"כ זייער בצער געווען.

אַז ס'איז געקומען פאַרנאַכט, איז דער עולם זיך געקומען בענטשן צו אים. האָט ער געבענטשט איינעם אָדער צוויי און ווייטער האָט ער ניט געוואָלט. — איך קאָן מער ניט בענטשן — האָט ער געזאָגט — פאַר גרויס צער, וואָס איך האָב. דערנאָך איז ער געקומען אין בית־המדרש אַריין און האָט געזאָגט פאַר דעם עולם שטראָף־רייד. נאָכדעם איז ער אַריינגעפאַלן אין אָרון־קודש אַריין, האָט זייער געשריען און געוויינט. — אַזוי ווי מע וויל פון אונדז אַוועקנעמען די תורה שבעל־פּה, ווי וועלן מיר קענען אַ קיום האָבן צווישן די אומות אפילו אַ האַלבן טאָג?

דערנאָך איז ער געקומען אין שול אַריין און האָט אויך אַזוי געטאָן.

עס האָט געדויערט אַ צייט, ביז מע האָט זיך געשטעלט צו „כל נדרי". נאָך „כל נדרי" האָט ער געזאָגט: — „שלעכט, דער קטיגור שטאַרקט זיך". אויף מאָרגן איינ־דערפרי האָט ער אָנגעזאָגט די ב"ת, זיי זאָלן קיין שהיות ניט מאַכן אין דאַווענען, כדי ער זאָל פרי קענען זיך שטעלן צו נעילה פאַרן עמוד.

אַז ס'איז געקומען צו נעילה, האָט ער ווידער אָנגעהויבן צו זאָגן שטראָפרייד פאַרן עולם, האָט געלייגט דעם קאָפּ אויפן עמוד, געבויגן דעם קאָפּ אַרונטער, גע־קרעכצט און געשריען. דערנאָך האָט ער זיך געשטעלט דאַווענען. אַז ער האָט געדאַווענט די הויכע שמ"ע, פלעגט זיין מנהג זיין אַזאַ: ער האָט אַליין ניט אַריינגעקוקט אין מחזור, נאָר עס פלעגט פירזאָגן אַן אַנדערער און ער האָט נאָכגעזאָגט. דענסטמאָל האָט אים פירגעזאָגט דעם מחזור איינער ר' יאָקל. ווי עס איז געקומען צו „שערי שמים פתח", האָט אים ר' יאָקל פירגעזאָגט און ער האָט ניט נאָכגעזאָגט. ר' יאָקל האָט גע־זאָגט נאָך אַמאָל; דער בעש"ט האָט אים פאָרט ניט נאָכגעזאָגט. אַזוי האָט ער עט־לעכע מאָל געטאָן און איז לסוף אַנטשוויגן געוואָרן.

דער בעש"ט האָט דערווייל אָנגעהויבן צו מאַכן גרויסע פּאַרכטיקע תנועות. זייער שטאַרק אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ אַרונטער ביז די פיס ממש. דער עולם האָט מורא געהאַט, ער זאָל ניט פאַלן אַרונטער צו דער ערד, האָט מען מודיע געווען להחסיד ר' וואָלף קיצעס, וואָס איז געווען ביים בעש"ט אַ גרויסער חשוב. איז געקומען ר' וואָלף, האָט אָנגעקוקט דעם בעש"ט אין פנים און אַ ווונק געגעבן צום עולם, מע זאָל אים ניט אָנרירן. און דער בעש"ט האָט מיט זיין קול געמאַכט תנועות, ווי אַן אָקס, וואָס מע האָט ערשט געקוילעט. עס האָט געווערט איבער צוויי שעה. דאַן האָט ער זיך דערמאָנט און האָט אָנגעהויבן דאַווענען נעילה אינדערגעשווינט.

מוצאי יו"כ איז דער עולם געקומען צום בעש"ט אים מקבל פנים זיין. אַזוי איז געווען דער סדר בכל מוצאי יו"כ. דער בעש"ט פלעגט דאַן זייער לוסטיק זיין און אָפּט דערציילן, וואָס עס האָט זיך געטאָן אין יום־כיפור. היינט איז דער עולם באַזונ־דערס נייגעריק געווען, ווייל ער האָט דאָך אַליין געזאָגט מכח הקטרוג הגדול. האָט מען אים געפרעגט, האָט ער דערציילט: — אַז איך האָב געדאַווענט די שטילע שמ"ע פון נעילה, בין איך געגאַנגען אין די היכלות. אין דער הויכער שמ"ע בין איך אויך געגאַנגען אין די היכלות, ביז איך בין געקומען צו אַ היכל, וואָס האָט נאָר איין שער געהאַט, וואָס

פון אים גייען די תפילות גלייך לפני הש״י. דאָרט אין הימל האָב איך געפונען תפילות פון פופציק יאָר. האָב איך געפרעגט: „פאַרוואָס זיינען די תפילות פריער נישט אַרויפגעקומען?״ האָבן זיי געזאָגט: „מע האָט אונדז געהייסן, מיר זאָלן וואַרטן, ביז איר וועט קומען״. האָב איך געזאָגט: — „קומט מיט מיר״. ווי איך האָב אָנגעהויבן צו גיין מיט זיי אין שער הגדול, וואָס פון דאָרטן איז מער קיין שום מעכב ניטאָ, נאָר גלייך גיין לפני השי״ת. (און דער שער איז אַזוי גרויס געווען ווי די וועלט און איז אָפן געווען) — איז פלוצלונג געקומען אַ מלאך און האָט פאַרמאַכט דעם טויער. אויפן טויער האָט ער אויפגעהאַנגען אַ שלאָס. דער שלאָס איז אַזוי גרויס געווען, ווי די גאַנצע שטאָט. איך האָב אָנגעהויבן אַרומגיין דעם שלאָס, טאָמער וועל איך קענען עפענען. איך האָב אָבער בשום אופן דאָס ניט געקענט טאָן. בין איך געגאַנגען צו מיין רבין, וואָס איך האָב אויבן, און האָב געבעטן: — „די קינדער פון ישראל זיינען, ווי דו זעסט, אין אַזאַ גרויסער צרה און מע לאָזט מיך ניט גיין בעטן פאַר זיי. זאָל ניט זיין אַזאַ צייט, וואָלט איך מיך אַזוי ניט געשפּאַרט״.

פרעגט מיך דער רבי: — וואָס זאָל איך טאָן?

איז ער מיט מיר געגאַנגען, מיך געפירט עפענען דעם שער. ער האָט אים אָבער אויך ניט געעפנט.

— וואָס קען איך דיר העלפן? — האָט ער געזאָגט.

האָב איך אָנגעהויבן צו שרייען: — וואָס וואַרפסטו מיך אַוועק אין אַזאַ עת צרה!

זאָגט ער צו מיר: — ווייסט וואָס, לאָמיר גיין צום היכל המשיח.

ווי מיר זיינען געקומען צו משיחן, זאָגט משיח: — „נאָר שריי ניט צו מיר. נאַ דיר אַ צייכן״. ער האָט מיר געגעבן צייכנס און מע האָט מיר געעפנט דעם שער. בין איך געקומען מיט אַלע תפילות.

איז געוואָרן אַ שמחה בכל העולמות. מחמת די שמחה האָט מען שוין גאָרניט בעדאַרפט מתפלל זיין, ווייל דער קטרוג איז ממילא בטל געוואָרן.

געראַטעוועט פון אַן „עלילת־דם״.

אַמאָל האָבן גוים ערב פסח אונטערגעוואָרפן דעם בעל שם צוליב אַן עלילת דם אַ געהרגעט גויש קינד. צום סדר האָבן די גוים מיט זעלנער אַרומגערינגלט דאָס הויז. דער בעל שם האָט דערזען דאָס אונטערגעוואָרפענע קינד, האָט ער אים אויף גיך אָנגעטאָן יידישע קליידער, אויפן קאָפּ אַ מיצל און אַנידערגעזעצט ביים טיש. דער הרוג איז געזעסן ווי אַ לעבעדיקער. דער בעל שם האָט אים נאָך אַ געשריי געטאָן: „ממזר, שאָקל זיך!״ האָט דער טויטער אָנגעהויבן שאָקלען זיך איבער דער הגדה. די גוים, אַריינרייסנדיק זיך אין הויז, האָבן געזוכט אומעטום און גאָרנישט געפונען. זיי איז, פאַרשטייט זיך, נישט איינגעפאַלן אין זינען, אַז דאָס יינגל, וואָס זיצט ביים טיש און שאָקלט זיך איבער דער הגדה, איז דאָס געהרגעטע קינד, וואָס זיי זוכן. נאָכדעם, אַז זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען, איז דאָס קינד געבליבן ווייטער טויט און דער בעל שם האָט אים באַגראָבן אויפן הויף.

דער בעש״ט ראַטעוועט אַ יידישע טאָכטער פון טויט.

...מיר זיינען אַרויסגעפאָרן פון דאָרף און אַריינגעקומען אין אַ געדיכטן וואַלד פון סאָסנעס, מיט אַ שמאָלן שטעג, וואָס איז קוים געווען ברייט גענוג פאַרן וואָגן. פלוצלונג איז דאָס שטילשווייגן, וואָס האָט אַ ווײַלע געהערשט צווישן אונדז, איבערגעשלאָגן געוואָרן פון מוראדיקע קולות נאָך הילף, וועלכע זיינען געקומען פון אַ וועלדל רעכטס. דער פורמאַן*) האָט תיכף אָפּגעשטעלט דעם וואָגן, איז אַרונטערגעשפרונגען און האָט אַרויסגעצויגן אַ לאַנגן חלף פון זיין גאַרטל.

— „ס'איז אָפּט נוצלעך צו זיין אַ שוחט — האָט ער מיט כּעס געזאָגט, זיך דורכשלאָגנדיק דורך די געדיכטע ביימלעך. איך בין אים נאָכגעגאַנגען טריט ביי טריט, און פלוצלונג האָבן מיר דערזען אַ מאָדנע סצענע. אַ שיינע פרוי האָט געקעמפּט מיט צוויי מענער, וועלכע זיינען געווען אָנגעטאָן ווי רבנים אין זיידענע הויזן און מאַנטלען. איינער האָט איר צוגעהאַלטן די אָרעמס פעסט אָן אַ זייט, און דער אַנדערער האָט געהאַלטן דערביי, א'ר אַריינצושטעכן אַ קינזשאַל אין האַרצן.

— האַלט! — האָט דער שוחט אַ געשריי געטאָן. דער, וואָס האָט געוואָלט באַגיין דעם מאָרד, האָט אָפּגעטראָטן צוריק מיט אַן אויסדרוק פון שרעק אויף זיין שמאָלן פאַנאַטישן פּנים.

— לאָז אָפּ די פרוי! — האָט דער פורמאַן שטרענג געזאָגט.

אַ דערשראָקענער און צוטומלטער האָט יענער געפאָלגט.

די פרוי איז אַנידערגעפאַלן האַלב אָנמעכטיק און דער פורמאַן האָט זי אויפגעכאַפּט.

— האָב קיין מורא ניט — האָט ער געזאָגט. — און איר, רוצחים, פאַלט מיר צו די פיס און דאַנקט מיר, וואָס איך האָב אייך געראַטעוועט אייער חלק לעולם הבא".

— „ניין, מיר האָבן אים, אדרבא, דורך אייך פאַרלאָרן — האָט געזאָגט דער מיטן קינזשאַל — וואָרום מיר האָבן נאָר וואָס געוואָלט נעמען נקמה פאַר גאָט. זייט וויסן, אַז דאָס איז אונדזער שוועסטער און מיר האָבן אויסגעפונען, אַז זי איז אַ זינדיקע, לייכטזיניקע בריאה, וועלכע האָט געבראַכט שאַנד און שאַנד צו אונדזער הויז פון לומדים און צו אונדזער גאָטספאָרכטיקע שטאָט. האָבן מיר אַלזאָ און דער מאַן אירער אָפּגעהאַלטן אַ געהיימען בית-דין, און אינם גייסט פון אונדזער תורה האָבן מיר באַשלאָסן, אַז אָט דער שאַנדפלעק זאָל אויסגעראָטן ווערן פונם פאָלק ישראל לכבוד השם".

— „לכבוד השם! — האָט דער פורמאַן איבערגעזאָגט און די אויגן זיינע האָבן געפלאַמט — וואָס ווייסט איר פון דעם שם און פון זיין כבוד?

די צוויי ברידער האָבן זיך שטאַרק געקרימט אונטער דער שאַרפקייט און ליידנשאַפט פון זיינע ווערטער. פאַרוואונדערט און אומבאַקוועם האָבן זיי זיך אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן, אָבער זיי האָבן גאָרנישט געענטפערט.

— „ווי דערוועגט איר זיך אָנצורופן אַ יידישע טאָכטער שאַנדפלעק? — האָט זיך דער פורמאַן ווייטער געבייזערט — צי איז דען פאַראַן אַ זינד, וואָס זאָל זיין גרויס גענוג אונדז אויף תמיד אָפּצורייסן פון גאָט, וועלכער לעבט אין אַלצדינג? בעט גאָט פאַר אייער שוועסטער, אויב איר ווילט, אָבער ניט דערוועגן זאָלט איר זיך צו משפּטן אייערן אַ מיטמענטשן"!

*) דאָס איז געווען דער בעש״ט.

די פרוי האָט ארויסגעפּלאַצט מיט אַ מוראדיקן געוויין און איז אים געפאַלן צו די פיס. — מיינע ברידער זיינען געראַטעוועט, זיי זיינען געראַטעוועט! — האָט זי געשריען. — איך בין אַ זינדיקע בריאה. ס׳וואָלט געווען גלייכער, מיר צו לאָזן שטאַרבן!״

מיט צערטלעכקייט האָט זי דער פּורמאַן אויפגעהויבן. — ״ניין, אין אָט דער רגע האָסטו חרטה געהאַט — האָט ער געזאָגט — און מיט דער חרטה פון איין איינציקער רגע קערט מען זיך אום צוריק צו גאָט. פון איצט אָן און ווייטער וועסטו לעבן אָן זינד״.

געקראָגן אַן אתרוג.

אין סניאַטין זיינען פאַרבליבן ערינערונגען און לעגענדעס וועגן בעל שם, אַז ער איז דאָ געווען אַ מלמד. איינמאָל האָט ער ניט געקראָגן קיין אתרוג און שטאַרק מצער געווען זיך. ערב סוכות, שוין פאַרנאַכט, זעט מען, עס פליט אַ רייטער, אַ גוי. דאָס פערד איז פאַרסאָפּעט, איינגעגאַנצן אין שוויים. שטעלט זיך אָפּ דער גוי און פרעגט: — ״גדזיע מיעשקאַ סרולקאַ?״*) דער בעל שם איז אַרויסגעגאַנגען. דער רייטער האָט אים דערלאַנגט אַן אתרוג און איז גלייך פאַרשוווּנדן געוואָרן.

קראַנקע זיינען געהיילט געוואָרן.

אַמאָל איז דער בעש״ט געווען אין אַ שטעטל אויפן בית-עולם. איז ער דאָרט אַרומגעגאַנגען איבער די קברים. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס זיינען געזונט געוואָרן אַלע קראַנקע, וואָס די קרובים האָבן זייערע נעמען אויפגעשריבן אויף די מצבות, איבער וועלכע זיין מאַנטל האָט זיך נאָכגעשלעפּט.

„ער וועט מיך געדענקען!״...

עס האָט פּאַסירט אין טלוסט. אַן אָרטיקער באַלעבאָס, ר׳ הערש, אַ מרא דחשבונה, איז אַרויסגעטראָטן קעגן דעם בעש״ט. האָט דער בעש״ט געזאָגט: „ער וועט מיך געדענקען״. איז דער ר׳ הערש פאַרשאָלטן געוואָרן אויף צען דורות. פון זיין געזינט טוען זיך ניט אָפּ קיין אומגליקן און קיין גוטער ייד קאָן זיי נישט העלפן.

אַן עצה אין אַ שרפה.

אַמאָל איז געקומען צום בעש״ט אַ גרויסער גאון און האָט צו אים געזאָגט: — ״ווי איך זע, זייט איר אין שלחן ערוך ניט אַזוי קלאָר. זאָגט מיר, ווי וועט איר טאָן, אַז ביי אייך וועט שבת ווערן אַ שרפה? ביז איר וועט אַריינקוקן אין שלחן ערוך, וואָס מע מעג און וואָס מע טאָר ניט מציל זיין אום שבת, וועט דערווייל אַלץ פאַרברענט ווערן.

— ״פאַר אַ בעל מופת האַלט איר מיך?״ — האָט דער בעש״ט געפרעגט.

— ״יאָ״ — האָט דער גאון געענטפערט.

— ווען ביי מיר וואָלט טרעפן שבת אַ שרפה — האָט דער בעש״ט דאַן דערקלערט — וועל איך גוזר זיין אויפן פייער, ער זאָל ניט ברענען, ביז איך וועל אַריינקוקן אין שלחן ערוך, וואָס איך מעג און וואָס איך טאָר ניט מציל זיין אום שבת.

*) וו וווינט ישראל?

יין נסך.

אַמאָל איז דער בעש״ט געקומען אויף שבת קיין בראָד. אין בראָד האָט דענסט־מאָל געוואוינט אַ גביר, וואָס האָט געהאַנדלט מיט ווייַן. אין ווייַנקעלער איז געווען אָפּגעטיילט: רעכטער האַנט, אין מזרח זייט, זייַנען געלעגן פלעשער ווייַן כשרע און לינקער האַנט, אין מערב זייט—פלעשער מיט יין נסך.

דער גביר האָט געוואָלט אויספּרוּוון דעם בעש״ט, צי איז ער טאַקע אַ בעל־מופת, ווי מע זאָגט. האָט ער זיך אָנגערופן צו זייַן משרת: „שמערקע, נעם אַ פלאַש ווייַן, וואָס שטייט אין מערב זייט, און טראָג עס אַוועק צום בעש״ט. זאָג אים, אַז די ווייַן האָב איך אים געשיקט. דער ווייַן איז זייער אַ טייערער, פאַרלאַנג איך פון אים, אַז נאָר ער אַליין זאָל דאָס טרינקען". שמערקע האָט געטאָן, וואָס דער גביר האָט באַפוילן. דער בעש״ט האָט געעפנט די פלאַש, האָט אָנגעגאָסן אַ האַלבע גלאָז און געקוקט אויפן גלאָז אַנטקעגן ליכט. דריי מאָל האָט ער אַזוי געטאָן, נאָכער האָט ער געטרונקען.

שמערקע איז געקומען צום גביר און האָט אים דערציילט, אַז ער האָט געזען, ווי דער בעש״ט האָט געטרונקען די ווייַן. דאַן האָט דער גביר דערציילט אין גאַנץ בראָד, אַז דער בעש״ט האָט געטרונקען יין נסך. אַלע האָבן גענומען וועגן דעם ריידן. דער בעש״ט האָט געהערט די מעשה, נאָר ער האָט געשוויגן. שבת נאָך מיטאָג זייַנען פיל מענטשן זיך צוזאַמענגעקומען ביים בעש״ט. דער בעש״ט האָט געשיקט אַ שליח רופן דעם גביר. דער גביר איז באַלד געקומען.

— איך האָב געהערט—האָט דער בעש״ט געזאָגט, אַז דו האָסט דערציילט אויף מיר, אַז איך האָב געטרונקען יין נסך. איז דאָס אמת?

— יאָ—האָט דער גביר געענטפערט—איך האָב אייך געשיקט אַ בוטל יין נסך, כדי אייך אויסצופּרוּוון, אויב איר זייט אַ בעל־מופת.

— דו אַליין האָסט די נסך גענומען אין קעלער?—האָט דער בעש״ט געפרעגט — אָדער דורך אַ מענטשן?

— מייַן ערלעכן משרת האָב איך דאָס באַפוילן צו טאָן, ער וועט קיין ליגן ניט זאָגן.

— אויב אַזוי — האָט דער בעש״ט געזאָגט—מוזטו דאָ בלייבן, ביז דער משרת וועט קומען. און ער וועט זאָגן ריכטיק, אויב דאָס איז געווען יין נסך.

אַ שליח איז געגאַנגען רופן דעם משרת. דער משרת איז געקומען.

— פון וועלכער זייט קעלער האָסטו גענומען די ווייַן?—האָט דער גביר געפרעגט.

— פון דער רעכטער זייט, ווו עס שטייען די כשרע פלאַשן—האָט דער משרת געענטפערט.

דער גביר איז אַוועקגעגאַנגען מיט גרויס שאַנדע און דעם בעש״טס שונאים האָבן אויפגעהערט צו ריידן אויף אים שלעכטס.

דער פאַרלאָרענער בן־יחיד.

אין מעזשיבוזש איז געווען אַ גרויסער סוחר, וואָס האָט ניט געהאַלטן פון בעש״ט. דער סוחר האָט געהאַט אַ זון אַ בן־יחיד, אַ חכם ומופלג בתורה און מיט אַ סך אַנדערע

מעלות טובות. דער זון פלעגט אָפט פאָרן קיין ברעסלע האַנדלען און פלעגט זיך דאָרט פאַרזאַמען אַן ערך פון פיר וואָכן. אַמאָל איז ער געפאָרן קיין ברעסלע און האָט זיך דאָרט פאַרזאַמט מער ווי צען וואָכן און ס'איז פון אים קיין ידיעה ניט געווען. פאָטער און מוטער האָבן זיך דעריבער שטאַרק מצער געווען. האָט דאָס ווייב געזאָגט צום מאַן: — „וואָס מייַנסטו, וואָס דו ווילסט ניט גייען צום בעש"ט פרעגן, וואָס עס איז מיטן קינד? צו לאַנג זאַמט עס זיך. עס מוז דאָך עפּעס באַטייטן. מע פאָרט צו אים פון דער האַלבער וועלט. לאָמיר אויך אַריינקומען צו אים". דער מאַן האָט אָבער פאָרט ניט געוואָלט גיין צום בעש"ט. ס'האָט געוועדט אַ צייט און מע האָט אַלץ קיין ידיעה ניט געהאַט פון זון. האָט זיך דאָס ווייב איינגעשפּאַרט—דער מאַן מוז גיין צום בעש"ט. איז ער אַוועק.

געווען איז דאָס ערב שבת. דערציילט ער דעם בעש"ט די געשיכטע: — מיין זון איז אַוועקגעפאָרן שוין איבער צען וואָכן און איך האָב אַלץ ניט קיין ידיעה פון אים.

האָט דער בעש"ט געעפנט אַ זוהר, אַריינגעקוקט אַהין און געענטפערט: — דיין זון איז געזונט. ער וועט שבת האַלטן אין אַ דאָרף אַ מייל פון הי.

דער עושר האָט זיך שטאַרק געוואונדערט. — „עס קאָן ניט זיין! — האָט ער געטענהט — ער ווייס, אַז מיר בענקען נאָך אים. ער זאָל זיין אַזוי נאָענט פון אונדז, וואָלט ער געגעבן פאַר אַ פור וואָס מ'וואָלט בעטן, ער זאָל נאָר קומען אַהיים".

ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט גלויבן דעם בעש"ט, נאָר מחמת ספק האָט ער פאָרט געשיקט אַ שליח אום פרייטאָג אין דאָרף אַריין און האָט אים געהייסן דאָרט וואַרטן ביז נאַכט. פרייטאָג צו נאַכט איז דער שליח צוריקגעקומען און האָט געזאָגט, אַז דער זון איז ניטאָ. האָט זיך אָנגערופן דער עושר צו זיין ווייב: — „זעסטו, האָסט דאָך מיך איבערגעשפּאַרט, איך זאָל גיין צו אים. איך ווייס, אַז זיינע ווערטער האָבן גאָר קיין ממשות ניט, ער נאַרט נאָר אָפּ דעם עולם".

אַז ס'איז געקומען שבת-צו-נאַכט, איז אָבער דער זון געקומען און האָט דערציילט, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט. פאַרנאַכט האָט זיך ביי אים לעבן דאָרף צעבראָכן אַן אַקס. האָט ער זיך פאַרזאַמט און איז געקומען אין דאָרף אַריין שפּעט אין דער נאַכט.

דער עושר האָט דאַן דערזען, אַז וואָס דער בעש"ט זאָגט, איז אַלץ אמת. ער איז געגאַנגען צום בעש"ט און האָט זיך מודה געווען, אַז ער האָט גערעדט אויף אים.

פון דעמאָלט אָן האָט ער זיך זייער מקרב געווען צום בעש"ט און איז געוואָרן אַן ערלעכער מאַן.

אַ גרוס פון יענער וועלט.

צוויי בכבודע חסידים פון מעזשיבוזש האָבן פון בעש"ט ניט געהאַלטן. איינמאָל איז זייער אַ תלמיד געפערלעך קראַנק געוואָרן. האָט ער געוואָלט דעם בעש"ט רופן. האָבן זיי נישט געלאָזט.

ווען דער חולה האָט אָבער געזען, אַז ער האַלט זייער שלעכט, האָט ער קענן דעם ווילן פון זיינע לערער דאָך דעם בעש"ט גערופן. עס איז שוין אָבער צו שפּעט געווען. מע האָט שוין פון הימל דעם מלאך המות געשיקט. האָט אים דער בעש"ט געזאָגט, אַז ער קען פאַר אים גאָרנישט טאָן, ער מוז פון דער וועלט אַוועקגיין. ער האָט אים נאָר אַ פּלאַץ אין גן-עדן צוגעזאָגט.

ווען דער בעש"ט איז אהיים געגאנגען, האט דער קראנקער איבערגעגעבן די לערער אלץ, וואס דער בעש"ט האט אים געזאגט.

האבן זיי פון אים א תקיעת־כף גענומען, ער זאל זיך צו זיי נאכן טויט באווייזן און דערציילן זיי אלץ, וואס מיט אים איז פון זיין פטירה אן פארגעקומען.

א שטיק צייט נאך זיין טויט האט זיך צו זיי דער תלמיד ווירקלעך אין חלום באוויזן און האט זיי דערציילט, אז נאך זיין טויט, איז ער אין הימל פון איין היכל צום צווייטן ארומגעגאנגען. צולעצט איז ער צוגעקומען צו א היכל, אווו ער האט געטראפן די „בני היכלא" זיצן אויסגעזעצט און דער בעש"ט האט פאר זיי תורה געזאגט. דער תלמיד האט זיי אויך די תורה פון בעש"ט איבערגעגעבן.

זיינען זיי נאך דעם זעלבן שבת געגאנגען צום בעש"ט אויף שלוש סעודות און אים געהערט זאגן ביים טיש דיזעלבע תורה, וואס ער האט אויפן הימל פאר די „בני היכלא" געזאגט.

דער בעש"ט און ר' יצחק דרהביטשער. (א

ר' יצחק דרהביטשער האט ניט געהאלטן פון בעש"ט דערפאר, וואס דער בעש"ט האט קמיעות געשריבן. אמאל האט ר' יצחק באשווארן די מלאכים אין הימל, זיי זאלן דעם בעש"טס פארלאנג ניט ערפילן. האט זיך געמאכט, אז צו יענער צייט האט דער בעש"ט געהאט פאר זיך זייער א וויכטיקן ענין צו ערליידיקן. ער האט זיך אבער ניט געקאנט העלפן, ווארום עס זיינען פון אים אלע מדרגות אפגעטאן געווארן. האט ער פארשטאנען, אז דאס האט עס אים ר' יצחק אפגעטאן. צום גליק אבער האט ר' יצחק אין איילעניש פארגעסן צו באשווערן דעם מלאך, וואס איז ממונה אויף די מחשבות פון מענטשן.

ארום יענער צייט האט ר' יצחק דורך מעזשיבוזש באדארפט דורכפארן.

האט דער בעש"ט דורך דעם מלאך, וואס איז דער ממונה אויף די מחשבות פון מענטשן, ר' יצחקס געדאנק מבלבל געווען. אין אן ערב שבת בייטאג האט זיך אים געדאכט, אז עס איז ערשט דאנערשטאג געווען. און ער האט זיך אין וועג אוועקגעלאזט. ערשט אין מעזשיבוזש איז ער דורך א צופאל געוואר געווארן, אז ער האט זיך ערב שבת אין וועג געלאזט. ער איז געצוווּנגען געווען צו בלייבן אויף שבת אין מעזשיבוזש און איז געגאנגען אין בעש"טס שול דאווענען. אזוי ארום איז צווישן אים און דעם בעש"ט שלום געשלאסן געווארן.

דער בעש"ט און ר' יצחק דרהביטשער. (ב

ר' יצחק דרהביטשער איז געווען א גרויסער קעגנער פון בעש"ט. דער בעש"ט איז געפארן צו אים, אים משמש זיין. באדינענדיק אים, האט ער אים דערלאנגט א גלאז קאווע. נאכדעם, ווי ר' יצחק האט אויסגעטרונקען די קאווע, האט דער בעש"ט גענומען די ליידיקע גלאז און אוועקגעטראגן זי צוריק אין קיך אריין. אז מ'האט אים געפרעגט, צו וואס ער האט דאס געטאן, האט ער געענטפערט, אז דאס אומקערן פון דער לעפל אין דער עבודה פון בית־המקדש יום־כיפור איז אויך פיל.

דער בעש"ט און ר' יצחק דרהביטשער. (ג)

יעדע נאכט פלעגט ר' יצחק באלד איינשלאפן אויף זיין געלעגער נאכן אפזאגן „בידך אפקיד רוחי". טאמער פלעגט טרעפן, אז ער קען ניט איינשלאפן, האט ער עס אנגענומען אלס סימן, אז ער האט עפעס אויף אן עבירה עובר געווען, און ער האט דעריבער פארן שלאף נאך תשובה געטאן. האט זיך איינמאל געמאכט, אז ער האט ניט געקענט איינשלאפן. האט ער איבערגעטראכט, וואס ער האט פארן טאג אפגעטאן, אבער אין אלעם דעם קיין עבירה ניט געפונען, אויסער דעם, וואס ער איז געשטאנען צווישן א חברה לצים, וואס האבן פון בעש"ט לצנות געטריבן און ער האט זיך דאן ניט אגטקעגן געשטעלט און געשוויגן.

באלד נאכדעם איז ער אוועקגעפארן צום בעש"ט און עס איז צווישן זיי שלום געווארן.

דער פשט פון תוספות.

ס'איז געווען א מלמד — ר' משה, א גדול בתורה. איז דער בעש"ט ביי אים גאר ניט חשוב געווען. און זיין מנהג איז געווען: ער פלעגט צושיקן א שליח, געוואר ווערן, אויב מע האלט שוין נאענט צו „ברכו". און דאן פלעגט ער קומען דאווענען.

איינמאל איז אים הארב געווען א תוספות במסכת „שבועות". צוויי וואכן איז ער געשטאנען איבער דעם תוספות און האט ניט געוווסט צו קומען אויפן פשט. אמאל האט ער געזען אין חלום: ער איז אריינגעקומען אין א היכל. האט אים דער בעש"ט דערזען און געפרעגט: — „פארוואס קאנסטו ניט דעם פשט פון תוספות?" און האט אים געזאגט דעם פשט.

דער מלמד האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף און געדענקט דעם פשט. איז ער באלד אויפגעשטאנען, האט גענומען די גמרא, איז געקומען צו דער לבנה און האט אריינגעקוקט אין תוספות. האט ער געזען, אז דער פשט איז גוט און רעכט. האט ער זיך אבער פארט געטראכט: — טאמער איז דאס א חלום און דער בעש"ט ווייס דערפון ניט?"

אז ס'איז געקומען צו שלוש סעודות, האט דער בעש"ט געשיקט דעם מלמד רופן אויף שלוש סעודות. דער מלמד איז געקומען און דער בעש"ט האט אים געזאגט דעם פשט פון תוספות. האט דער מלמד פארשטאנען, ווער דער בעש"ט איז. ער איז מיט אים מקורב געווארן און איז געבליבן א צדיק גמור.

א גדול הדור ווערט דעם בעש"טס א חסיד.

איינער פון די גדולי הדור איז א קעגנער פון בעש"ט געווען. איינמאל אין א פרייטאג צו נאכט האט ער אין חלום געזען, אז עס איז פארגעקומען א מחלוקת צווישן האר"י און בעש"ט וועגן דעם, ווי אזוי מע באדארף א געוויסע שטעלע אין „זוהר" אויסטייטשן. נאך א לאנגער חלוקי דעות זיינען זיי ביידע צו ר' שמעון בן יוחאי, דעם מחבר פון זוהר, צוגעגאנגען און דער לעצטער האט דעם האר"י אפגעגעבן רעכט.

דער בעש"ט איז אָבער ניט צופרידן געבליבן. ער האָט זיך אויך פאַר דעם אויטאָ-ריטעט פון ר' שמעון בן יוחאי ניט געוואָלט בויגן. האָט ער זיך צו ר' שמעון בן יוחאי אָנגערופן: — „דעם זוהר האָסטו דאָך מיט רוח הקדש מחבר געווען, טאָ לאָמיר גאָט אַליין פרעגן". איז אַרויס אַ בת-קול פון הימל און האָט אויסגערופן, אַז דער אמת'ער פשט אין זוהר איז פון בעש"ט.

אויף מאָרגן בשעת שלש סעודות האָט דער גדול געהערט פון בעש"ט אָט יענעם פשט אין זוהר, וואָס ער האָט אין חלום געהערט, און ער איז געוואָרן דעם בעש"טס אַ חסיד.

ר' ישראל חריף ווערט דעם בעש"טס אַ חסיד.

דורך זיין גאונות און חריפות האָט זיך דעם בעש"ט איינגעגעבן, ר' ישראל חריף זאָל זיין אָנהענגער ווערן. ר' ישראל איז זיינער אַ גרויסער קעגנער געווען. איינמאָל איז ר' ישראלן עפּעס אַ שיטה אין ש"ס און רמב"ם קשה געווען. דער בעש"ט האָט עס דערפילט. ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט צו אים און אַלץ לויטן ריכטיקן פשט דערקלערט.

האָט אים ר' ישראל דאַמאָלסט געזאָגט: — דער אמת איז, אַז דער פשט, וואָס איר האָט געזאָגט, איז זייער אַ גוטער און דערפאַר וואָלט איך אייך טאַקע ליב גע-האַט, ווען איר זאָלט קיין בעש"ט ניט זיין.

און נאָכאַמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז ר' ישראל האָט זיך עפּעס אויף אַ שווערן ענין געמאַטערט. און אויך דאָסמאָל איז צו אים דער בעש"ט אונטערגעקומען און אים דעם ריכטיקן פשט דערקלערט. און ר' ישראל האָט אים ווידעראַמאָל געזאָגט דאָס, וואָס ער האָט אים דעם ערשטן מאָל געזאָגט.

ענדלעך האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז ר' ישראלס זון איז געפערלעך קראַנק געוואָרן.

די פרוי זיינע איז צו אים צוגעשטאַנען, ער זאָל צום בעש"ט פאָרן. פריער האָט ער ניט געוואָלט. שפּעטער אָבער האָט ער געמוזט נאָכגעבן. און ער איז אָנ-געקומען צום בעש"ט די ערשטע נאַכט פון סליחות.

און דער מנהג פלעגט זיין, אַז דער בעש"ט אַליין פלעגט צום עמוד גיין און פאַרבעטן דעם „אל רחום וחנון" און די „ענגוס". דער בעש"ט פלעגט זאָגן: „ווען נאָך אייגער וואָלט געקענט אַזוי ווי איך „אל רחום שמך" זאָגן, וואָלט איך משיחן אַראָפּגעבראַכט". ווען דער חזן איז פון עמוד אַוועקגעגאַנגען, איז גאַנץ קהל געבליבן אויפן בעש"ט וואַרטן. און ר' ישראל האָט זיך פאַרטראַכט דערוויל, ער האָט זיך אין אַ שווערן תוספות פאַרטיפט.

דער בעש"ט איז צוגעגאַנגען צום עמוד און האָט אָנגעהויבן זאָגן „אל רחום" און „ענגו", ווי זיין שטייגער איז געווען. און פונקט דאַמאָלסט האָט דער ריכטיקער פשט אין מוח פון ר' ישראלן אַ שיין געטאָן.

דער בעש"ט האָט געענדיקט דאָס סליחות זאָגן און איידער נאָך ר' ישראל האָט באַוויזן אָנהייבן צו ריידן מיט אים, האָט זיך דער בעש"ט אָנגערופן: — „דער „ענגו" מיינער קען אַ גוט פשטל אין תוספות זאָגן".

פון דאַן אָן איז ר' ישראל חריף דעם בעש"טס אַן איבערגעגעבענער תלמיד געוואָרן.

דער „בעל־התולדות" ווערט דעם בעש"טס אַ חסיד.

איינמאָל איז דער בעש"ט געקומען קיין שאַראַגראָד, האָט זיך אינמיטן מאַרק אָװעקגעשטעלט, װי זיין שטייגער פלעגט אָפּט זיין, און האָט אָנגעהויבן פאַרשיידענע משלים און מעשהלעך צו דערציילן פאַר אַ גרויסן המון, וואָס איז דאָרטן געשטאַנען. דאָס איז גאַנץ פרי פאָרגעקומען, דערוויַיל איז דער „בעל התולדות" אין בית המדרש געקומען „ותיקון" צו דאַוונען, ווי זיין מנהג פלעגט שטענדיק זיין.

צו זיין גרויסער איבעראַשונג האָט ער אָבער דאָרטן קיינעם ניט געטראָפן אויסער דעם שמש, וועלכער האָט אים דערציילט, אַז גאַנץ קהל שטייט אין מאַרק אַרום דעם בעש"ט און הערט אויס די מעשיות זיינע.

האָט דאַן דער „בעל התולדות" בעזאָגט צו זיך: — „אַ ייד, וואָס באַזיצט אַזאַ גרויסן כח, אַ גאַנצע עדה יידן זאָל צוליב זיינע משלים און מעשהלעך אין זייער תפילה פאַרגעסן, מוז עפּעס גרויסעס זיין אין אים".

האָט ער דאַן דעם בעש"ט צו זיך איינגעלאַדן, ער זאָל אים זיין תורה לערנען, ער, ישראל, זאָל די אוצרות זיינע, וואָס ער פאַרמאָגט, דורכקוקן און אָפּשאַצן די ווערט זייערע. און מער האָט דער בעש"ט ניט באַדאַרפט. ער האָט פאַרן בעל־התולדות אַלע זיינע רייכע אוצרות אַנטפּלעקט. און פון דאַמאָלסט אָן איז דער בעל התולדות זיינער אַן איבערגעגעבענער תלמיד געוואָרן.

דער בעש"ט איז מקיר אַ מופלג בתורה.

איז מעזשיבוזש איז געווען אַן עושר, וואָס האָט ניט געהאַלטן מיטן בעש"ט. ביי דעם עושר איז געווען אַ מלמד, אַ מופלג בתורה. דער בעש"ט האָט אים געוואָלט מקרב זיין צו זיך, וואָרום ער איז געווען אַ כלי, וואָס האָט געקאָנט מקבל זיין. האָט דער בעש"ט אַלץ געטראַכט: „ווי מאַכט מען, ער זאָל זיך ציען צו מיר?"

אַמאָל פרייטאָג צו נאַכט חלומט זיך דעם מלמד: ער גייט שפּאַצירן אין שטאָט. פּלוצלונג דערזעט ער אַ פּאַלאַץ, אַזאַ שיינעם און מיט אַזוי פיל הידושים, וואָס איז גאָרניט געמעגלעך צו באַשרייבן. ער האָט לאַנג געקוקט אויפן פּאַלאַץ און האָט זיך אַלץ ניט געקאָנט זאַט אָנקוקן אויף אים. וואָס לענגער ער איז געשטאַנען, אַלץ מער האָט ער געזען די מלאכה אין די געמעלן, אַלץ מער וווּנדער איז עס אים געווען אין זיינע אויגן.

ענדלעך האָט ער זיך מישב געווען. — „וואָס קען שוין זיין אינעווייניק אין פּאַלאַץ?" און ער האָט זיך געשטעלט ביים פענסטער און אַריינגעקוקט אינעווייניק.

האָט ער דערזען, אַז דער בעש"ט מיט זיינע לייט זיינען אַרום טיש און דער בעש"ט זאָגט תורה. האָט ער זייער געפּלאַטערט אַריינצוגיין אינעווייניק. ווי ער איז אָבער געקומען צו דער טיר, האָט אים אַ משרת אַ שטופּ געטאָן און ניט אַריינגעלאָזט. ווייל ער האָט זייער חשק געהאַט צו הערן, איז ער געקומען צום פענסטער און האָט געהערט די חידושים, וואָס דער בעש"ט האָט געזאָגט. פּלוצלונג האָט ער זיך אויפגעכאַפּט. די תורה, וואָס ער האָט געהערט, האָט ער געדענקט. עס איז זיס געווען ווי האָניק. ער האָט דאָס עטלעכע מאָל איבערגעחזרט און איז נאָכדעם ווידער אַנטשלאָפן געוואָרן.

אַז ער האָט זיך צום צווייטן מאָל אויפגעכאַפּט, האָט ער שוין די תורה פאַר־געסן, נאָר דעם חלום האָט ער געדענקט. איז ער מבולבל געוואָרן און איז געזעסן טרויעריק. האָט דער באַלעבאָס אים געפרעגט: „וואָס זיצט איר אַזוי אומעטיק? האָט זיך אייך עפּעס געחלומט? לאָזט אייך מטיב חלום זיין". דער מלמד האָט אים קיינזאַך ניט דערציילט. ער האָט אַליין געוואָלט גיין צום בעש"ט, נאָר ווייל ער האָט געזען אין חלום, אַז מע האָט אים מדחה געווען, איז ער דרום ניט געגאַנגען.

צום שלש סעודות האָט דער בעש"ט געהייסן רופן דעם מלמד. ווי דער שליח האָט געפונען די טיר און געזאָגט, אַז דער בעש"ט רופט דעם מלמד, האָט דער מלמד תּיכּף אַ שפּרונג געטאָן איבערן טיש און איז געלאָפן ווי אַ משוגענער, אָן דעם טיזליק אפילו. געקומען צום בעש"ט, האָט ער געהערט די אייגענע תורה, וואָס אים האָט זיך געח:מט. דער מלמד האָט זיך זייער געקוויקט. רופט זיך אָפּ צו אים דער בעש"ט: — וואָס איז דיר אַזאַ חידוש? ווען עס וואָלט געווען אַ נייע זאַך, וואָלכטו זיך געקענט חידושן, אָבער, אַז דו האָסט עס שוין געהערט, וואָס איז פאַר אַ חידוש?

ווי דער מלמד האָט דאָס דערהערט, האָט ער געזאָגט, אַז דער בעש"ט האָט אַ רוח הקודש.

דער מלמד האָט זיך מדבק געווען צום בעש"ט און איז געוואָרן אַ גרויסער צדיק.

דעם בעש"טס קעגנער ווערט אים אונטערטעניק.

אין דער צייט, ווען דער בעש"ט האָט אָנגעהויבן נתגלה צו ווערן, איז געווען אין דער שטאָט ... אַ רב אַ תּלמיד חכם, אַ מופלג בתורה. ער איז געווען אַ מתנגד אויף דעם בעש"ט און האָט אים תּמיד נאָכגעקוקט, כּדי צו דערגיין דעם שורש פון זיין הנהגה.

דער בעש"ט האָט זיך געהאַט אַזאַ שטייגער. ער האָט געדאַוונט מנחה בעת ס'איז נאָך געווען פיר שעה צו נאַכט און „שמונה עשרה" פון מנחה האָט ביי אים גע־דויערט לערך אַ דריי פיר שעה. געטאָן האָט ער דאָס, כּדי מעלה צו זיין נשמות און אויך אַלע עולמות. האָט דער רב אַמאָל אום ערב שבת געזען, ווי דער בעש"ט איז מאריך אין דער שמונה עשרה. האָט דאָס אים זייער פאַרדראָסן, וואָרום ער האָט זיך ניט געגלויבט, אַז אַ מענטש זאָל קענען אַזוי לאַנג שטיין אויף די פיס און מעמיק זיין אין דאַוונען.

טראַכט זיך דער רב: — „מי יודע וואָס ער טוט אַצינד, איך וועל גיין אַכטונג געבן!" איז ער צוגעגאַנגען צום בעשט, האָט אויפגעהויבן דעם טלית פון זיין פּנים און האָט אים אָנגעקוקט. אין דער רגע איז דער תּלמיד־חכם געבליבן חלשות און מע האָט אים קוים אָפּגעמינטערט. נאָכדעם איז ער קראַנק געווען דריי חדשים.

אַז ער איז געזונט געוואָרן, האָט ער דערציילט, וואָס ער האָט געזען. דער בעש"ט איז געווען אַ שיינער מענטש, זיין פּנים האָט געלויכטן. ווען ער האָט אָפּ־געדעקט דעם טלית פון זיין קאָפּ, האָט ער אויסגעזען ווי אַ טויטער, אָן אַ נשמה. די אויגן פאַרגלייסט. פון די אויגן האָבן געגאָסן טרערן און דער גאַנצער גוף איז גע־שטאַנען ווי אַ גולם אָן אַ ריר... איבער דעם האָט ער זיך אַזוי דערשראָקן און איז גע־בליבן אין חלשות. פון דעמאָלט אָן האָט ער אויף זיך מקבל געווען, ער זאָל נכנע זיין פאַרן הייליקן בעל שם טוב, ווייל ער איז געווען אַ קדוש ונורא. די עבודה, וואָס

דער בעש"ט האָט געדינט צו זיין הייליקן באַמען, איז געווען אַזוי ווונדערלעך, אַז קיין מלאכים ושרפים האָבן אים ניט געקענט משיג זיין.

ווי אַזוי ר' דוד פירקעס איז געוואָרן דעם בעש"טס אַ חסיד.

ר' דוד פירקעס איז געווען דעם בעש"טס אַ גרויסער מתנגד. אין דער אַנוועזנהייט פון די תלמידים פלעגט ער זיך שטענדיק לוסטיק מאַכן איבערן בעש"ט. איינמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז אַ יונגערמאַן האָט זיך אין ידיעת התורה געוואָלט פאַרפולקומען.

האָט אים דער בעש"ט געהייסן גיין צו ר' דוד פירקעס און דערביי אים אָנגעזאָגט, אַז טאָמער וועט ער הערן, ווי מע מאַכט חוזק פון דעם בעש"ט, זאָל ער שווייגן און גאָרניט ענטפערן.

איינמאָל האָט ר' דוד פירקעס געבעטן דעם נייעם תלמיד זיינעם, ער זאָל אים עפּעס וועגן דעם בעש"טס דרכים דערציילן. האָט אים דער תלמיד דערציילט, אַז בשעת דער בעש"ט וואַשט זיך צום עסן, האָט ער דאַמאָלסט גוואַלדיקע דביקות. און הייליק איז דאַמאָלסט דער מאָמענט און זאָגאַר די גרעסטע תלמידים פון בעש"ט האָבן ניט די זכיה דעם מאָמענט בייצוווינען. עס פאַלט דעמאָלט אָן אויף זיי אַ טיפער שלאָף. זיי ערוואַכן ערשט דאַן, ווען דער בעש"ט הייבט אָן די ברכה „המוציא" צו מאַכן.

האָט זיך דאַן ר' דוד שטאַרק אויסגעלאַכט פון דעם אַלעם. — איך וועל ניט איינשלאָפן — האָט ער געזאָגט. און ער האָט זיך איינמאָל גוט אויסגעשלאָפן און איז צום בעש"ט געקומען. דער בעש"ט האָט אים איינגעלאַדן מיט אים מיטצועסן. און ווי נאָר דער בעש"ט האָט זיך צום עסן געוואַשן, איז ר' דוד אין אַ טיפן שלאָף פאַרזונקען.

און עס האָט זיך אים געחלומט, אַז ער איז אויפן הימל אַרויף און ער הערט דאָרטן דעם בעש"ט די כוונות פון נטילת ידים זאָגן, און דער מגיד איז זיך מפלפל מיט אים און ווייזט אים אויף, אַז זיינע כוונות זייַנען ניט לויט די כוונות האר"י; ווייטער האָט ער געהערט, ווי דער בעש"ט האָט דעם מגיד אויף זיינע טענות געענטפערט: „אַז אין אונדזער שוואַכן דור וועט אויך דער האר"י מודה זיין, אַז איך בין גערעכט. עס זייַנען פאַר אונדז מיינע כוונות גענוג. מיר קענען ניט מכון זיין מער". און נאָכדעם זייַנען זיי געגאַנגען צום האר"י פרעגן און עס איז צווישן זיי אַ גוואַלדיקער פלפול פאָרגעקומען, ביז דער האר"י האָט דעם בעש"ט געמוזט נאָכגעבן.

און אין דעם מאָמענט האָט ר' דוד פון שלאָף ערוואַכט, הערנדיק דעם בעש"ט די ברכה „המוציא" מאַכן.

און באַלד נאָכדעם האָט דער מגיד, וועלכער האָט זיך דאַמאָלסט אויך צווישן די געסט געפונען, זיך אָנגעהויבן מפלפל צו זיין מיט אים, אַז די כוונות זייַנען ניט לויט די כוונות האר"י. דערויף האָט אים דער בעש"ט געענטפערט, אַז אין דיזן שוואַכן דור „וועט אויך דער האר"י מודה זיין, אַז מיר זייַנען גערעכט".

— ווי אַזוי קענט איר עס באַווייזן?

— זאָל ר' דוד פירקעס מיין עדות זיין — איז דעם בעש"טס ענטפער געווען — ער האָט ערשט אין הימל געהערט, ווי דער האר"י האָט מיט מיר מסכים געווען.

דער בעש"ט באַשטראָפט פאַר אַ פאַלשן פלפול.

אַז הרב הגאון ר' יחיאל איז געוואָרן האָראָדנער רב און איז געפאָרן פאַרנעמען דעם כסא הרבנות, איז דער בעש"ט מיט אים מיטגעפאָרן.

אַז זיי זיינען געקומען קיין האָראָדנע, האָט הרב ר' יחיאל געדרשנט די ערשטע דרשה. דאָרט איז געווען אַ גרויסער למדן, ר' מיכל. האָט ער אָנגעהויבן מיטן רב מפלפל זיין אין דער דרשה. האָט אים דער רב געבעטן, ער זאָל האַרן אויף שלוש סעודות, וועט ער אים ביי קהל פאַרענטפער'ן די קשיות אין דער דרשה.

און דאָרטן ביי קהל איז פאַרהאַנדן אַ באַזונדער שטוב, וואָס מע מאַכט דאָרט אַ גרויס שלש סעודות, אַז מע נעמט אויף אַ רב.

האָט זיך איצט צו שלוש סעודות דאָרט צונויפגעקליבן אַ גרויסע עדה חשובים. דער רבי ר' מיכל דיין האָט זיך געזעצט לעבן רב. ר' וואָלף קיצעס, וואָס איז אויך געפאָרן מיטן בעש"ט, האָט זיך געזעצט אין עק טיש.

זאָגט דער בעש"ט: — איך האָב פיינט אַן עניו, זעץ זיך דאָ מיט אונדז.

האָט דער רב אָנגעהויבן איבעררעדן די דרשה און ר' מיכל איז זיך מפלפל מיט אים. האָט זיך ר' וואָלף קיצעס אָנגערופן און מפלפל געווען מיט ר' מיכלען און האָט אים מנצח געווען. נאָר ר' מיכל האָט זיך זייער געשפאַרט מיט קרומע סברות.

האָט דער בעש"ט אָנגעהויבן בעטן: — זייט מיר ניט מבלבל דעם טיש.

זיינען זיי שטיל געבליבן.

נאָך שבת זיינען זיי געפאָרן אויף אַ ברית מילה: דער בעש"ט, הרב ר' יחיאל און ר' וואָלף קיצעס. ר' מיכל האָט זיך אויך געטראַכט צו פאָרן מיט זיי. האָט ער אָנגעהויבן ריידן בחכמות תכונה. ער האָט זיך געטראַכט: — „וועט ער אים דערצו אַריינריידן?

האָט זיך ר' וואָלף קיצעס אָנגערופן און האָט דעות געזאָגט פון חכמת התכונה, ער האָט אים געוויזן, אַז ער איז פון דעם מער חכם איידער ער.

רופט זיך אָן ר' מיכל: — „עס איז אַ חידוש, אַ חסיד זאָל דאָס קענען".

האָט דער בעש"ט דערזען, אַז דער ר' מיכל קאָן נאָך מבזה זיין ר' יחיאלן פאַרן עולם מיט זיינע פלפולים און מיט זיינע פאַלשע סברות, האָט ער אַזוי געמאַכט, אַז ר' מיכל האָט גאָר פאַרגעסן דאָס לערנען. ער עפנט דעם ספר און קאָן גאָרניט דרינען. האָט ר' מיכל געמיינט: דער קאָפ איז ניט קלאָר, ווייל ער האָט מער געטרונקען. האָט ער פאַרמאַכט דאָס ספר, געדרויכערט אַ ליולקע און געלייגט זיך שלאָפן ביז טאָג.

אינדערפרי איז ער געקומען דאַוונען. האָט ער זיך געוואָלט זעצן לערנען דעם שיעור, ווי זיין סדר איז געווען. ווי ער עפנט אָבער דאָס ספר און וויל אָנהייבן לערנען, קען ער גאָרניש דרינען. האָט ער זיך געשטויסן, אַז דאָס איז געשען, ווייל ער האָט פאַרשעמט ר' יחיאלן.

איז ער געפאָרן צום בעש"ט מיט גרויס הכנעה און האָט אים געבעטן, ער זאָל אים צוריקגעבן זיין תורה.

האָט אים דער בעש"ט געשטראָפט און געזאָגט: — השי"ת האָט געגעבן די תורה צו ישראל, מע זאָל קאָנען יענעם מנצח זיין, נאָר מיט אמת.

האָט ר׳ מיכל אויף זיך מקבל געווען, ער זאָל דאָס שוין ווייטער ניט טאָן און איז געוואָרן אַ גאַנץ ערלעכער מאַן.

דער בעש״ט ראַטעוועט זײַנעם אַ מתנגד.

אין אַ שטאָט זײַנען געווען דריי ברידער. צוויי האָבן געהאַלטן מיטן בעש״ט און איינער ניט. ווען דער בעש״ט פלעגט קומען אין דער שטאָט, ווו די ברידער האָבן געוווינט, פלעגט ער איינשטיין ביי די צוויי ברידער, וואָס האָבן מיט אים געהאַלטן, און פלעגט תמיד פרעגן, וואָס ס׳טוט דער דריטער, כאָטש יענער האָט מיט אים געקריגט.

אַמאָל איז ער אָנגעקומען אין דער שטאָט אַריין און באַלד געפרעגט בזה הלשון: —„וואָס טוט מיין מתנגד?״ דער עולם האָט געמיינט, אַז מע וועט אים אַ גוטע בשורה אָנזאָגן, ווייל ער האָט געקריגט מיט אים, און זיי זאָגן אים: — „ער איז שלאַף און ליגט ווי אַ שטיין, ער קען ניט ריידן״.

רופט זיך אָן דער בעש״ט: — „לאָם איך גיין אים מבקר חולה זיין״. און ער איז אַוועק. דאָס איז געווען פרייטאָג. געקומען אויף דער סטאַנציע, זאָגט ער צו די צוויי ברידער: — „איז דאָס געמאָלט, אַז איך זאָל דאַווענען אום שבת ביים שלאָפן?״

ענטפערן זיי אים: — ווען ער וואָלט געזונט געווען, וואָלט ער בוודאי ניט געלאָזט אייך דאַווענען ביי אים, אָבער היינט, צו ער ליגט, ווער וועט אייך ווערן?״

האָט דער בעש״ט געהייסן ברענגען אַהין אַ ספר תורה און האָט דאָרטן געדאַווענט מנחה און מעריב און שבת אינדערפרי—שחרית. שחרית האָט ער געדאַווענט זייער לאַנג—ביז נאָך האַלבן טאָג. נאָך שחרית איז ער אַרויסגעקומען פון חדר, ווו ער האָט געדאַווענט, אין הויז אַריין אָפּקילן זיך.

האָט ער דערהערט אין שטוב אַ געוויין און אַ געשריי: דער חולה איז גוסס. האָט דער בעש״ט געזאָגט צו זיינע לייט: — „לאָמיר מבקר חולה זיין״. זיינען זיי געגאַנגען מיט אים. דער בעש״ט איז אַריינגעקומען און זיך געזעצט לעבן חולה, פרעגט ער דעם חולה: — „האָסטו געלערנט גמרא?״

ענטפערט אים ניט דער חולה.

האָט אים דער בעש״ט עטלעכע מאָל געפרעגט און דער חולה האָט אַלץ ניט געענטפערט. האָט דער בעש״ט אויף אים אַ געשריי געטאָן. — „ווי האָסטו קיין דרך ארץ ניט! וויפיל מאָל פרעג איך דיר און דו ענטפערסט ניט!״

האָט דער חולה אים געענטפערט: — יאָ, איך האָב געלערנט גמרא.

פרעגט אים דער בעש״ט: — אין אַ מסכת שטייט, אַז איין תנא האָט געפרעגט דעם אַנדערן, אַז ער איז שלאַף געווען: אויב עס איז אויף דיר געליבט „יסורים?״

ענטפערט דער חולה: — עס שטייט אין ברכות.

פרעגט דער בעש״ט: — וואָס האָט דער תנא דעם חולה געענטפערט?

זאָגט דער חולה: — ער האָט געענטפערט: — „איך וויל ניט די יסורים, ניט זייער שכר״.

זאָגט דער בעש״ט צום חולה: — גיב מיר דיין האַנט.

האָט ער אים געגעבן.

האָט אים דער בעש"ט אָנגענומען ביי דער האַנט און אים אויפגעזעצט. דערנאָך האָט ער אים געהייסן אַראָפּלאָזן די פוס פון בעט אַראָפּ. האָט ער אַזוי געטאָן. דאַן האָט ער אים געהייסן, ער זאָל זיך ביסלעכווייז אָנטאָן און זאָל זיך וואַשן. האָט ער אַזוי געטאָן. דערנאָך — ער זאָל גיין מיט אים אויפן אָרט, ווו מע דאַוונט. איז ער געגאַנגען און האָט געדאַוונט מוסף און איז בעז"ה גאָר געזונט געוואָרן.

די בעקאַנטשאַפט נאָכן בעש"ט.

הרב הגדול החסיד אב"ד מק"ק פולנאי איז פריער געווען בק"ק שאַריגראָד. האָט ער אַמאָל געהערט, אַז דער בעש"ט איז אין מאָהלעוו. כאָטש ער האָט ניט געהאַלטן פון בעש"ט, האָט ער זיך דאָך מיישב געווען: — היינט וועל איך פאָרט צופאָרן צו אים. לאָם איך זען, וואָס ס'טוט זיך מיט אים.

איז ער געקומען צום בעש"ט פרייטאָג פרי, פאַרן דאַוונען. האָט ער דערזען, אַז דער בעש"ט רויכערט אַ לולקע. איז אים אַ תמיה געווען, וואָס ער רויכערט אין דער צייט, ווען מע האָט זיך געשטעלט דאַוונען. האָט זיך דער רב שטאַרק פונאַנדערגעווייזט אַזוי, אַז ער האָט נאָך קיינמאָל אַזוי ניט געווייגט. האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס געוויין איז ניט פון זיך זעלבערט, נאָר דער בעש"ט האָט דאָס אים דערוועקט דאָס האַרץ.

פון דענסטמאָל אָן איז זיין האַרץ נתקרב געוואָרן צום בעש"ט. נאָר דער בעש"ט איז באַלד צוועקגעפאָרן לא"י. האָט דער רב זייער געבענקט נאָך אים. אַז דער בעש"ט איז צוריקגעקומען פון מיטן וועג, האָט הרב הנ"ל אָנגעהויבן צו פאָרן צו אים. אָפט פלעגט ער ביי אים זיצן אַ צייט און דער בעש"ט האָט זיין נשמה מעלה געווען, ביז ער איז געוואָרן אַ גרויסער צדיק.

דער בעש"ט און ר' מאיר מרגלית.

נאָכדעם ווי דער נאָמען פון בעש"ט איז שוין איבער דער גאַנצער יידישער וועלט נתפרסם געוואָרן, האָט זיך איינמאָל דער בעשט צו זיין באַליבטן תלמיד ר' מאיר מרגלית אָנגערופן: — "מאירל, געדענקסטו אָט יענעם שבת, ווען דו האָסט חומש אָנגעהויבן צו לערנען. דיין פאָטערס הויז איז דאַמאָלסט פול און פול מיט מענטשן געווען, און אַלע האָבן דאַן מויל און אויערן אָנגעשטעלט, זיי זאָלן קענען אַלעס פון דיין דרשה הערן. געדעקסטו מאירל, וואָס האָט פלוצלונג געטראָפן דאַמאָלסט?"

און ר' מאירל האָט געענטפערט: — "אַודאי, רבי, געדענק איך, איך געדענק אַלעס. עס שטייט מיר אַלעס ווי לעבעדיק פאַר די אויגן. מיין מוטער איז פלוצלונג אין שטוב אַריינגעלאָפן און האָט מיר אינמיטן דער דרשה פון טיש אַ כאַפּ געטאָן. האָט זיך דער פאָטער מיינער צו איר אָנגערופן: — "וואָס נעמסטו דאָס קינד אינמיטן דער דרשה אַוועק? אשה, פאַרוואָס ביסטו אים פון דער תורה מבטל?" האָט אים די מאַמע מיינע געענטפערט: — "איך זע דאָרטן איינעם אַ מאַן אין אַ פעלץ אָנגעטאָן—ער שטייט און "ראַטשעט" מיר צופיל די אויגן אויפן קינד". די מוטער מיינע האָט זיך דערשראָקן, דיזער מאַן זאָל מיר מיט זיין אויג קיין שלעכטס ניט טאָן. וואָרום

איך בין זייער א שיין קינד געווען. זי האט פאר עין־הרע מורא געהאט״.

דאן האט זיך דער בעש״ט צו איט אנגערופן: — „דאס בין איך עס דער מאן אין פעלץ געווען. א גרויסע, גרויסע ליכט האב איך קוקנדיק אויף דיר דאמאלסט משפיע געווען אויף דיר. א שאד, וואס די מוטער דיינע האט דיך אוועקגעכאפט דאמאלסט אינמיטן דער דרשה. ווען זי וואלט דיך ניט געווען אינמיטן דער דרשה אוועקגענומען, וואלט איך אויף דיר נאך א פיל, פיל גרעסערע ליכט דאמאלסט משפיע געווען.

דער מגיד ר׳ בער ווערט דעם בעש״טס א חסיד. (א

דער רבי ר׳ בער איז א למדן מופלג און א גרויסער מקובל געווען. איז ער געפארן צום בעש״ט אים אויספרווון. ווען ער איז געקומען צו אים, האט ער גע־דענקט, אז ער וועט עפעס גוואלדיקע תורה פון אים הערן. באלד אבער, ווי ער איז באר צום בעש״ט אריינגעגאנגען, האט אים יענער דערציילט א מעשה, ווי אזוי ער אי אמאל געפארן פילע טעג אין וועג און האט שוין מער ניט געהאט קיין ברויט צו געבן דעם „ערל״ זיינעם, דעם בעל עגלה. האט ער זיך אנגעשלאגן אויף אן ארעמען גוי, וואס האט געטראגן א זאק מיט ברויט. האט ער ביי אים דעם ברויט אוועקגען קויפט, כדי ער זאל האבן וואס צו געבן דעם ערל זיינעם.

דעם צווייטן טאג האט אים דער בעש״ט דערציילט, ווי אזוי שפעטער, ווען ער איז ווייטער געפארן, האט ער שוין אויך קיין היי ניט געהאט פאר די פערד. האט ער זיך ווידער אנגעשלאגן אויף א גוי, וואס האט א זאק מיט היי געהאט. האט ער פון אים די היי אוועקגעקויפט און די פערד עס אוועקגעגעבן.

די אלע מעשיות מיטן גוי און מיטן ברויט האבן דעם מגיד פון געדולד ארויסגעבראכט און ער האט שוין צוגעגרייט די פערד זיינע אהיים צו פארן. פונקט דאמאלסט אבער, ווען ער איז שוין פארטיק געווען צו פארן, האט אים דער בעש״ט געשיקט רופן.

און ווען ער איז צום בעש״ט אריינגעגאנגען, האט אים דער בעש״ט געפרעגט:

— קענסטו לערנען?

האט אים דער מגיד געענטפערט: — „יא״.

האט דער בעל שם גענומען דעם ספר „עץ חיים״ און האט אים געהייסן דערקלערן דארט א געוויסן מאמר. געטראכט א ווילע, האט ר׳ בער געזאגט דעם פשט. האט אים דערויף דער בעל שם געענטפערט: — „דו ווייסט גארנישט״ ר׳ בער האט נאכאמאל זיך איינגעטראכט אין דער שטעלע און האט זיך אנגערופן צום בעש״ט: — דער אמתער פשט איז אזוי ווי איך האב געזאגט. אויב מעלתו ווייס אן אנדער פשט, זאל ער מיר זאגן, וועל איך הערן און וויסן, מיט וועמען דער אמת איז. האט צו אים דאן דער בעש״ט געזאגט: — שטעל זיך אויף דיינע פיס!

האט ער זיך אויפגעשטעלט.

און אין אט יענעם מאמר זיינען געווען ווייס איך וויפיל שמות פון מלאכים.

און ווי נאר דער בעש„ט האט אנגעהויבן דעם מאמר צו זאגן, איז דאס גאנצע הויז איבערפילט געווארן מיט ליכט און א פייער האט ארום און ארום געברענט און זיי האבן די מלאכים בחוש געזען.

און דער בעש"ט האָט זיך נאָכדעם אָנגערופן צו אים: — אמת, אַז דער פּשט איז, ווי דו האָסט געזאָגט; דיין לערנען איז אָבער פון אַ נשמה געווען.

און דאַן איז ר' בער דעם בעש"טס אַ חסיד געוואָרן און איז שוין ביי אים געבליבן.

דער מגיד ר' בער ווערט דעם בעש"טס אַ חסיד. (ב)

ר' בער איז אַ גרויסער מקובל געווען, אַ גרויסער אָנהענגער פון קבלת האר"י. ער פלעגט פאַסטן הפסקות פון שבת צו שבת זיבן, אַכט מאָל כסדר. איז ער דערפון קראַנק געוואָרן. האָבן די קרובים זיינע אים געצוואונגען, ער זאָל צום בעש"ט פאָרן זיך היילן. איז ער געקומען צום בעש"ט און געטראָפן אים זיצן אויפן בעט און אַריינקוקן אין אַ ספר. האָט אים ר' בער געבעטן, ער זאָל אים היילן. האָט אויף אים דער בעש"ט אָנגעשריען פריער. נאָכדעם האָט אים דער בעש"ט געדונגען אַ דירה, געגעבן אים צוועלף גילדן אַ וואָך אויף הוצאות און די גאַנצע צייט געהיילט, ביז וואַנען ר' בער האָט זיך אַלץ מער און מער געבעסערט.

איינמאָל אין אַ פרימאָרגן איז דער מגיד גאַנצע פיר שעה אין חלשות געלעגן. ווען ער איז אַ ביסל צו זיך געקומען, האָט ער דערציילט: „פריער מיט אַ נאַכט, אַרום צוועלף אַ זייגער, האָט דער בעש"ט נאָך מיר געשיקט. ווען איך בין געקומען צו אים, האָב איך אים געטראָפן מיט אַ קליין קישעלע אויפן קאָפּ און אָנגעטאָן אין אַ שאָפּע-בער פעל, אויף דער לינקער זייט איבערגעקערט. ער האָט מיך געפרעגט, צי איך האָב ווען חכמת הקבלה געלערנט. האָב איך געזאָגט: „יאָ". און אויפן טיש איז אַ ספר געלעגן. האָט ער מיר געהייסן, איך זאָל פאַר אים עפּעס אין דיזן ספר זאָגן. און דער ספר איז פון קורצע מאמרים באַשטאַנען, און יעדער מאמר האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער שורה „אמר ר"י סח לי מט"ט שר הפנים"; האָב איך פאַר אים אַן עמוד אָדער אַ האַלבן אָפּגעזאָגט. האָט ער זיך דאַן אָנגערופן צו מיר: — „ניין, ניט אַזוי, אָט וועל איך פאַר דיר זאָגן". און ער האָט אָנגעהויבן פאַרזאָגן פאַר מיר. דערווייל האָט ער אויפגעציטערט און זיך אויפשטעלנדיק זיך אָנגערופן: — מיר זיינען עוסק „אין מעשה המרכבה" און איך זיץ גאָר!" און ער האָט ווייטער געזאָגט שטייענדיק. און אָט אַזוי זאָגנדיק האָט ער מיך אין בעט אַזוי ווי אַן עיגול אַוועקגעלייגט, און איך האָב אים שוין מער ניט געזען. איך האָב נאָר דונערן געהערט און בליצן געזען און עס האָט אַזוי אַן ערך פון צוויי שעה אָנגעהאַלטן. איך האָב מיך זייער געשראָקן און בין פון דיזן שרעק אין חלשות געפאַלן".

און ווען דער מגיד איז נאָך זיין ערשטן וויזיט אַהיים געפאָרן, האָט אים דער בעש"ט געבענטשט און נאָכדעם האָט ער אַליין זיין קאָפּ איינגעבויגן, דער מגיד זאָל אים בענטשן. האָט דער מגיד ניט געוואָלט.

האָט דער בעש"ט גענומען די האַנט זיינע און זי צו זיך אויפן קאָפּ אַרויפגעלייגט און דאַן ערשט האָט אים דער מגיד געבענטשט.

דער רבי האָט פאַר דעם תלמיד זיין קאָפּ געבויגן. גלייך ביים ערשטן וויזיט האָט אים שוין דער בעש"ט געוויזן, אַז ער קוקט אויף אים ווי אויף אַ ממלא מקומו.

געטאָן פּאַרקערט ווי דער בעש"ט האָט געזאָגט.

איינמאָל האָט דער בעש"ט שבת געהאַלטן אין קאָריסטישעוו. האָט דער דאָר־טיקער שטאָט־מגיד ר' הירש, וועלכער איז איבער דער גאַנצער געגנט באַרימט גע־ווען, ניט געוואָלט זיך זען מיט אים, וואָרום ער איז אַ גרויסער קעגנער פון בעש"ט געוועזן. פלוצלונג איז זיין טאָכטער געפערלעך קראַנק געוואָרן. איז צו אים די פרוי זיינע שטאַרק צוגעשטאַנען, ער זאָל גיין צום בעש"ט סגולות ביי אים נעמען. קעגן זיין ווילן איז ר' הירש צום בעש"ט אַוועקגעגאַנגען און האָט אים וועגן זיין טאָכטערס קראַנקייט דערציילט. האָט אים דער בעש"ט די פאָלגנדע סגולה געגעבן: ער זאָל איבערן בעט פון זיין טאָכטער אַ שוואַרצע הון צערייסן און אָפּקאָכן זי און געבן איר אַ ביסל הייסע זופּ.

ר' הירש האָט זייער ווייניק אמונה געהאַט אין דער סגולה און זי איז אים דערצו נאָך זייער דערווידער געווען.

ער האָט דעריבער באַשלאָסן דעם בעש"ט אַ שפּיצל אָפּטאָן, דורך וועלכן דער צדיק זאָל לעכערלעך ווערן.

קומענדיק אַהיים, האָט ער געזאָגט צו זיין פרוי, אַז דער בעש"ט האָט אים גע־הייסן פאָלגנדעס טאָן: צונויפנעמען אַלע זיינע תלמידים און אָפּלערנען צוזאַמען אַ קליינע „מסכתא" און פאַר דער סעודה פון סיום זאָל זי צוגרייטן אַ ווייסע הון אַ גע־קוילעטע און זאָל געבן דעם חולה אַ ביסל זופּ, וועט די טאָכטער געזונט ווערן.

די פרוי האָט אַלץ געטאָן, ווי דער מאַן האָט איר געהייסן, און די טאָכטער איז ווירקלעך געזונט געוואָרן.

איז ר' הירש גלאָפן שנעל אָנזאָגן די גוטע בשורה דעם בעש"ט און ער האָט זיך געריכט אויף אַ שיין ביסל שפּאַס.

ווי ער האָט אָבער נאָר די שוועל איבערגעטרעטן,האָט זיך דער בעש"ט אָנגערופן צו אים: — „איך ווייס, איך ווייס, אַז דו האָסט געטאָן פונקט פאַרקערט, ווי איך האָב דיר געהייסן, גלויב מיר, אַז דו האָסט זיך דורך דעם אין אַ גרויסער געפאַר געשטעלט. דו האָסט דיין טאָכטער שיר ניט פאַרשפּילט. נאָר דער גרויסער זכות פון דיין תורה האָט אויף דיר מגין געווען און האָט דאָס לעבן פון דיין טאָכטער געראַטעוועט.

ר' הירש האָט דאַן דעם גרויסן כח פון בעש"ט דערזען און איז פון דאַן אָן זיין היי־סער חסיד געוואָרן.

ר' יחיאל קאָוולער ווערט דעם בעש"טס אַ חסיד.

הרב החסיד ר' יחיאל, אַז ער איז געווען בק"ק קאָוולע און איז געוואָרן אַרענדאַר, האָט ער געשיקט צום בעש"ט אַ למדן, ער זאָל חוקר ודורש זיין, אויב עס איז אַ ממשות דאָ אין בעש"ט. אונטערוועגנס איז דער שליח קראַנק געוואָרן און איז געקומען אין מעזשיבוזש אין אַ האַרבעריג און זיך געלייגט פאַרן אויוון, וואָרום ער האָט געהאַט גרויסע היץ. האָט דער בעש"ט געשיקט צו אים זיין שוואָגער ר' גרשון. איז ר' גרשון געקומען צו אים, האָט זיך געזעצט לעבן אים ביים אויוון און געזאָגט צו אים: — „שטיי אויף און גיי מיט מיר דאַוונען מנחה". האָט ער אים געפאָלגט. טער האָט געמיינט, עס איז דער בעש"ט. ווי ער האָט אָנגעהויבן צו גיין אַ ביסל, האָ

ער געפילט אין זיך, אַז ער ווערט געזונט. האָט ער ר׳ גרשונען געפרעגט:
— איר זייט דער בעש״ט?

ענטפערט אים ר׳ גרשון: — איך וואָלט מיר געוווּנטשן, איך זאָל האָבן דעם עולם־הבא, וואָס אונדזער רבי פאַרדינט, אַז ער רוּיכערט די לוּלקע.

האָט שוין דער למדן פאַרשטאַנען, וואָס דער בעש״ט איז, ווען זיין שליח האָט אַזוי פיל געפועלט מיט זיינע דבורים. ער איז געקומען להרב ר׳ יחיאל און האָט דאָס אים דערציילט. האָט דאַן ר׳ יחיאל אָנגעהויבן צו פאָרן צום בעש״ט און איז מיט אים זייער בתקרב געוואָרן.

דער בעש״ט און דער קריוויטשער.

אַמאָל איז דער בעש״ט געקומען קיין קריוויטש. דאָרט איז דאַמאָלסט געזעסן על כסא הרבנות אַ באַוווּסטער ר׳ אבא. ווען דער בעש״ט איז אָנגעקומען אין שטאָט אַריין, איז דער רב גראָד געזעסן מיט זיינעם אַ מחותן און זיך מפלפל געווען אין משנה. זיי האָבן זיך פאַרזאַמט און זיינען גיט געגאַנגען מקבל פנים זיין דעם בעש״ט.

אַריינגעקומען צום רב, האָט דער בעש״ט דערזען, ווי זיי זיינען זיך עפּעס מפלפל. פרעגט ער זיי: — „אין וואָס זייט איר זיך מפלפל?„ האָבן זיי אים געוויזן גאָר אַן אַנדער משנה. זאָגט ער צו זיי: „איך ווייס ווויל, אַז איר האָט זיך מפלפל געווען אין אַן אַנדער משנה, אָבער אין דער משנה, וואָס איר האָט מיר געוויזן אויף געשפּעט, ווייס איך אויך אַ גרויסע קשיה קשה״. און ער האָט זיי געזאָגט דעם פשט פון דער משנה און איז אַוועקגעפאָרן. אַז ער איז שוין געווען ווייט פון זיי, האָבן זיי זיך מישב געווען: „מיר האָבן דאָך אין אים גאָרניט נוהג כבוד געווען, מיר מוזן אים נאָכפאָרן און ביי אים מחילה בעטן״. זיינען זיי אים נאָכגעפאָרן און געטראָפן פאַר אַ מייל. זיי זיינען געווען ביי אים אַ צייט און דערזען זיין גרויסקייט. פון דענסטמאָל אָן איז דער קריוויטשער געפאָרן צום בעש״ט אַלע חודש.

דער פּולנער רב ווערט דעם בעש״טס אַ חסיד.

הרב המוכיח דק״ק פולנאי איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געמאַכט דעם פולנער רב פאַר אַ חסיד פון בעש״ט. די מעשה איז אַזוי געווען. הרב מפולנאי איז געווען אַ רב אין שאַריגראָד. איז דער מוכיח אַמאָל געקומען לק״ק שאַריגראָד אויף שבת. האָט דער רב פאַרבעטן דעם מוכיח אויף שבת. האָט הרב המוכיח געבעטן דעם רב, ער זאָל אים געבן רשות צו מאַכן אַ מנין אינדערהיים. האָט אים דער רב רשות געגעבן און איז אַליין אַוועק אין שול.

שבת ביי טאָג האָט הרב מוכיח געדאַרפט דרשענען אין שול. האָט ער געבעטן דעם רב, ער זאָל אויך גיין צו דער דרשה. האָט אים המוכיח איינגעשטעלט אין דער גאַנצער דרשה. האָט דער רב געזאָגט אויפן מוכיח: ניט אַנדערש, ער איז אַ נביא, וואָרום פון וואַנען ווייס ער מיין מחשבה, ווי ער האָט מיך געשטעלט אין דער דרשה? פון דאַמאָלסט אָן האָט זיך דער רב מדבק געווען צום מוכיח. ער האָט געמאַכט אַ גרויסן שלש סעודות און האָט אויך פאַרבעטן קהל.

דעם עולם איז דאָס אַ גרויס חידוש געווען, וואָרום זיי האָבן געוווּסט, אַז ער איז ניט קיין חסיד.

נאָכדעם, אַז דער רב איז געוואָרן אַ גרויסער חסיד, האָט די שטאָט שאַריגראָד אָנגעהויבן קריגן מיט אים. די מחלוקת איז אַלע מאָל גרעסער געוואָרן און לסוף האָט מען דעם רב אַרויסגעטריבן פון שטאָט. ס'איז געווען ערב שבת און דער רב האָט געמוזט שבת האַלטן אין אַ דאָרף.

דער בעש"ט איז דאַמאָלסט געווען אין וועג, ניט ווייט פון דעם דאָרף, ווו דער רב האָט שבת געהאַלטן. האָט ער געזאָגט צו זיינע מענטשן: — „לאָמיר פאָרן אין דאָרף אַריין שבת האַלטן, וועלן מיר אים דאָס הארץ אויסריידן, ער זאָל קיין צער ניט האָבן".

דער מוכיח איז אויך געווען מיטן בעש"ט. האָט ער געזען, אַז דער רב האָט צער אום שבת, האָט ער אים געזאָגט: — „זיי דיך ניט מצער. איך האָב געהערט אַ כרוז מן השמים, וואָס מע האָט אויסגערופן, אַז איינער פון דיינע קריגער וועט גע־הרגעט ווערן און איינער וועט שטאַרבן אין וועג און די שטאָט וועט פאַר־ברענט ווערן".

אַז דער בעש"ט האָט דאָס דערהערט, האָט ער אַ געשריי געטאָן אויפן מוכיח און האָט געזאָגט מיט דעם לשון: — „דו הערסט שוין אויך כרוזן פון הימל?"

איז דער מוכיח שטיל געוואָרן.

הרב איז געפאָרן אין דער שטאָט ראַשקאָוו און איז דאָרט געוואָרן רב. דאָרט האָט ער גרויס תשובה געטאָן. ער איז געווען אַן עושר פון זעכציק טויזנט קערבלעך. האָט ער צעטיילט דאָס געלט און איז געוואָרן אַן אָרעמאַן.

דער בעש"ט שליסט שלום מיטן מוהר"ן

ר' נחמן האָט זיך איינמאָל אָנגערופן צום בעש"ט: — „ישראל, איז דאָס אמת, וואָס דו זאָגסט, אַז דו ווייסט די געדאַנקען פון די מענטשן?"

— „יאָ — האָט אים דער בעש"ט געענטפערט.

— טאָ זאָג זשע מיר, וועגן וואָס טראַכט איך איצט? — האָט זיך דאַן צו אים ר' נחמן אָנגערופן.

— אויב דו וועסט צונויפנעמען דיין געדאַנק אויף איין זאַך, וועל איך דאָן וויסן — האָט דער בעש"ט געענטפערט.

האָט ר' נחמן אַזוי געטאָן.

האָט דער בעש"ט זיך דאַן צו אים אָנגערופן: — דו האָסט איצט דעם שם „הויה" ביי דיר אין געדאַנק.

זאָגט צו אים דאַן דער מהר"ן: — „וואָס איז דער וווּנדער, וואָס דו האָסט געטראָפן, איך באַדאַרף דאָך שטענדיק וועגן גאָט טראַכטן".

— „יאָ — האָט אים דער בעל שם געענטפערט - וויפיל אַנדערע שמות זיינען אָבער פאַראַן? דו וואָלסט דאָך אַוועקגעקענט געווען איינעם פון די אַנדערע אויסקלייבן.

האָט דאַן דער מהר"ן גערעכט געגעבן דעם בעש"ט און נאָכדעם האָבן זיי אין געשפרעך פאַרבראַכט. און פון דאַן אָן זיינען זיי גרויסע ידידים און אוהבים פאַרבליבן.

געוואָלט אַריינלייגן דעם בעש"ט אין חרם.

דער „נודע ביהודה" און ר' חיים סאַנצער האָבן געשריבן צום גאון ר' חיים בנימין הכהן ראַפּאָפּאָרט, אַז ער זאָל צו אַ באַשטימטן טאָג קומען קיין בראָד, ווען זיי דריי מיט נאָך אייניקע גדולים פון דער גרויסער קלויז דק"ק בראָד אַריינוואַרפן דעם בעש"ט אין חרם.

האָט דער בעש"ט דאָס אַלעס דערפילט, האָט ער זיך פאַרשטעלט אַלס אָרעמאַן און זיך אויך אַהין אַוועקגעלאָזט. אויפן וועג האָט ער באַגעגנט ר' חיים בנימינען. האָט דער בעש"ט זיין וואָגן אָפּגעשטעלט און געבעטן דעם גאון, ער זאָל אים מיט זיך נעמען. דער רב האָט אים ערלויבט זיך אַוועקזעצן. דער בעש"ט האָט באַלד אָנגע־הויבן צו ריידן מיטן רב וועגן פאַרשיידענע נאַרישע זאַכן. דורכדעם האָט ער ביי ר' חיימען אין די אויגן אויסגעזען ווי אַ משוגענער און יענער האָט אים אין די אויגן אויסגעלאַכט.

האָט דער בעש"ט זיך אָנגערופן צו אים: — „וואָס לאַכט איר? די חז"ל האָבן דאָך געזאָגט, אַז אייער האָט אַ טעות אין „אתה חונן", זאָל ער אַ גאַנצע וואָך פאַרזאָרגט אַרומגיין".

איז דער גאון זייער איבערראַשט געוואָרן. דער בעש"ט האָט אים צוגעטראָפן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז מוצאי שבת האָט ער זיך ווירקלעך ביי דער מעריב־שמונה־עשרה אין דער ברכה „אתה חונן" טועה געווען.

האָט זיך דער רב דאַן אָנגערופן צו אים: — „זאָג דעם אמת, ווער ביסטו?"

האָט אים דער בעש"ט געענטפערט: — „איך בין דער, צוליב וועמען דער רב איז זיך אומזיסט און אומנישט מטריח, מעלת כבודו זאָל וויסן זיין, אַז איך בין ניט קיין בטלן, איך בין אַ יודע נסתרות. אונדזערע חסידישע וועגן זיינען פאַרהוילן פון אייך. מעלת כבודו זאָל זען, אייערע לייט זאָלן זיך אַהיים צופאָרן. וואָרום מעלת כבודו וועט חס ושלום חרטה האָבן: עס וועט ניט מיר און ניט אייך דערפון אַ טובה אַרויסקומען.

און אַזוי איז עס טאַקע געווען.

ר' חיים איז געקומען קיין בראָד און האָט די פאַרזאַמלטע רבנים ניט געלאָזט אויספירן דעם געדאַנק, וואָס זיי האָבן פאַרטראַכט.

בטחון.

מע האָט אַמאָל באַפוילן מן השמים דעם בעש"ט הקדוש, ער זאָל פאָרן אין אַ דאָרף צו דעם מוכסן, וואָס האַלט די אַרענדע, און זאָל זען, ווי גרויס דעם מוכסנס בטחון איז אין השי"ת, בכדי דער בעש"ט זאָל קענען ציין זיינע לייט זיך אָפּלערנען אַ מוסר דערפון.

דער בעש"ט האָט גענומען אַלע תלמידים מיט זיך און איז געפאָרן אין דעם דאָרף.

דער אַרענדאַר איז געווען אַ פיינער מענטש, אַן אַלטער מאַן. ער האָט זיי שיין אויפגענומען, האָט געמאַכט פון זייערטוועגן אַ פיינעם מאָלצייט און זיי האָבן ביי אים געגעסן. ויהי — אויף מאָרגן פרי האָט זיך דער בעש"ט מיט זיינע תלמידים געשטעלט דאַווענען. אינדעם איז אָנגעקומען אַ קאָזאַק פון דעם פּריץ. דער קאָזאַק האָט

געהאַלטן אַ גרויסע בייטש. ער האָט מיט איר דריי מאָל אָנגעקלאַפּט אויפן טיש און איז אַוועקגעגאַנגען.

קייגער האָט אים קיין וואָרט ניט געזאָגט. די אורחים האָבן גאָרניט געוווסט, וואָס דאָס באַטייט. דער באַלעבאָס איז געווען גאַנץ פריילעך. מע האָט פון אים קיין שום מינע ניט געזען.

נאָר וואָס זיי האָבן אָפּגעדאַוונט, איז ווייטער געקומען דער אייגענער און האָט ווייטער אָנגעקלאַפּט אויפן טיש.

פרעגט דער בעש"ט דעם באַלעבאָס: — „וואָס באַטייט דאָס?"

ענטפערט ער אים: — אַזוי איז דער שטייגער, ווען איך דאַרף צאָלן אַ ראַטע פאַרן דאָרף, קומט ער אָנזאָגן מיטן קלאַפּן. און אַזוי טוט ער דריי מאָל, און ווען נאָך די דריי מאָל טראָגט מען ניט אַריין קיין ראַטע, נעמט דער פּריץ דאָס גאַנצע הויזגעזינט אין תּפיסה.

זאָגט דער בעש"ט צו אים: — עס ווייזט מיר אויס, אַז דו האָסט דאָס געלט אָפּצוטראָגן, לכן גיי תּיכף אָפּטראָגן דאָס געלט און מיר וועלן וואַרטן אויף דיר מיטן עסן.

זאָגט דער באַלעבאָס: — „גלויבט מיר, איך האָב נאָך ניט אַ פּרוטה. נאָר איך זאָרג ניט. השי"ת וועט מיר בוודאי באַשערן. מיר וועלן גיין עסן און וועלן זיך ניט איילן. איך האָב נאָך דריי שעה צייט, השי"ת וועט מיר בוודאי העלפן".

האָט מען זיך געזעצט עסן.

דער באַלעבאָס האָט זיך ניט געאיילט און זיך נוהג געווען ווי געוויינטלעך.

ביי אַלעמען איז דאָס געווען אַ חידוש.

אינדעם קומט ווידער אָן דער קאָזאַק און גיט מיט כּעס דריי קלעפּ איבערן טיש און גייט אַוועק. דער באַלעבאָס גיט זיך אָבער אַלץ ניט קיין ריר פון זיין אָרט. ער הייסט ווייטער אויפגעבן עסן. ערשט נאָכן בענטשן טוט ער אָן בגדי שבת און זאָגט: — מע דאַרף גיין אָפּטראָגן אין הויף אַריין אַ ראַטע.

פרעגט אים דער בעש"ט נאָכאַמאָל: — „דו האָסט שוין געלט?"

זאָגט ער: — איך האָב נאָך ניט קיין פּרוטה, נאָר השי"ת וועט מיר באַלד באַשערן. איך גיי שוין צום אָדון.

האָבן זיך אַלע נאָך מער געוווּנדערט. דער בעש"ט מיט די תּלמידים זיינען אַרויסגעגאַנגען אויפן גאַניק קוקן פונדערווייטן, וואָס ס'וועט זיך טאָן מיט אים. זעען זיי: ער גייט אויפן וועג, וואָס צום הויף. אינדעם פאָרט אָן קעגן אים אַ בויד און ער שטעלט זיך אָפּ לעבן וואָגן. אַ ווייל'ע שמועסט ער מיט עמיצן, נאָר קיין געלט זעט מען אים ניט נעמען. באַלד איז ער אַוועקגעגאַנגען און די פור איז געפאָרן צו דער קרעטשמע. עס האָט אָבער ניט פיל געדויערט, זיי זעען, ווי פון דער פור האָט מען דעם קרעטשמער צוריקגערופן. איצט האָבן זיי שוין געזען, ווי מע האָט געציילט געלט. דער קרעטשמער האָט צוגענומען דאָס געלט און איז געגאַנגען אין הויף אַריין.

אַז די פור איז צוגעפאָרן צו דער קרעטשמע, פרעגט דער בעש"ט ביים סוחר: — וואָס האָט איר דאָס גערעדט מיטן קרעטשמער?

זאָגט דער סוחר: — „איך האָב ביי אים געקויפט בראָנפן, וועלכן ער דאַרף מיר אויסטרייבן. מיר האָבן זיך ניט געקאָנט אויסגלייכן אין מקח. ער האָט געוואָלט מיט עטלעכע קרייצער טייערער אויפן עמער, איך האָב אים ניט געוואָלט געבן. האָב איך אים געלאָזט אַוועקגיין. ווען איך האָב אָבער געזען, אַז ער קומט ניט צוריק, האָב

איך אים געמוזט געבן, וויפיל ער האָט געוואָלט און אָפּגעציילט געלט אַפּריער, ווייל איך ווייס, אַז ער איז אַן ערלעכער מאַן".

— נון — האָט געזאָגט דער בעש"ט צו די תלמידים: — היינט זעט, ווי גרויס עס איז די מדה פון בטחון, ווי הש"י העלפט גאָר אָן דאגה אין דערזעלבער צייט, וואָס מע באַדאַרף, ווען מע שטאַרקט זיך אין בטחון אין השי"ת.

דער גלגול פון אַ מענטשן.

אין מעזשיבוזש, ווו דער בעש"ט איז געזעסן, איז געווען אַ גרויסער תלמיד חכם, וואָס איז געזעסן יום ולילה און געלערנט. ער איז געווען זייער אָרעם און האָט זיך געלאָזט באַנוגענען פון דעם, וואָס מענטשן האָבן זיך מרחם געווען אויף אים. דערפון האָט ער זיך מפרנס געווען מיטן גאַנצן בני בית. זיין ווייב איז געווען אַ גרויסע צדיקת. זי האָט אים קיינמאָל ניט געזאָגט, ער זאָל געבן פרנסה, ווייל זי האָט ניט געוואָלט אים מבטל זיין פון תורה. אַז די קינדער זיינען דערוואַקסן געוואָרן, איז דאָס ווייב געקומען צו אים און געזאָגט: — "אמת, מיר לעבן אין בטחון, זיין היילקער נאָמען וועט אונדז העלפן. וואָס טוט מען אָבער, אַז די קינדער זיינען שוין גרויס און די טעכטער מוז מען חתונה־מאַכן. עס איז דאָך ניט שיין צו לאָזן אומגיין טעכטער אין די יאָרן".

זאָגט צו איר דער מאַן: — "וואָס קאָן איך טאָן? זיין היילקער נאָמען האָט נאָך נישט געשיקט די הילף".

זאָגט זי צו אים: — פאָלג מיך, מיין מאַן, אין שטאָט איז פאַראַן דער היי־ליקער בעש"ט. פיל מענטשן זיינען דורך אים געהאָלפן געוואָרן. פון דער גאַנ־צער וועלט פאָרט מען צו אים. מיר זיינען אין איין שטאָט — פאַרוואָס זאָלסטו ניט גיין צו אים? לייג אַוועק דיין התנגדות און בייג דיך צו אים צו, וועסטו אויך גע־האָלפן ווערן".

דער תלמיד חכם, כאָטש ער איז געווען מתנגד און האָט נישט געגלויבט אין דעם בעש"ט — וואָס האָט ער אָבער געקאָנט טאָן? די ווייב האָט אים נישט גאָכגעלאָזט און די נויט האָט אים געבראַכט — איז ער אַוועק צום בעש"ט. ער האָט אים דערציילט פון זיין דחקות און גרויס עניות, גם, אַז די קינדער זיינען שוין דערוואַקסן. ער דאַרף זיי חתונה מאַכן און האָט נישט קיין פרוטה אחת.

רופט זיך אָן צו אים דער בעש"ט: — פאַר קיין קאַזמיר, דאָרטן זאָלסטו פרעגן אויף אַ בעל מלאכה. און ער האָט אים געזאָגט דעם בעל מלאָכהס נאָמען, און זיין פאָטערס נאָמען, גם נאָך אַנדערע צייכן, כדי ער זאָל קענען אָפּפרעגן צו אים. און אַז ער זאָל דעם בעל־מלאָכה גאַנץ גוט פאַרשטיין, וועט ער האָבן אַ רפואה צו אַלעס, וואָס ער דאַרף.

דער תלמיד חכם האָט אויף זיך מקבל געווען דעם טורח הדרך און איז אַוועק ווי דער בעש"ט האָט אים געהייסן. אַזוי ווי ער האָט ניט געהאַט קיין געלט אויף הוצאות, איז ער געגאַנגען צופוס, פון שטאָט צו שטאָט, ביז ער איז געקומען אין דער שטאָט אַריין, וואָס דער בעש"ט האָט געהייסן.

דער שטייגער פון אַן אָרעמאַן איז: אַז ער קומט אין אַ שטאָט אַריין, גייט ער גלייך אין בית המדרש, ער זאָל זיך דאָרט אָפּרוען פון דער גרויסער מי אויפן וועג.

דער אָרעמער תּלמיד חכם איז אויך געקומען אין בית־המדרש. דער בית המדרש איז פול געווען מיט מענטשן.

דער אָרעמאַן האָט געפרעגט אויף דעם בעל מלאָכה, וואָס דער בעש"ט האָט אים געהייסן. קיינער האָט אָבער ניט געוווּסט פון אַזוינעם. — עס איז גאָר ניטאָ אַזוינער! — האָבן זיי געזאָגט. דער ת"ח האָט געזיפצט אויף זיינע צרות און פון וועגן דעם שווערן וועג, וואָס ער האָט געהאַט. ער איז אַוועק אין אַן אַנדער בית־המדרש פרעגן אויפן בעל מלאָכה, אָבער אויך דאָרט האָט קיינער ניט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. אין שטאָט זיינען געווען זקנים. האָבן זיי אים גערופן, אויסגעפרעגט אַלע סימנים און אים אַזאַ תּשובה געגעבן: — "ליבער פריינד, וואָס פרעגט איר אויף אים! דער רשע איז שוין זעכציק יאָר געשטאָרבן". זיי האָבן אים דערציילט, אַז דער מענטש האָט טאַקע געדאַוונט אין דער שטאָט, נאָר ער איז געווען אַ רשע, אַ מסור, און ער האָט ניט געלאָזט אַן עבירה, וואָס ער האָט ניט געטאָן. שוין זעכציק יאָר אַז ער איז געשטאָרבן און די גאַנצע שטאָט האָט זיך געפרייט, ווען ער איז מת געוואָרן".

— וואָס טויג ער אייך? וואָס פרעגט איר אויף אים? — האָבן זיך די זקנים געוווּנדערט.

ווי דער ת"ח האָט דאָס דערהערט, איז ער מיט אַ שברון לב צוריק אַוועק אַהיים. מיט צער און מיט צרות האָט ער זיך קוים דורכגעשלעפּט דעם וועג, ביז ער איז צוריקגעקומען קיין מעזשיבוזש. אַ מידער און אַ שלאַפער, איז ער גלייך פון וועג אַוועק צום בעש"ט, כּדי צו דערוויסן זיך די כּוונה, וואָס דער בעש"ט האָט געמיינט מיט דער נסיעה. ער האָט דערציילט דעם בעש"ט אַלצדינג, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט.

ענטפערט אים דער בעש"ט: — "דו ביסט טאַקע באמת אַ ירא שמים אַ תּלמוד חכם און גלייבסט אין דער גמרא און אין אַלע הייליקע חכמים, וואָס האָבן געשריבן פון גלגולים, ווי דער מענטש ווערט מגולגל, כּדי ער זאָל מתקן זיין, וואָס ער האָט פּוגם געווען. צי ווייסטו, אַז דער חוטא מוז מקבל זיין יסורים, ער זאָל אָפּקומען פאַר די חטאים?"

רופט זיך אָן דער תּלמוד־חכם: — "איך גלויב אין די אַלע זאַכן באמונה".

זאָגט צו אים דאַן דער הייליקער בעש"ט: — זאָלסטו וויסן, אַז דו ביסט דאָס דערזעלבער פון דער שטאָט, וואָס פאַר זעכציק יאָרן האָסטו עובר געווען כּל עבירות שבתּורה, אַצינד פרעג איך דיך: — ווילסטו נאָך, עס זאָל דיר גוט גיין, ווינטשסט זיך עושר וכבוד מיט אַלעם גוטן? הלואי זאָלסטו מתקן זיין דאָס, וואָס דו האָסט פּוגם געווען אין יענעם גלגול. די יסורים מיט די עניות, וואָס דו ליידסט, זאָלן זיין אַן אָפּקומעניש פאַר די גרויסע חטאים פון דעם פריערדיקן גלגול.

ווי דער תּלמוד חכם האָט דאָס דערהערט, איז ער דערשראָקן געוואָרן. ער האָט געוויינט פאַרן בעש"ט, ער זאָל אים געבן אַ תּיקון אויף דעם, וואָס ער האָט פּוגם געווען.

און ער האָט זיך אָנגעקניפּט אָן דער תּורה, האָט געדאַוונט און געלערנט מיט גרויס התמדה און מיט שקידה און איז געוואָרן פון די גרויסע תּלמידים פון דעם הייליקן בעש"ט.

„ואלה המשפטים"...

איינמאָל האָט דער מעזריטשער מגיד געבעטן דעם בעש"ט, ער זאָל אים זאָגן דעם פשט פון דער שטעלע אין זוהר: „ואלה המשפטים דא רזא דגלגולא" — אין די ווערטער: „ואלה המשפטים" — איז דער סוד פון גלגול". דער בעש"ט האָט געשוויגן און האָט אים גאָרניט געענטפערט.

אין אַ צייט אַרום האָט ער געהייסן ר' בערן פאָרן אין שטאָט אַריין און האָט אים געזאָגט, אַז ווען ער וועט דורכפאָרן דעם וואַלד, זאָל ער דאָרט זיצן אונטער אַ בוים, ביז עס וועט אָנהייבן נאַכט ווערן. האָט דער מעזריטשער אַזוי געטאָן. נאָכדעם ווי ער איז אַזוי אַ קליינע ווײַלע אונטער דעם בוים געזעסן, האָט ער געזען, ווי עס איז איינער אַ רייטער צוגעקומען, האָט אָפּגעגעסן, אָפּגעטרונקען און זיך דערנאָך אונטער אַ דערבייאיקן גרויסן בוים צוגעלייגט. נאָכדעם, ווי ער האָט זיך אַ ביסל אויסגערוט, איז ער צוריק אַוועקגעפאָרן און האָט פאַרגעסן מיטצונעמען דעם בייטל מיט געלט, וואָס ער האָט מיט זיך געהאַט.

אין אַ ווײַלע אַרום איז אַן אַנדער רייטער געקומען צופאָרן און ער האָט זיך אינטער דעמזעלבן בוים צוגעלייגט אויסרוען. ער האָט דאָרטן דעם בייטל מיט געלט געפונען און איז זיך מיט אים אַוועקגעפאָרן.

אַ ביסל שפּעטער איז צום זעלבן בוים אַן אָרעמאַן צוגעקומען. ער האָט דאָרטן זיין שטיקל טרוקן ברויט אָפּגעגעסן און האָט זיך אויך אָפּרוען געלייגט.

באַלד איז דער ערשטער רייטער צוגעפאָרן און האָט זיך געפרעגט ביים אָרעמאַן אויף זיין בייטל געלט. האָט דער אָרעמאַן ניט געוווּסט, וואָס יענער רעדט צו אים אַפילו. האָט אים דער רייטער מכות רצח געשלאָגן און איז זיך אַהיים אַוועקגעפאָרן.

ווען עס האָט אָנגעהויבן נאַכט ווערן, האָט זיך דער מגיד צום בעש"ט אומגעקערט און האָט אים דערציילט אַלעס, וואָס ער האָט געזען.

האָט זיך צו אים דאַן דער בעש"ט אָנגערופן: — אין ערשטן גלגול איז דער ערשטער רייטער שולדיק געווען דעם צווייטן רייטער אָט יענע סומע געלט, וואָס האָט זיך ביי אים אין בייטל געפונען. האָט ער אים ניט געוואָלט דעם חוב אָפּצאָלן. זיינען זיי געגאַנגען אַ דין־תורה האָבן אָט צו דעם אָרעמאַן, וואָס איז נאָך זיי צום בוים געקומען, וואָרום ער איז אין ערשטן גלגול אַ רב און אַ דיין געווען.

דער אָרעמאַן האָט זיך אָבער אין דעם דין תורה ניט פאַרטיפט ווי געהעריק. ער האָט ניט קיין געניגנדע חקירה ודרישה געמאַכט און האָט דעם ערשטן רייטער פון זיין חוב באַפרייט. — און דעריבער — האָט דער בעש"ט זיין דערקלערונג פאַרענדיקט — איז דאָס פאַרגעקומען אָט דאָס אַלעס, וואָס דיינע אויגן האָבן געזען...

אין דעם צווייטן גלגול זיינעם האָט דער ערשטער באַצאָלט דעם צווייטן דאָס, וואָס ער איז אים שולדיק. און אויך דער דריטער, דער דיין, האָט אין דיזן גלגול זיין עונש באַקומען דערפאַר, ווייל ער האָט דעם דין תורה ניט ריכטיק געפסקנט. און דאָס איז דער פשט פון פסוק: עס ווערן אַמאָל מענטשן אַ צווייטן מאָל מגולגל, כדי אויסצוגלייכן די משפטים, וואָס זיי האָבן צווישן זיך אין ערשטן גלגול געהאַט.

דער גלגול פון מזל.

א.

בעת אַלע צדיקים זיינען זיך צוזאַמענגעפאָרן קיין ראָפשיץ אויפן יאָרצייט פונם הייליקן ראָפשיצער רב, איז געקומען אַן אשה און האָט געוויינט פאַר אַלע צדיקים רבנים: — „איך האָב די פאָריקע וואָך געגעבן אַ יידן אַכט הונדערט רייניש כסף, ער זאָל פאָרן אויף די דערפער צוזאַמענקויפן פלאַקס על חצי ריוח. ס'איז שוין עטלעכע טעג. די ערשטע דריי טעג האָב איך גאָרניט געוווסט און ניט געהערט פון אים, און היינט בין איך געוואָר געוואָרן פון היימישע מענטשן: זיי ווייסן זיכער, אַז ער איז געשטאָרבן דאָ ניט ווייט אין אַ דאָרף. וואָס מיט מיין געלט טוט זיך, ווייס איך ניט. גיט מיר, רבותי, אַן עצה! דאָ זיצן פיל צדיקים. און וואָס צדיקים זיינען גוזר, איז השי"ת מקיים".

האָבן אַלע צדיקים מבטיח געווען דער אשה, אַז דאָס געלט וועט זיך אָפזוכן: — מסתמא האָט מען אים געבראַכט צום שופט און דאָס געלט איז בוודאי אונטער זיין האַנט. דו וועסט דאָס געוויס אָפזוכן.

איז אָבער אויפגעשטאַנען הצדיק רבי שלום מקאַמינקע און האָט געזאָגט צו דער אשה: — הערט מיך צו, איך זאָג אייך: אַלע הבטחות זיינען גאָרניט ווערט און דאָס געלט איז פאַרלוירן. ווער ווייס, וואָס פאַר אַ גלגול דער ייד איז געווען? און וואָס פאַר אַ גלגול ער איז אַצינד? און וואָס פאַר אַ גלגול איר זייט? אפשר איז דער ייד אַצינד געקומען בעולם הזה אָפצונעמען ביי אייך דאָס געלט; האָט שוין מתקן געווען, וואָס ער האָט באַדאַרפט, לכן איז ער שוין נפטר געוואָרן? און ער האָט זיך גלייך געקערט צו אַלע צדיקים און האָט צו זיי געזאָגט: — מורי ורבותי, הערט מיך אויס, וועל איך אייך דערציילן אַ מעשה פון דעם בעל שם הקדוש זכותו יגן עלנו.

ב.

ביים בעש"ט הקדוש איז געווען אַזאַ מעשה. אין ריישא איז געווען אַ גדול, אַ גרויסער למדן און אַ גרויסער יחסן, נאָר קיין חסיד איז ער ניט געווען. האָט ער אָבער כל ימיו געהערט לויבן דעם בעש"ט הקדוש פאַר אַ צדיק פלא, וואָס טוט אותות נפלאות. האָט ער משתוקק געווען, ער זאָל אים ענדלעך קענען. האָט ער גע־הייסן שפאַנען זיין קאָרעטע מיט פיר פערד, האָט זיך מיטגענומען אַ משרת ווי אַ גבור, און איז געפאָרן קיין מעזשיבוזש.

ווי ער איז בשלום געקומען קיין מעזשיבוזש, איז ער געגאַנגען צום בעש"ט זי"ע. ער האָט געטראַכט: — דער רבי וועט מיט אים פשטים שמועסן אָדער קבלה וכדומה.

לבסוף האָט דער רבי מיט אים גאָרניט גערעדט, נאָר פון וועלט־זאַכן. האָט דער גביר אַרויסגענומען עטלעכע רובל און געגעבן דעם בעש"ט פאַר אַ פדיון. פרעגט אים דער בעש"ט: — „איר גיט מיר אַ פדיון, זאָגט מיר, וואָס פעלט אייך?" ענטפערט דער גביר: — „מיר פעלט גאָרניט. איך בין אַ גרויסער גביר, האָב גרויס שפע און קינדער זייער שיינע, בנים תלמידי חכמים, און קינדס־קינדער תלמידי חכמים, אַלע

גבירים נגידים עשירים. און בין מיר קובע עתים לתורה און עוסק בלמודי נסתר, מיר פעלט ח״ו גאָרניט״.

מילא, אַזאַ פדיון איז זייער געשמאַק צו נעמען. וואָרום עס איז זייער זעלטן, אַ ייד זאָל ברענגען אַ פדיון דעם רבין און זאָל אים ניט צעברעכן דאָס האַרץ. יעדער ייד האָט זיך זיין בקשה: איינער בעט אויף אַ חולאת, אייגער אויף קינדער, אייגער אויף פרנסה, איינער קומט פון תפיסה אָפּבעטן. יעדער ייד קומט מיט זיין צעבראָכן האַרץ צום רבין. — און דער גביר גיט דעם רבין אַ פדיון און זאָגט: „עס פעלט גאָרניט״.

פרעגט אים דער בעש״ט: — „נו, וואָס ביסטו געקומען צו מיר?״

ענטפערט דער גביר: — בלויז צו קענען דעם רבין, ווייל איך הער אַלץ אותות און מופתים פון אַ געטלעכן מענטשן, האָב איך זיך געוואָלט קענען.

זאָגט אים דער בעש״ט: — אם כן, אַז דו ביסט געקומען בלויז מיך צו קענען, קוק מיך ניט אָן און הער מיך אויס, וועל איך דיר דערציילן אַ מעשה. הער מיך אָבער גוט אויס.

ג.

„די מעשה איז אַזוי געווען:

אין אַ שטאָט זיינען אַמאָל געווען צוויי גבירים. האָבן זיי געהאַט צוויי ייִנגלעך אין איין עלטער. די גבירים האָבן געוואוינט אין שכנות. די ייִנגלעך האָבן זיך צוזאַמען געלערנט און זיך ליב געהאַט באַהבה גדולה. ווי לאַנג אָבער קענען די גבירים זיין צוזאַמען? ביז דרייצן, פערצן יאָר. האָט מען זיי חתונה געמאַכט זה בכה וזה בכה. דער האָט חתונה געהאַט הונדערט מייל ווייט מעבר מזה און דער אַנדערער — צוויי הונדערט מייל מעבר השני: ווי דער שטייגער איז פון אַזאַ אַהבה, האָבן זיך די חברים מתחלה געשריבן אַלע אַכט טאָג, אַלע צוויי וואָכן בריוו.

אין אַ יאָר אַרום האָבן זיי זיך שוין געשריבן אַלע חודש, אַלע צוויי חדשים. ביסלעכווייז זיינען זיי אָפּגעוואוינט געוואָרן, ביז זיי זיינען געוואָרן געשעפטס-מענטשן. האָבן זיי זיך ערשט געשריבן אַלע יאָר אַ בריוו. ואחר כך זיינען זיי שוין טרוד געוואָרן און האָבן זיך שוין גאָרניט געשריבן קיין בריוו. נאָר פון ווייטן האָבן זיי געהערט איינער פון דעם אַנדערן בשורות טובות. אַ געוויסע צייט זיינען זיי ביידע געווען גרויסע גבירים. אָבער אינגיכן האָט איינער פון זיי גענומען פאַלן מטה, מטה אַזוי לאַנג, ביז ער איז געוואָרן אַן עני ואביון.

האָט ער זיך איינמאָל מיישב געווען: — איך האָב דאָך אַזאַ גוטן פריינד, אַזאַ גרויסן גביר. ער וועט זיך בוודאי מחיה זיין, אַז איך וועל צו אים קומען. לכן מוז איך מיר זען על הוצאות הדרך און פאָרן צו אים.

האָט ער ריכטיק זיך געזען ביגיעה רבה על הוצאות הדרך און איז ריכטיק געפאָרן צו זיין חבר און איז בשלום אַהין געקומען. געקומען, האָט ער זיך געמעלט צום חבר. האָט אים דער חבר זייער שיין אַנטפאַנגען, געמאַכט פאַר אים סעודות כסעודות שלמה המלך ע״ה.

ווי זיי זיינען איינמאָל געזעסן ביי דער סעודה, פרעגט דער רייכער ברודער: „ווי גייט דאָס דיר?״ ענטפערט דער אָרעמער: — „איך קען דיר ניט פיל ענטפערן, נאָר בקיצור: — „זאָלסט וויסן: די מלבושים, וואָס איך גיי, זיינען נישט מיינע. איך האָב זיי מיר געליִען״. האָט שוין דער רייכער מער נישט געפרעגט. מע האָט ווייטער געגעסן און געזונגען און געשפּילט.

נאָכן עסן און טרינקען האָט דער רייכער באַפעלט זיין שרייבער, ער זאָל מאַכן אַ רעכענונג פון גאַנצן פארמעגן. באַקומען דעם רעכענונג, האָט ער זיך געטיילט מיטן אָרעמאַן מיט זיין פארמעגן און דער אָרעמאַן איז געוואָרן אויס אָרעמאַן. ער איז אַהיים געפאָרן, האָט געהאַט הצלחה גדולה, איז עולה למעלה געוואָרן און איז געוואָרן נאָך מער עושר ווי פריער.

און דער חבר, וואָס האָט אים געהאָלפן, איז געפאַלן טאָג פאַר טאָג, ביז ער איז געוואָרן אַן אביון, ווי ס'איז געווען דער חבר, וואָס ער האָט אים געהאָלפן.

האָט ער שוין געוויס גערעכנט, אַז ער וועט צום חבר פאָרן, וועט יענער אים געוויס אָקעגן פאָרן און וועט פאַר אים ניט וויסן, ווו דאָס אָרט צו געפינען. ער האָט דאָך אים אויסגעהאָלפן אין אַ עת צרה!

עס איז אָבער נישט אַזוי געווען, ווי ער האָט געדענקט. אַז ער איז געקומען צו יענעם, האָט אים יענער גאָרניט געלאָזט אויף די אויגן. דער געפאַלענער האָט זיך זייער גוט אויסגעוויינט פאַר השי"ת און איז אַהיים געפאָרן.

השי"ת האָט זיך אויף אים מרחם געווען און האָט אים אַליין געהאָלפן אַזוי, אַז ער איז געוואָרן נאָך מער עושר ווי פריער.

און דער שלעכטער חבר איז צוריק געפאַלן אַזוי, אַז ער האָט ניט געהאַט קיין פרוטה אחת.

דער שלעכטער חבר איז געווען אַן עזות פנים. איז ער באַלד געפאָרן צום חבר, ער זאָל אים אויסהעלפן.

דער גוטער האָט זיך אויף אים ווידער מרחם געווען און האָט זיך ווייטער געטיילט מיט אים דאָס גאַנצע פארמעגן, וואָס ער האָט פארמאָגט. ער האָט אָבער צו אים געזאָגט: — ברודער־לעב, איך רעכן דיר ניט, וואָס דו האָסט קעגן מיר געטאָן; אַצי־דערט אָבער גיב איך דיר דאָס געלט נאָר בהלואה. אפשר וועט השי"ת חס ושלום ווייטער דאָס־זעלבע איבערדרייען ווי פריער, דו וועסט רייך ווערן לכן גיב מיר אַרויס שריפטן אויף יידיש און אויף טייטש, אַז איך האָב ביי דיר צו פאָדערן דאָס געלט, וואָס איך גיב דיר אַצינדערט.

דער חבר האָט אים פאַר געוויס אַלץ מבטיח געווען און געזאָגט צו אים:

— אַצינדערט זע איך, דאָס דו ביסט אַ צדיק און איך בין געווען אַ רשע. דו פאַר־געלטעסט מיר גוטס און איך האָב דיר פארגעלטעט שלעכטס. און ער האָט אים גע־געבן הכל כתוב וחתום.

ד.

השי"ת האָט באַלד ווייטער איבערגעדרייט דאָס רעדעלע. דער עושר איז גע־פאַלן און דער שלעכטער חבר האָט געהאַט גרויס הצלחה און איז געוואָרן אַ גביר גדול, דער ערשטער אין שטאָט.

איז זיך דער חבר, דער גוטער, געפאָרן צום רייכן אויף זיכער אָפּנעמען זיין חוב. ער איז געקומען, אָבער דער רשע האָט אים ווייטער ניט געוואָלט אויף זיינע אויגן לאָזן. ער האָט אים אפילו אין שטוב ניט אריינגעלאָזט. דער אָרעמאַן האָט גע־פּרוּווט מיט די כּתבים זיך לאָדן, זיינען אָבער אַלע שופטים ושוטרים דעם גבירס אונ־טערטאַנער געווען, קיין געריכט האָט ניט געוואָלט דעם משפט אָננעמען.

דער אָרעמאַן האָט דעם גביר גאָרנישט ניט געקענט טאָן. האָט ער זיך צע־וויינט פאַר השי״ת: — „רבש״ע, דו ווייסט דאָך, ווי איך האָב דעם מענטשן אויס־געהאָלפן מיט מיין איידעלן געוויסן. אַצינדערט וויל ער זיך ניט מרחם זיין אויף מיר און וויל מיך נישט קענען. רבש״ע, דו ווייסט, איך האָב אויף דיר געגעבן, ווייל איך בין בטוח, אַז דו וועסט מיר צוריק ממלא זיין. לבסוף האָסטו מיך פאַראָרעמט און ער וויל מיך נישט קענען !״

דער אָרעמאַן האָט אַזוי לאַנג געביטערט מיט זיין געוויין פאַר השי״ת, ביז ער איז לימים געשטאָרבן.

דער רייכער חבר, דער שלעכטער איז גם כּן באַלד געשטאָרבן.

נו, איז געקומען דער משפט פאַרן ב״ד של מעלה. האָט מען געפּסקנט: — דער גוטער חבר זאָל האָבן גן־עדן העליון און דער שלעכטער — גיהנום אין שאול תחתיה.

האָט זיך אָבער דער גוטער חבר אָנגערופן: — ווי אַזוי וועט מיר מיין גן עדן איינגיין, אַז איך ווייס, אַז דורך מיר וועט מיין חבר זיין אין גיהנום. לכן וויל איך נישט.

האָט מען אים געפרעגט: — וואָס דען ווילסטו?

האָט ער זיך אַליין אַרויסגעגעבן אַ פּסק: אַז זיי זאָלן צוריק מגולגל ווערן בעולם הזה. דער שלעכטער זאָל זיין אַן עושר און ער — זאָל זיין אַן אָרעמאַן. וועט ער ביים שלעכטן פּרוטהווייז אָפּנעמען זיין חוב.

זיינען זיי ביידע ריכטיק געקומען בגלגול חדש: דער שלעכטער — אַן עושר און דער גוטער — אַן אָרעמאַן. נו, וואָס בגלגול העבר האָט זיך געטאָן, האָבן זיי ביידע ניט געוווּסט. נאָר דער איז געבאָרן געוואָרן ביי אַ גביר אין איין מדינה און דער — ביי אַן אָרעמאַן אַן אביון גאָר אין אַ פרעמדער מדינה.

און השי״ת איז דאָ מסבב כּל הסבות. האָט דער אָרעמאַן זיך געלאָזט אויף דער וועלט קבצנען און איז ריכטיק געקומען אין דער שטאָט, ווו דער רייכער חבר איז געווען בגלגול.

דער חבר איז געווען זייער אַ קאַרגער און האָט קיין פּרוטה ניט געוואָלט געבן קיין איינציקן אָרעמאַן. איינמאָל האָט דעם אָרעמאַן אויסגעפעלט אַ קרייצער צו קויפן זיך אַ ברויטל. איז ער געקומען צום גביר, ער זאָל אים געבן אַ קרייצער. האָט אים דער גביר געענטפערט: — האָט דען דיר איטלעכער נישט געזאָגט, אַז איך גיב ניט קיין צדקה? וויל איך דיר גם כּן נישט געבן!

האָט זיך דער אָרעמאַן מיט אים געשטעלט פעסט און געזאָגט: — אַז דו וועסט מיר אַצינד נישט געבן דעם קרייצער אויפן ברויטל צו קויפן, שטאַרב איך פאַר הונגער, ווייל איך האָב שוין לאַנג ניט געהאַט אין מיין מויל.

דער גביר האָט דאָך נישט געוואָלט געבן. דער אָרעמאַן האָט אים נישט געוואָלט אָפּלאָזן.

האָט אים דער גביר אַ פּאַטש געגעבן. איז דער אָרעמאַן פאַר חלשות אַנידער־געפאַלן אויף דער שוועל און איז תּיכּף געשטאָרבן. דאָס איז געווען ערשט ניט לאַנג.

ווי אַזוי איז ביי אַ גביר? מע האָט דעם מת תּיכּף געוועזן צו מאַכן כּשר און בשתיקה דעם אָרעמאַן זיין רעכט געטאָן. ווער איז דען געווען, וואָס זאָל זיך רע־כענען פאַרן בלוט פון דעם אָרעמאַן? דערצו איז דער אָרעמאַן געווען אַ פרעמדער, פון אַ פרעמדער מדינה און ס׳איז אַפילו ניט געווען, ווער עס זאָל זיך רעכענען. פאַר־פאַלן, איז עס אַזוי פאַרבליבן.

— נו, האָסט מיך גוט אויסגעהערט? האָט געפרעגט דער בעש״ט ביים גביר: —פעלט דיר טאַקע גאָר גאָרניט ?״

דער גביר איז אַנידערגעפאַלן חלשות און האָט געוויינט פאַרן בעש״ט: —רבי איך בין אַ רשע. איך ווייס. פון מיין האַנט איז דער אָרעמאַן געשטאָרבן. מסתמא איז די גאַנצע מעשה על-פי גלגול, ווי דער רבי דערציילט. וואָס זאָל איך אַצינד טאָן? רבי, איך וועל דאָך פאַרפאַלן ווערן אין שאול תחתיה״!

האָט אים דער בעש״ט געענטפערט: — זאָלסט זוכן, פילייכט וועסטו געפינען קינדער פון דעם אָרעמאַן, וועסטו זיי מפייס זיין מיט וויפיל דו וועסט קענען, וועסטו דאָך אַ רפואה האָבן צו דיין נפש. אַז נישט, וועסטו טאַקע פאַרפאַלן ווערן אין שאול תחתיה...

אַזוי האָט דער הייליקער רב דערציילט פאַר אַלע צדיקים אין ראָפּשיץ. און פאַרענדיקט: — אָט דאָס געלט איז מסתמא אויך אַזוי געווען על פי גלגול, וואָס דער ייד האָט דאָס באַדאַרפט אָפּנעמען ביי דער אשה, און ס׳איז פאַרפאַלן.

דעם בעש״טס צער.

אין פּאַוואָלאָוויטש איז געווען אַ שאַרפער בלבול אויף יידן. פיל קדושים זיינען נהרג געוואָרן. פון אַלע שטעט אַרום זיינען זיך די יידן צעלאָפן. הרב ר׳ דוד מקראָטשוב האָט געוואָלט אַנטלויפן קיין וואַלאַכיע. איז ער געקומען קיין מעזשיבוזש. דער בעש״ט האָט אים געוואָלט איינהאַלטן און דעריבער געזאָגט צו ר׳ דודן, אַז די יידן וועלן דאָרט ניצול ווערן.

דערנאָך, אַז זיי זיינען נהרג געוואָרן, איז געקומען אַ בריוו צו יו״ה דוד. איז ער געוואָר געוואָרן פון בריוו, אַז מע האָט די קדושים פריער גרויסע יסורים אָנגעטאָן.

עס איז געווען ערב שבת און דער בעש״ט איז זייער אומעטיק געווען. ער האָט זייער געוויינט און מיט גרויס ציטערניש זיך געשטעלט דאַוונען מנחה. אַלע זיינע לייט האָבן קיין קאָפּ ניט געקאָנט אויפהויבן.

מע האָט געמיינט, אַז ס׳וועט קומען צו קבלת שבת, וועט ער האָבן שמחה. אָבער ער האָט מקבל שבת געווען אויך מיט ציטערניש, האָט קידוש געמאַכט מיט געוויין. אַ רגע האָט ער זיך נאָר געזאַמט ביים טיש און דאַן איז ער אַוועקגעגאַנגען אין דעם חדר, וווּ ער שלאָפט, און האָט זיך געלייגט אויף דרערד. אַזוי איז ער געלעגן גאַנץ לאַנג. די אורחים און דאָס הויזגעזינט האָבן אויף אים זייער לאַנג געוואַרט. לסוף איז דאָס ווייב צו אים אַריינגעקומען און געזאָגט: — די ליכט וועלן אויסגיין, אורחים וואַרטן דאָך״. זאָגט ער: „זאָלן זיי עסן!״ און איז ווייטער געלעגן אויסגעשפרייט מיט די הענט און פיס, מיטן פנים אַראָפּ. איז געקומען הרב ר׳ דוד מקראָטשוב און האָט זיך געשטעלט ביי דער טיר, כדי צו זען, וואָס דער סוף וועט זיין. אין דער טיר איז געווען אַ שפּאַלט. לאַנג האָט עס געוועהרט. ער איז מיד געוואָרן שטייענדיק. אַז ס׳איז געקומען האַלבע נאַכט, האָט ר׳ דוד געהערט, ווי דער בעש״ט זאָגט צום ווייב: „דעק זיך צו דיין פנים״. און אין אַ רגע איז דאָס שטיבל ליכטיק געוואָרן. דורכן שפּאַלט פון דער טיר איז אַרויס אַ שיין.

און דער בעש״ט האָט געזאָגט: — „ברוך הבא, ר׳ עקיבא!״ און צו אַלע קדושים ביי די נעמען: — „ברוך הבא! איך בין אויף אייך גוזר, איר זאָלט גיין נקמה נעמען אין דעם צורר דעם סטינאַטר״.

האָבן די קדושים אים געבעטן: — „זאָלן שוין ניט מער אַרויסגיין פון אייער מויל די ווערטער, וואָס איר האָט געזאָגט, איר זאָלט עס מבטל זיין, וואָרום איר ווייסט ניט פון אייער כוח. איר זאָלט וויסן, אַז איר האָט מבלבל שבת געווען — און ס׳איז געוואָרן אַ גרויסער רעש אין אַלע וועלטן. און אַלע זיינען אַנטלאָפן געוואָרן פון אַלע היכלות. מיר האָבן ניט געוווסט, וואָס דאָס באַטייט. זיינען מיר געקומען אין העכערע היכלות, איז מען פון דאָרטן אויך אַנטלאָפן געוואָרן מחמת גרויס רעש. האָבן מיר אַלץ ניט געוווסט, וואָס דאָס איז, ביז מיר זיינען געקומען אין אַ גאַנץ הויכן היכל. האָט מען צו אונדז געזאָגט: — „גייט אַראָפּ גיכער, מאַכט שטיל די טרערן פון ר׳ ישראל בעש״ט. הייגט וועלן מיר דערציילן, איר זאָלט וויסן אַלע יסורים, וואָס מיר האָבן געליטן אויף קידוש השם״. דערווייל האָט דער יצר הרע אונדז מבלבל געווען אונדזער מחשבה. האָבן מיר אים אַוועקגעשטויסן מיטביידע הענט. ער האָט אָבער פּאָרט געמאַכט אַ צייכן ביי אונדז אין דער מחשבה. איבער דעם האָבן מיר געמוזט קומען אין גיהנום אויף אַ האַלבע שעה ליידן צער. און כל היסורים שבעולם, וואָס מיר האָבן געליטן, הייבט זיך ניט אָן אָקעגן די יסורים, וואָס מיר האָבן געהאַט אויף דער האַלבער שעה אין גיהנום.

אַז מיר זיינען געקומען אין גן עדן, האָבן מיר געזאָגט: — „מיר וועלן זיך נוקם זיין אָן אונדזערע שונאים.

האָט מען אונדז געענטפערט: — „עס איז נאָך ניט געקומען די צייט. אויב איר ווילט זיך פּאָרט נוקם זיין תיכף, מוזט איר נאָכאַמאָל מגולגל ווערן אויף דער וועלט״.

האָבן מיר געזאָגט: — „מיר לויבן און דאַנקן השי״ת, אַז מיר זיינען באַשטאַנען אויף קידוש השם. בעסער מיר זאָלן ניט טאָן קיין נקמה און מיר זאָלן ניט מגולגל ווערן, וואָרום טאָמער וועלן מיר ערגער ווערן, וועט שפּל אין שלעכט זיין פאַר אונדז. דרום בעטן מיר אייך, איר זאָלט מבטל זיין די רייד, וואָס איר האָט דאַ גערעדט, אַז מיר זאָלן נקמה טאָן.

פרעגט זיי דער בעש״ט: — „פאַרוואָס האָט מען מיר פון הימל ניט אויסגעזאָגט, אַז איר וועט געהרגעט ווערן? עס האָט דאָך פאַרקערט אויסגעוויזן״.

אויף דעם האָבן זיי געזאָגט: — „מע האָט אויבן מורא געהאַט, אַז מע וועט אייך מודיע זיין, וועט איר זיך זייער שטאַרקן מיט תפילות. וועט איר מבטל זיין די גזירה. עס וואָלט אָבער אַ גרעסערע צרה געווען. דעריבער האָט מען אייך ניט מודיע געווען.

פאַרוואָס דער בעש״ט האָט געלאַכט.

דער בעש״ט איז אַמאָל געזעסן מיט די תלמידים פרייטאָג צו נאַכט ביים טיש. זיין סדר פלעגט זיין, אַז ער איז תמיד געזעסן מיט גרויס דביקות צו השי״ת. ער איז נישט געווען אויף דער וועלט, זיין הייליקע מחשבה איז תמיד געווען דבוק צו השי״ת. איצט, תיכף נאָך קידוש, האָט ער אָנגעהויבן זייער צו לאַכן. ביי אַלע תלמידים איז דאָס געווען אַ גרויס וואונדער און אַ נייס, ווייל זיי האָבן דאָס פון אים קיינמאָל ניט געזען. די תלמידים

האָבן אָבער פאַר אים פחד געהאַט איבערצופרעגן און האָבן דעריבער געשוויגן. אינמיטן עסן האָט ער ווידער אָנגעהויבן זייער שטאַרק צו לאַכן. אַזוי איז געווען דריי מאָל. קיינער האָט ניט געוווסט זיין כוונה.

אונטער די תלמידים איז געווען הרב הקדוש ר׳ וואָלף קיצעס. ער איז ביים בעש״ט זייער חשוב געווען.

און דער סדר איז געווען, אַז אַלע מוצאי שבת האָט אים ר׳ וואָלף קיצעס די לולקע פאַררויכערט און דער בעש״ט האָט אים דערציילט אַלע זאַכן, וואָס ער האָט דעם שבת מתקן געווען.

אַז ס׳איז געקומען מוצ״ש, האָבן די תלמידים געבעטן ר׳ וואָלף קיצעס, ער זאָל ביי דעם בעש״ט פרעגן, וואָס עס איז געווען די כוונה מיטן לאַכן. ר׳ וואָלף האָט דערפילט די בקשה פון די תלמידים און האָט געפרעגט ביים בעש״ט וועגן דער כוונה.

דער בעש״ט האָט געענטפערט, ער זאָל די תלמידים אַזוי זאָגן: זאָלן זיי זיין אַלע אָנטאָן בגדי חול און זאָלן זיי מיט אים אַ ביסל אַרויספאָרן אויס דער שטאָט.

זיי האָבן אַזוי געטאָן און זייגען מיט אים געפאָרן. הגם וווהין זיי פאָרן, האָבן זיי ניט געוווסט.

דער בעש״ט איז אַזוי מיט זיי געפאָרן אַ גאַנצע נאַכט. אינדערפרי זייגען זיי אָנגעקומען קיין קאָזעניץ. דער בעש״ט איז אַריינגעפאָרן צום פרנס חודש.

מסתמא האָט מען אים מיט זיינע תלמידים זייער שיין אויפגענומען, וואָרום זיין נאָמען איז גרויס געווען אויף דער וועלט. גאַנץ שטאָט איז זיך צונויפגעקומען, כדי אָפצוגעבן אים גרויס כבוד.

נאָכן דאַווענען שיקט דער בעש״ט, מע זאָל אים רופן רב שבתי איינבינדער מיט זיין פרוי. די שטאָט-לייט איז דאָס געווען אַ דבר פלא, דען דער ר׳ שבתי איז געווען אַ פראָסטער מענטש. ער האָט ניט געקאָנט לערנען, נאָר אַן ערלעכער ייד.

בקיצור, מע האָט געבראַכט דעם ר׳ שבתי איינבינדער מיט זיין ווייב.

ווי זיי זיינען געקומען, אַזוי זאָגט דער בעש״ט צו ר׳ שבתי: — „איך בעט דיך, דו זאָלסט דערציילן, וואָס דו האָסט געטאָן דעם פרייטאָג צונאַכט. זאָלסט גאָר קיין שום זאַך ניט פאַרלייקענען“.

האָט ר׳ שבתי געענטפערט: — „איך בעט אייך, רבי, פילייכט האָב איך ח״ו נישט גוט געטאָן, זאָלט איר אַ תשובה אַרויסגעבן. איך וועל אייך אַלצדינג דערציילן. די מעשה איז אַזוי געווען: איך בין אַ בעל-מלאָכה און האָב מיך תמיד פון דער מלאָכה מפרנס געווען. איך האָב ח״ו קיינמאָל נישט באַדאַרפט צו קיין מענטש אָנ-קומען. גם פלעג איך האָבן אַ מנהג, אַז תיכף אום דאָנערשטאָג האָט מען שוין אָנ-געגרייט ביי מיר אויף שבת כל המעדנים לכבוד שבת. פרייטאָג נאָך צען פלעג איך שוין גיין אין ביהמ״ד אַריין זאָגן שיר השירים אָדער תהילים ביז נאַכט און פלעג מכבד זיין שבת בכל היכולת. אַצינד, אויף דער עלטער, האָב איך שוין ניט אַזוי פיל כח און האָב נישט פאַרדינט. איך האָב געמוזט אַלעס פאַרקויפן, מיך מפרנס צו זיין. אין דעם שבת אָבער האָב איך שוין נישט געהאַט וואָס צו פאַרקויפן, על כן האָב איך נישט געקאָנט קויפן לכבוד שבת אפילו אַ שטיקל ברויט. דאָנערשטאָג האָב איך אַ גאַנצן טאָג געהאָפט, אַז השי״ת וועט מיר בוודאי באַשערן צו קויפן וואָס לכבוד שבת, ס׳איז אָבער, ווייזט אויס, ניט באַשערט געווען... ווען איך וואָלט מגלה זיין פאַר מענטשן מיין דחקות, וואָלט מען מיר בוודאי עפּעס געגעבן. די הייליקע יידן וואָלטן

מיך ניט געלאָזט פאַסטן אום שבת. ווייל איך האָב אָבער ניט געוואָלט נהנה זיין ממתנת בשר ודם, האָב איך דעריבער אויף מיר גענומען—בעסער שבת צו פאַסטן און ניט נהנה זיין מבשר ודם, ובפרט אַז הש״י קען אין אַ רגע העלפן. פאַר איין זאַך האָב איך מורא געהאַט: מיין ווייב זאָל דאָס ניט מגלה זיין פאַר אַלע שכנים. האָב איך ביי איר גענומען תקיעת כף, איידער איך בין געגאַנגען אין ביהמ״ד, אַז זי זאָל דאָס פאַר קיינעם ניט דערציילן. גם האָב איך איר געזאָגט, אַז איך וועל מיך זוימען אין בית־המדרש, ביז דער גאַנצער עולם וועט האָבן אוועקגעגאַנגען. וואָרום איך האָב מורא, אַז ווען איך וועל גיין אינאיינעם מיט אנדערע מענטשן, אַזוי וועלן זיי מיך פרעגן—„פאַרוואָס ברענגען ביי מיר קיין ליכט נישט?״ און איך וועל נישט וויסן, וואָס צו ענטפערן״.

בקיצור, איך האָב אַזוי געטאָן און בין געגאַנגען אין ביהמ״ד אַריין זייגער צען אומגעגעסן. מיין ווייב האָט אָנגעהויבן רייניקן די שטוב לכבוד שבת: אָפּווישן דאָס שפּינוועבס, אויסקערן וכדומה. ווי זי האָט דערווייל אַלצדינג ריין געמאַכט, האָט זי געפונען אַ פּאָר אַרבעלעך און אין דרינען זיינען געווען אַ פּאָר זילבערנע קנעפּלעך, וואָס זיינען פון אונדז פאַרלאָרן געוואָרן. ווי זי האָט דאָס נאָר באַקומען, איז זי גלייך געגאַנגען צו אַ גאָלדשמיד און האָט עס פאַרקויפט. דאָס געלט האָט מספיק געווען אויף אַלע הוצאות שבת: חלה ונרות ודגים, אַזוי ווי דער סדר איז תמיד געווען ביי מיר. ליכט האָט זי אָנגעצונדן גרעסערע, ווייל זי האָט געוווסט, אַז איך וועל מיך היינט לענגער פאַרזוימען ווי תמיד.

ס׳איז געקומען פרייטאָג צו נאַכט נאָכן דאַווענען. איך האָב דעם גאַנצן עולם איבערגעוואַרט און בין געגאַנגען לביתי. פּלוצלונג זע איך, ווי עס לייכט ביי מיר אין שטוב. קלער איך ביי זיך אין האַרצן: „גשים דעתן קלות״—וויבער האָבן ניט קיין פעסטע דעה—זי האָט זיך בוודאַי ניט געקאָנט איינהאַלטן און האָט דערציילט די שכנים, האָט מען איר געגעבן ליכט. נו, קום איך אַהיים, זע איך—דער טיש איז געגרייט זייער שיין—מיט פיש און חלות און יין לקידוש. דענק איך—דאָס איז בוודאַי פון אַ מענטשן; מיין אַלטע האָט געוויס עובר געווען אויפן תקיעת כף. איך האָב אָבער ניט געוואָלט דעם שבת פאַרשטערן, האָב איך איינגעהאַלטן דעם כעס און זי קיין זאַך ניט געפרעגט. כ׳האָב געזאָגט „שלום עליכם״, געמאַכט קידוש און מיך געזעצט עסן. אינמיטן עסן הייב איך אָן צו זאָגן: — מיין ווייב, דו האָסט דיך ניט געקענט אויפהאַלטן, אום צו באַשטיין דעם נסיון?״ כ׳האָב אָבער באַלד דערזען, אַז איך האָב אַ טעות געהאַט.

— געדענקסטו? —ענטפערט זי מיר—עס זיינען מיר פאַרלאָרן געוואָרן אַרבעלעך מיט זילבערנע קנעפּלעך, שוין לאַנג, האָב איך דאָס היינט געפונען און דאָס האָט מספיק געווען אויף הוצאות שבת. אַצינד זע איך, ווי הש״י פאַרלאָזט נישט קיינעם, וואָס פאַרלאָזט זיך אויף אים און ניט אויף קיין מענטשן.

ווי איך האָב דאָס דערהערט, בין איך געוואָרן מלא שמחה וחדוה אויפן גרויסן חסד פון הש״י; האָב איך אָנגענומען מיין ווייב ביי דער האַנט און געטאַנצט מיט איר אַ גאַנצע שעה.

אַזוי האָב איך געטאָן דריי מאָל פאַר גרויס שמחה, וואָס הש״י האָט מיר באַשערט אויף שבת בלי מתנת בשר ודם. אַצינד בעט איך אייך, רבי, פיליכט איז דאָס ניט גלייך געווען, וואָס איך האָב מיט מיין ווייב געטאַנצט, גיט מיר אַרויס אַ תשובה. איך האָב דאָס ערנסט געמיינט, נאָר צו לויבן הש״י״.

ווי ר׳ שבתי האָט דאָס אַלץ אויסדערציילט, רופט זיך אָן דער בעש״ט צו זיינע תלמידים: — גלייבט מיר, ס׳איז געווען אַ שמחה בכל העולמות און ביי דער גאַנצער פמליא של מעלה.

אַציגד האָבן זיי שוין געוווּסט, פאַרוואָס דער בעש״ט האָט דריי מאָל געלאַכט.

*

דערנאָך פרעגט דער בעש״ט די פרוי פונם אייגבינדער, וואָס זי וויל בעסער: ווערן רייך און אָפּלעבן די וועלט בכבוד, אָדער האָבן אַ בן זכר. (זיי האָבן קיין קינדער נישט געהאַט און זיינען שוין געווען אויף דער עלטער). ענטפערט זי דעם בעשט: — ווי לאַנג וועל איך דען נאָך לעבן? וואָס ניצט מיר עשירות? בעסער זאָל איך האָבן אַ בן־זכר אויף דער וועלט.

דער בעש״ט האָט מבטיח געווען, אַז ביז צום יאָר וועט זי האָבן אַ בן זכר. „דערדאָזיקער וועט לייכטן אויף דער וועלט און זיין נאָמען וועט זיין זייער גרויס. זאָלסט אים אַ נאָמען געבן ישראל, אַזוי ווי מיין נאָמען איז. און אַז דו וועסט מיר מודיע זיין, וועל איך קומען אויף דעם ברית מילה און וועל זיין סנדק״.

און ס׳איז אַזוי געווען. עס איז געבוירן געוואָרן דער קאָזניצער מגיד.

דער בעש״ט שיקט ר׳ דודן גלות אַפּריכטן.

הרב הגדול ר׳ דוד מקלייוועד איז אַמאָל געפאָרן צום בעש״ט אויף יום־כיפור. זיין שטייגער פלעגט זיין — ער פלעגט האַלטן ביים בעש״ט גאַנץ ימים נוראים — פון ר״ה ביז נאָך סוכות. דענסטמאָל האָט זיך געמאַכט אַ מניעה: ער האָט ניט געקאָנט פאָרן אויף ר״ה, איז ער געפאָרן אויף יו״כ. אין וועג האָבן זיך אויך געמאַכט מניעות און ער האָט געמוזט פאָרן אַ גאַנצן טאָג עיו״כ. ערשט פאַרנאַכט האָט ער זיך דערנעענטערט צו מעזשיבוזש. ניט ווייט פון מעזשיבוזש איז ער דורכגעפאָרן אַ קליינע קרעטשמע. זיינען פון דאָרט אַרויסגעלאָפן יידן און האָבן אים אויפגעהאַלטן. — מיר זיינען ניין יידן — האָבן זיי געזאָגט — עס פעלט אונדז אַ ייד צום מנין, זייט אַזוי גוט און האַלט דאָ יו״כ.

תחילת האָט ער שוין געוואָלט בלייבן, וואָרום ס׳איז דאָך אַ גרויסע זאַך משלים זיין אַ מנין, דערנאָך האָט ער זיך אָבער באַרעכנט: וויפיל צער האָט ער געהאַט, ביז וואַנען גאָט האָט אים געהאָלפן צו זיין דריי פערטל מייל פון דעם הייליקן בעש״ט, זאָל ער נימ האַלטן יו״כ ביים בעש״ט? האָט ער ניט מסכים געווען צו פאַרבלייבן און געהייסן דעם משרת טרייבן די פערד. און ער איז געקומען צום בעש״ט. דער בעש״ט האָט שוין געהאַט געדאַוונט מנחה. האָט דער בעש״ט ר׳ דודן קיין „שלום״ ניט געגעבן.

נאָך יום־כיפור האָט אים דער בעש״ט מיט אַ טרויעריק געמיט געגעבן „שלום״, אָבער נאָך אַלץ צו אים קיין וואָרט ניט גערעדט. ר׳ דודן האָט דאָס געחדושט: ער איז דאָך תמיד ביים בעש״ט אַ גרויסער חשוב געווען! און ס׳איז אַזוי איבערגעגאַנגען סוכות. ר׳ דוד האָט דערפון גרויס צער געהאַט. ער האָט זיך געשראָקן: פיליכט זעט דער בעש״ט אויף אים אַן עבירה? ער האָט געמאַכט אַ חשבון הנפש, האָט אָבער קיין זאַך ניט געפונען.

נאָך סוכות איז ער געוואָר געוואָרן, וואָס דער בעש״ט האָט געהאַט צו אים: נאָך שבת בראשית שיקט נאָך אים דער בעש״ט און זאָגט צו אים: — „ר׳ דוד, דו ביסט

אַ הורג נפש בשוגג! וואָרום אין יענער קרעטשמע האָט אויף דיר געוואַרט אַ נשמה שוין זיבעציק יאָר, וואָס דו האָסט איר געדאַרפט אַ טובה טאָן. ווי דו ביסט אַוועק, האָט מען זי אַרויסגעשטופּט נע ונד צו זיין. דאַדורך מוזטו אויף דיר מקבל זיין גלות, אַזוי ווי דער דין איז פון דעם, וואָס הרגעט איינעם בשוגג. און דו דאַרפסט אַזוי לאַנג אין גלות זיין, ביז וואַנען דו וועסט די נשמה מתקן זיין".

האָט אים ר' דוד געענטפערט: — "איך וועל אודאי אַזוי טאָן, ווי דער רבי וועט מיר הייסן".

זאָגט דער בעש"ט: — "דו זאָלסט זיין נע ונד פון איין שטאָט צו דער אַנדערער, מע זאָל דיך ניט קענען, ווער דו ביסט. זאָלסט זאָגן אין יעדער שטאָט, אַז דו ביסט אַ קליינער בעל דרשן און זאָלסט דרשענען אין אַלע שטעט.

פרעגט אים ר' דוד: — "ווי לאַנג זאָל דאָס געדויערן?"

זאָגט דער בעש"ט: — "וועסט אַליין וויסן, ווען דו וועסט דאַרפן אַהיים גיין".

האָט ר' דוד אַזוי געטאָן. ער האָט אָנגעטאָן אָרעמע קליידער, מע זאָל אים ניט דערקענען, און איז אַוועקגעגאַנגען גלות אָפּריכטן. אַזוי איז ער געגאַנגען פון איין שטאָט צו דער אַנדערער. עס האָט געדויערט צוויי יאָר.

איינמאָל איז ער אָנגעקומען אין אַ גרויסער שטאָט אין דער ליטע. ער איז אַוועק צום פּרנס חודש און האָט זיך אַרויסגעגעבן פאַר אַ בעל דרשן. דער פּרנס חודש האָט אים אָרנטלעך אויפגענומען און געפרעגט אים, וווּ ער וויל דרשענען — אין ביהמ"ד אָדער אין שול. זאָגט ער: "אין ביהמ"ד".

בעט אים דער פּרנס חודש, ער זאָל אים עפּעס זאָגן פון זיינע דרשות. זאָגט ער און עס געפעלט דעם פּרנס חודש זייער.

זאָגט דער פּרנס חודש: — "איך וויל, איר זאָלט דרשענען דווקא אין שול". ר' דוד האָט געשוויגן.

פרייטאָג איז אָנגעקומען אין שטאָט אַ צווייטער בעל-דרשן, וואָס איז באַקאַנט געווען אין שטאָט. אַלע שטאָט-לייט זיינען אים אַרויס אַנטקעגן. דער פּרנס חודש האָט אים אַריינגענומען צו זיך און געגעבן אים דעם בעסטן חדר.

אַז ס'איז געקומען פרייטאָג צו נאַכט, האָבן זיך אַלע געזעצט צום טיש. פרעגט דער בעל-דרשן אויף ר' דודן, ווער ער איז. זאָגט דער פּרנס חודש, אַז דאָס איז אויך אַ בעל דרשן. — "ווען איר וואָלט ניט געווען, וואָלט איך אים געלאָזט דרשענען אין שול. איך האָב געהערט זיינע דרשות און זיי זיינען מיר וויל געפעלן. נאָר אַצינד, אַז איר זייט שוין דאָ, וועט ער מוזן וואַרטן נאָך אויף אַ שבת".

בעט דער בעל-דרשן ר' דודן, ער זאָל עפּעס זאָגן. וויל ר' דוד ניט. צעבייזערט זיך דער בעל-דרשן און זאָגט: — "עס שטייט, אין מסרבין לגדול. האָט ר' דוד געמוזט זאָגן אַ קלייניקייט. האָט דער בעל-דרשן גענומען שפּעטן פון אים: — "וואָס איז דאָס פאַר אַ דרשן?" און פון פּרנס חודש האָט ער אויך געשפּעט: וואָס אַזעלכע דרשות זיינען אים געפעלן געוואָרן.

נאָכדעם האָט דער ב"ד געזאָגט תורה און מוסר. מע האָט געטרונקען משקה לכבוד דעם אורח. דער פּרנס חודש האָט זיך פאַרשיכורט און איז געבליבן שלאָפן איבערן טיש. אַלע האָבן זיך געלייגט שלאָפן. ר' דוד האָט זיך געלייגט אויף דר'ערד, וואָרום זינט ער איז אין גלות אַוועק, האָט ער אויף אַ בעט ניט געשלאָפן.

דער ב"ד איז געווען אַ רשע. ער האָט זיך געטראַכט: — "דער פּ"ח איז איצט שיכור און זיין ווייב וועט דערפון ניט. וועל איך פאַרנעמען זיין געלעגער.

זי וועט מיך געוויס ניט דערקענען". די ווייב האָט זיך אָבער געגעבן אַ כאַפּ אַרויס און גע־פרעגט: — "ווער ביסטו?" זי האָט אים געוואָלט אָנכאַפּן, נאָר ער איז אַנט־לאָפן. האָט זי אַראָפּגעכאַפּט ביי אים דאָס קאַפּל. דער בעל־דרשן איז דאַן שטילע רהייט צוגעגאַנגען צו ר' דודן, גענומען ביי אים דאָס קאַפּל און צוריקגעלייגט זיך אויפן בעט.

די פּרוּי האָט געמאַכט אַ רעש אין שטוב. אַלע בני בית האָבן זיך אויפגעכאַפּט. דער ב"ד האָט זיך געמאַכט, ווי ער איז אויך אויף געוואָרן.

— ווער איז דאָס?—האָט ער גענומען שרייען—צינדט אָן ליכט, וועלן מיר זען, ווער דער רשע איז.

מע האָט אָנגעצונדן אַ ליכט.

דער ב"ד איז צוגעגאַנגען צו ר' דודן, געשטאָרכט אים מיטן פוס און געזאָגט: — "רשע, דו ליגסט אָן אַ קאַפּל!" ער האָט אים תיכף געהייסן בינדן, אָפּפירן אין קיך אַריין און היטן ביז זונטאָג. האָט מען אַזוי געטאָן.

אויף מאָרגן האָט דער רשע געדרשנט אין שול און האָט געזאָגט, אַז די שטאָט איז נישט ריין, אַז עס קען זיך טרעפן אַזאַ מעשה ביים פּרנס חודש.

נאָכדעם האָט ער געהייסן, דער גאַנצער עולם זאָל זיך צונויפקומען ביינאַכט, ווי מע וועט דן לחוטא זיין, בכדי מע זאָל זיך אַ מוסר אַרויסנעמען און איטלעכער זאָל תשובה טאָן.

נאָך הבדלה איז זיך דער עולם צונויפגעקומען. מע האָט געבראַכט ר' דודן און דער בעל־דרשן האָט אים אָנגעהויבן זאָגן מוסר: — "זיי מודה פאַר אונדז—האָט ער זיך געווענדט צו ר' דודן—אַז דו האָסט געוואָלט טאָן אַן עבירה.

ר' דוד שווייגט און ענטפערט קיין וואָרט נישט.

— זאָל מען אים לייגן שמייסן!—האָט דאַן דער ב"ד אַ געשריי געטאָן—ביז ער וועט זיך מודה זיין.

ווי מע האָט אים אַנידערגעלייגט, איז געוואָרן אַ געקלאַפּעריי מיט גרויס רעש אין אַלע פענסטער און אַ שטאַרק קול האָט אויסגערופן: — "ר' דוד מקלייוועד איז דאָס!"

דער גאַנצער עולם איז אַרויסגעלאָפן זען, ווער עס האָט געקלאַפּט, מע האָט אָבער לעבן די פענסטער קיינעם ניט געטראָפן. איז אַ גרויס חידוש געווען. האָט מען אָנגעהויבן צו קלערן: — ווער קען דאָס זיין? ר' דודן האָט מען דערוויייל אָפּגעלאָזט. ווי ס'איז געוואָרן אַ ביסל שטילער, האָט מען אים ווידער גענומען און נאָכאַמאָל געלייגט. איז ווידער געוואָרן אַ געקלאַפּעריי אין אַלע פענסטער: — "ר' דוד איז דאָ!" איז מען ווידער אַרויסגעלאָפן, געקוקט אויף אַלע זייטן, מע האָט אָבער קיינעם ניט געזען.

האָט מען מחרים געווען: ווער עס ווייס דערפון, זאָל זאָגן, וואָס דאָ איז. קיי־נער האָט זיך אָבער נישט אָפּגערופן.

זאָגט דער ב"ד: — נישט אַנדערש, אַז דער רשע איז אַ מכשף. זאָל מען אים שלאָגן, וועט ער מודה זיין דערויף..

נעמט מען ר' דודן ווידער און מע לייגט אים אַנידער.

ווערט ווידער אַ קלאַפּעריי און מע הערט ווידער אַ קול: — "ר' דוד, וואָס שווייגט איר?"

און ר' דוד ענטפערט: —"וואָס זאָל איך שרייען? איך מוז ליידן פאַר מיינע זינד".

אַז דער עולם האָט דאָס דערהערט, האָט קיינער ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס דאָס באַטייט.

— ווער קאָן דאָס זיין ?—האָבן אַלע געגומען קלערן.

האָבן זיך דערמאָנט די שטאָטלייט, אַז עס זיינען דאָ אין שטאָט צוויי מענטשן, וואָס קענען ר׳ דודן. האָט מען געשיקט נאָך זיי. זיינען זיי געקומען און ווי זיי האָבן אים דערזען, האָבן זיי אָנגעהויבן וויינען און פרעגן: — „רבי, ווי קומט איר אַהער? וואָס האָט זיך דאָ מיט אייך געטאָן?"

האָט ער זיי דערציילט: — „איך בין גאָרנישט שולדיק. דער בעש״ט האָט מיך געשיקט גלות אָפּריכטן דערפאַר, וואָס איך האָב ניט מתקן געווען אַ נשמה. ער האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל ניט מגלה זיין אין ערגעץ, ווער איך בין, על כן האָב איך געמוזט שווייגן, ביז וואַנען מע האָט מן השמים געזאָגט: — „ר׳ דוד, וואָס שווייגט איר?" האָב איך שוין פאַרשטאַנען, וואָס דער בעש״ט האָט מיר געזאָגט: — „דו וועסט אַליין וויסן, ווען צו פאָרן אַהיים". נאָר דער ב״ד האָט מיר אַ בלבול געמאַכט. ער איז אַליין דער בעל מעשה דערפון. ער האָט אַליין אַראָפּגענומען דאָס קאַפּל פון מיר און טראָגט עס. אַ סימן, אַז דאָס איז אמת—אויפן אונטערשלאַק איז אָנגע- נייט אַ קמיע, וואָס איך טראָג. נעמט אַראָפּ דאָס קאַפּל פון אים, וועט איר וויסן, אַז איך זאָג אמת".

האָט מען תיכף אַזוי געטאָן, און מע האָט דערזען, אַז אַלץ, וואָס ר׳ דוד זאָגט, איז אמת.

האָט מען אים זייער איבערגעבעטן און דעם רשע, דעם ב״ד, האָט מען געגעבן, אַז עס וואָלט זיך ווינטשן דער לעזער צו זען.

און ר׳ דוד איז שוין געפאָרן בכבוד גדול אַהיים.

דער זינדיקער שוחט.

ס׳איז געווען אַ סוחר ר׳ שמואל סלוצקער, וואָס פלעגט שטענדיק אומפאָרן אין פוילן. איז ער געווען אין מעזשיבוזש און האָט דערקאָנט דעם בעש״ט, אַז ער איז אַ קדוש עליון. איז ער שוין פון דענסטמאָל אָן ניט אָפּגעטראָטן פון בעש״ט און איז געוואָרן זיינער אַ מקורב.

אַז ער איז געקומען אַהיים און האָט דערציילט די גרויסקייט פון דעם בעש״ט, האָט אים זיין ווייב געבעטן, ער זאָל אים אַראָפּברענגען קיין סלוצק. האָט ר׳ שמואל אַזוי געטאָן, געשיקט נאָך אים אַ פור און געבעטן אים קומען נאָך סלוצק. ר׳ שמואל אַליין האָט גראָד דענסטמאָל קיין צייט ניט געהאַט צו פאָרן. ער האָט באַדאַרפט זיין אין קיעוו.

ווי דער בעש״ט איז געקומען קיין סלוצק, האָט ער תיכף געהייסן דעם שוחט ברענגען דעם חלף: ער וויל אים זען, צי ער איז כשר. דער בעש״ט האָט באַקוקט דעם חלף און ער איז אים געפעלן. דעם שוחט האָט אָבער פאַרדראָסן אויפן בעש״ט, נאָך וואָס ער קוקט אים נאָך.

האָט ער זיך מיישב געווען: ער וועט אָפּטאָן אַ שפיצל, וועט ער זען, צי דער בעש״ט פאַרשטייט, צי ניט. אויפן דריטן טאָג האָט דער שוחט געשטעלט דעם חלף פאַר צוויי עדות, האָט מיטגעפירט די עדות צום בעש״ט און איז געגאַנגען אים ווייזן. דער בעש״ט האָט געזען דעם חלף און האָט גאָרניט געזאָגט. אַז זיי זיינען אַרויס- געגאַנגען פון בעש״ט, האָט גענומען דער שוחט און אַ קלאַפּ געגעבן מיטן חלף אויף

די העקלעך פון זיין זופיצע. די עדות האָבן דאָס ניט געזען. ער האָט זיי גערופן, זיי זאָלן גיין זען, ווי ער וועט קוילען און האָט אזוי געקוילעט מיטן טריפן חלף. נאָכדעם האָבן די עדות געזען, ווי ער בדקנט. די בהמה איז געווען כשר.

אַז ס׳איז געקומען פרייטאָג צו נאַכט, איז זיך דער גאַנצער עולם צונויפגעקומען צום בעש״ט צום טיש. דער שוחט איז אויך געווען. מע האָט געגעסן דגים, דערנאָך האָט מען דערלאַנגט די יויך. דער בעש״ט האָט גענומען אַ ביסל אין לעפל, האָט עס אַ שמעק געטאָן און געזאָגט: „עס שמעקט מיט נבלה״. ער האָט אַוועקגעשטעלט די יויך און קיינער האָט שוין אַ גאַנצן שבת ניט פאַרזוכט קיין פלייש. דעם עולם האָט דאָס פאַרדראָסן. — דעם דריטן שבת איז ער דאָ — האָט מען געטענהט — צוויי שבתים האָט ער געגעסן און הייַנט איז נבלה. עס איז דאָך אין דער שחיטה קיין פסול ניט געווען. דעם חלף האָט דאָך דער שוחט די עדות געוויזן״.

עס איז געוואָרן אַ רעש און ס׳איז געבליבן אָנטאָן אים אַ בזיון. זיי האָבן אָבער מורא געהאַט פאַר דער גגידה טייבעלע, ביי וועלכער ער איז איינגעשטאַנען.

זיינען זיי אַוועק צו דער דוכסה און האָבן זי געבעטן, זי זאָל זיי געבן תקיפות. די דוכסה איז דאַמאָלסט געווען צוקריגט מיט טייבלען. זיי האָבן נישט געוואָלט מחלל שבת זיין און געבעטן, אַז מע זאָל אים היטן ביז זונטאָג אינדערפרי.

די דוכסה האָט אַזוי געטאָן און האָט געשיקט אויפהענגען אַ שלאָס אויפן טויער. און ביי אַלע טירן האָט זי געשטעלט שומרים, וואָס האָבן געהיט אַ גאַנצן שבת און ניט געלאָזט קיינעם אַרויסגיין.

אַז ס׳איז געקומען נאָך הבדלה, האָט דער בעש״ט געהייסן שפּאַנען די פערד, ער האָט זיך אויפגעזעצט און געהייסן דעם משרת פאָרן.

אַז זיי זיינען געקומען צום טויער, האָט זיך אויפגעהויבן דער גאַנצער טויער מיט די סלופּעס און דער בעש״ט איז אַרויסגעפאָרן. די שומרים האָבן קיין זאַך ניט געהערט און ניט געזען.

דער בעש״ט איז פון דאָרטן געפאָרן מיט קפיצת הדרך און איז אויף מאָרגן געקומען אַהיים.

געקומען אַהיים, זאָגט ער צום צדיק ר׳ לייב, דעם פולגער מוכיח, ער זאָל פאָרן קיין סלוצק און זאָל דאָרט פאַרענטפערן דעם בעש״ט.

וואָס ס׳איז געווען, האָט ער ניט געזאָגט.

ר׳ לייב איז געקומען קיין סלוצק און האָט זיך אָנגעגעבן פאַר אַ גרויסן בעל־דרשן. ער האָט געהייסן קלאַפּן אין שול און האָט געזאָגט אַ פיינע דרשה. ס׳איז דעם עולם שטאַרק געפעלן געוואָרן און מע האָט אים געגעבן דרייסיק רענדלעך. דריי שבתים איז ער דאָרט געשטאַנען און אַלע שבת האָט ער געזאָגט אַ נייע דרשה. דער עולם האָט גאָר ניט געקענט אָפּלויבן זיינע דרשות. אַז ס׳איז געקומען דער פערטער שבת, הייסט ר׳ לייב קלאַפּן אין שול, מע זאָל צונויפקלייבן דעם גאַנצן עולם. איינער זאָל ניט איבערבלייבן. מע האָט באַלד אַזוי געטאָן.

אַז עס איז זיך צונויפגעקומען דער גאַנצער עולם, הייבט ר׳ לייב אויף די אויגן און פרעגט: — „ווו איז דער שוחט?״ און ער הייסט שיקן נאָך אים. ער וויל ניט זאָגן, ביז וואַנען דער שוחט וועט ניט קומען. גייען די שמשים צו אים. זעען זיי, ס׳איז פאַרמאַכט טיר און פענסטער. קלאַפּן זיי, קיינער ענטפערט ניט. קומען זיי צוריק אין שול און דערציילן. זאָגט ר׳ לייב, מע זאָל נעמען גוים, זאָלן זיי צעברעכן די טיר, זאָל מען זען, וואָס דאָרט טוט זיך. האָט מען אַזוי געטאָן, ווי ר׳ לייב האָט

געזאָגט. און מע האָט דערוויסט דעם שוחט ביי אַ גרויסער עבירה. האָט מען אים אַרויסגעשלעפּט פון שטוב און אָפּגעטראָגן אין שול אַריין.

און די שמשים האָבן דערציילט אין שול, ביי וואָס זיי האָבן אים דערוויסט. די שטאָטלייט האָבן זיך שטאַרק געוואונדערט. ער איז דאָך גאָרניט געווען אַזאַ רשע. פרעגן זיי אים: — „וואָס איז דיר געוואָרן?" אָבער דאָ האָט ר' לייב אָנגעהויבן צו שרייען:

— רשע, זיי מודה, וואָס דו האָסט געטאָן בעת דער בעש"ט איז דאָ געווען?

האָט ער אויך געמוזט מודה זיין, אַז ער האָט דעם חלף אָנגעקלאַפּט אין זיינע העקלעך און דאָס פליייש איז טאַקע געווען נבלה.

האָבן שוין אַלע געוווּסט. אַז דער בעש"ט האָט אמת געזאָגט.

— דער שוחט איז גאָרניט געווען אַזאַ שטאַרקער רשע — האָט ר' לייב געזאָגט, — נאָר ווײַלע ער האָט געטאָן איין עבירה, האָט עס אים שוין געשלעפּט צו דער אַנדערער.

דער בעל-תשובה.

פאַר דער פּטירה האָט דער בעש"ט ז"ל געשיקט צונויפרופן אַלע זיינע תלמידי און האָט יעדן אָנגעזאָגט, וואָס עס זאָל זיין זיין פּרנסה. אַ טייל פון זיי האָט עס מגלה געווען, וואָס מיט זיי וועט זיך טאָן. צווישן די תלמידים איז געווען אייגער, וואָס איז געווען אַ משמש ביים בעש.ט. ער האָט געהייסן ר' יעקב.

האָט דער בעש"ט אָנגעזאָגט ר' יעקבן: — „דו זאָלסט פאָרן אויף אַלע ערטער, ווו מע קאָן מיך און דערציילן מעשיות פון מיר. דאָס וועט זיין דיין פּרנסה".

ר' יעקב האָט זיך דערפון זייער מצער געווען. — וואָס קען זיין דער תכלית פון מיר — האָט ער געזאָגט — איך וועל זיין נע ונד און נאָר מעשיות דערציילן...

אָבער דער בעש"ט האָט אים מבטיח געווען, אַז ער וועט דערפון רייך ווערן. אַלע תלמידים האָבן הייליק מקיים געווען אַלץ, וואָס דער בעש"ט האָט זיי אָנגעזאָגט. ר' יעקב האָט אויך געהאַלטן וואָרט. ער איז אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד און האָט דערציילט מעשיות פון בעש"ט און האָט געהאַט דערפון שיין פּרנסה.

אין עטלעכע יאָר אַרום נאָכן בעש"טס פּטירה דערהערט אַמאָל ר' יעקב, אַז אין איטאַליע איז דאָ אַן עושר, וואָס צאָלט פאַר יעדער מעשה, וואָס מע דערציילט אים וועגן בעש"ט, אַ גילדן רענדל. האָט זיך ר' יעקב מיישב געווען: ער וועט פאָרן אַהין און וועט אים דערציילן אַלע מעשיות. וועט ער נעמען אַ סך געלט און פאַרשפּאָרן נע ונד צו זיין. קויפט ער זיך אַ פערד און אַ משרת און פאָרט קיין איטאַליע. די נסיעה געדויערט גאַנצע זיבן חדשים. אין וועג איז אים אַוועקגעגאַנגען אַ סך הוצאות. השי"ת האָט אים אָבער געהאָלפן און ער איז בשלום אָנגעקומען אין דער שטאָט, ווו דער עושר איז געווען.

געקומען, הייבט ער זיך אָן צו פרעגן — „וואָס איז דער מער מיטן עושר?" דערציילן אים די שטאָט-לייט, אַז דער עושר איז געקומען מיט אַ יאָר צען צוריק פון אַ פרעמד לאַנד, האָט אָפּגעקויפט ביי אַ פּריץ זיין הויז, אויסגעבויט אַ ביהמ"ד און זיצט דאָרט טאָג און נאַכט און לערנט. שבת צום טיש גייען צו אים די גאַנצע שטאָט-לייט און ער הייסט דערציילן מעשיות פון דעם בעש"ט. נאָך שבת צאָלט ער פאַר יעדער מעשה אַ גילדן רענדל.

איז ר׳ יעקב געגאַנגען אין הויף אַריין און האָט געהייסן מעלדן וועגן זיך דעם עושר: ער וועט אים דערציילן פיל מעשיות פון בעש״ט. האָט דער עושר באַפוילן זאָגן ר׳ יעקבן, אַז ער איז דריגנען זייער געדן, נאָר ר׳ יעקב מוז וואַרטן ביז שבת, דאַן וועט ער דערציילן די מעשיות. דערוויילל האָט ער געהייסן זיינע מענטשן צונעמען ר׳ יעקבן מיט גרויס כבוד און אָפּגעבן אים אַ באַזונדערן צימער, געבן אים אַלצדינג, וואָס ער באַדאַרף ביז שבת.

אַז ס׳איז געקומען שבת, האָבן זיך צונויפגענומען די גאַנצע שטאָט-לייט, כדי צו הערן מעשיות פון בעש״ט.

פרייטאָג צו נאַכט נאָך זמירות, ווען אַלע זיינען געזעסן ביים טיש, הייסט דער עושר ר׳ יעקבן דערציילן אַ מעשה. ר׳ יעקב האָט אָבער פּלוצלונג פאַרגעסן אַלע מעשיות פון בעש״ט. ס׳איז געווען אַ גרויסע בושה. ער ברעכט דעם מוח, ער וויל זיך עפּעס דערמאָנען, אָבער ער האָט אַלץ אַזוי פאַרגעסן, גלייך ווי ער וואָלט דעם בעש״ט קיינמאָל נישט געקענט.

דער עושר האָט געשוויגן, אָבער די שטאָט-לייט האָט זייער פאַרדראָסן אויפן אורח: ווי אַזוי לאַכט מען דאָס אויס פון אַ גאַנצן עולם?

אַ גאַנצע נאַכט נאָכדעם האָט ר׳ יעקב געוויינט און דעם גאַנצן שבת האָט ער אָפּגעפּירט מיט גרויס צער. ער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס דאָס איז. מע פרעגט אים אַלע מאָל:—„האָט איר אייך שוין דערמאָנט?״ ווייס ער ניט, וואָס צו ענטפערן. מע האָט אים געוואָלט אָנטאָן בזיון, נאָר דער עושר האָט ניט דערלאָזט דערצו. נאָך שבת האָט ר׳ יעקב געוואָלט אוועקפאָרן. דער עושר האָט אָבער צו אים אַריינגעשיקט, ער זאָל וואַרטן ביז מאָנטאָג, טאָמער וועט ער זיך עפּעס פאָרט דערמאָנען. ער האָט געוואַרט ביז דינסטאָג און האָט זיך גאָרניט דערמאָנט. ר׳ יעקב האָט ניט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ניט אומזיסט. מיט גרויס צער איז ער אַריין צום עושר זיך געזעגענען. דער עושר האָט אים געגעבן אַ נדבה, געזעגנט זיך מיט אים און ר׳ יעקב איז געגאַנגען זיך אויפזעצן אויף דער פור. און ווי ר׳ יעקב האָט זיך געזעצט אויפן פור, האָט ער זיך דערמאָנט אַ מעשה נורא פון בעש״ט. גלייך האָט ער געשיקט זאָגן דעם עושר, אַז ער האָט זיך דערמאָנט אַ מעשה, וואָס ער אַליין האָט געזען. דער עושר האָט אים געשיקט רופן, האָט אים זייער שיין אויפגענומען און געבעטן דערציילן.

האָט ר׳ יעקב דערציילט: „אַמאָל שבת איז דער בעש״ט ז״ל געווען זייער טרויעריק. אַ גאַנצן שבת האָט ער גאָר קיין קאָפּ ניט אויפגעהויבן. מיר האָבן קיינער ניט געוווסט, וואָס דאָס באַטייט. נאָך הבדלה הייסט דער בעש״ט שפּאַנען די פערד. מיר מיט נאָך צוויי מענטשן האָט ער זיך געהייסן אויפזעצן און מיר זיינען אוועקגעפאָרן. אַ גאַנצע נאַכט זיינען מיר געפאָרן. וווהין מיר פאָרן, האָט קיינער ניט געוווסט, פרעגן אים האָבן מיר מורא געהאַט. בקיצור, גאַנץ פרי זיינען מיר אָנגעקומען אין אַ גרויסער שטאָט. די פערד זיינען צוגעפאָרן צו אַ גרויסן הויז און האָבן זיך דאָרטן געשטעלט. די טירן און די פענסטער פון הויז זיינען געווען פאַרמאַכט. דער בעש״ט האָט אונדז געהייסן אָנקלאַפּן, מיר האָבן אָנגעקלאַפּט. איז אַרויסגעגאַנגען אַן אַלטע יידינע. ווי זי האָט אונדז דערזען, האָט זי אָנגעהויבן יעמערלעך צו שרייען: — וואָס טוט איר דאָ? איר זייט דאָך אַלע פאַרלוירן! ווייסט איר דען ניט, אַז היינט איז פסח ביי די מ ה א מ ת י ן*) און אַז זיי זעען אַ יידן אין גאַס, צערייסן זיי אים אויף שטיקלעך. ווען עס גייט אָבער קיינער ניט אין גאַס, וואַרפן זיי גורל

*) מיר לאָזן איבער דעם אויסדרוק פון אָריגינאַל. ש ב.

און אויף וועמען עס פאַלט דער ביטערער גורל, דעם נעמען זיי אַרויס פון דער שטוב, שלעפּן אים ביז צו זייער קירכן און דאָרט פאַראורטיילן זיי אים צום טויט. איצט, אַז זיי וועלן דערזען, אַז עס זיינען אָנגעקומען פוילישע יידן, וועלן זיי פון אייך אַלע אַ תל מאַכן. על כן אַנטלויפט זיך אונטער דער שטאָט און שטייט דאָרט איבער דעם ביטערן טאָג".

אַזוי האָט די אַלטע יידינע געוויינט און געשריען. דער בעש"ט האָט אָבער גאָרניט געענטפערט. ער האָט אונדז געהייסן אַראָפּטראָגן די זאַכן, האָט אויפגעמאַכט אַ פענסטער און פון דאָרט אַרויסגעקוקט. און אַלע בני בית ליגן נעבעך באַהאַלטן אין ווינקעלעך און שווייגן שטיל. די אַלטע איז ווידער אַרויפגעקומען און האָט געשריען, נאָך וואָס ער מאַכט אויף דעם פענסטער. דער בעש"ט האָט איר גאָרנישט ניט געענט־פערט און אַלץ געקוקט אין פענסטער. זעט ער: אינמיטן מאַרק שטייט אַ גרויסע בימה. זי איז הויך דרייסיק טרעפּ. און אַן עם רב שטייט אַרום און וואַרט אויפן טערקישן בישוף. ווי דער בישוף איז געקומען, אַזוי האָבן אָנגעהויבן צו קלינגען אַלע גלאָקן. אויף די בני בית איז געפאַלן אַ פחד.

פּלוצלונג גיט דער בעש"ט אַ געשריי צו מיר: — „יעקב, גיי גיך, רוף מיר אַרויף דעם בישוף, זאָל ער גלייך קומען צו מיר!"

ווי די בני בית האָבן דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָבן זיי אַלע אָנגעהויבן צו שרייען: — „וואָס ווילט איר? אַ יידן אומברענגען? מע וועט אים דאָך צערייסן אויף שטיקלעך. ווי אַזוי שיקט איר אים אין סכנה!"

זיי האָבן געוויינט פאַר אים און האָבן אים מבזה געווען. ער ענטפערט זיי אָבער קיין וואָרט ניט און זאָגט צו מיר: — „גיי גיך, וווהין איך שיק דיך".

איך האָב זיך גאָרניט געשראָקן. איך ווייס, ווער עס שיקט מיך. בין איך געגאַנגען צווישן דעם עם רב. קיינער האָט מיר קיין וואָרט ניט געזאָגט. איך בין צוגעגאַנגען צו דער בימה און געזאָגט צום בישוף: — „דער בעש"ט איז דאָ. ער האָט דיך געבעטן, זאָלסט גלייך קומען צו אים". ענטפערט ער מיר: — „איך ווייס שוין, אַז ער איז דאָ. גיי, זאָג אים, איך וועל קומען צו אים אין אַ שעה אַרום".

איך האָב אויסגעהערט און בין מיר געגאַנגען צוריק.

די בני בית האָבן דערויף געקוקט דורך אַ שפּאַרע, ווי איך גיי צווישן אַלע פעלקער און קיינער זאָגט מיר קיין וואָרט ניט. איז דאָס ביי זיי געווען אַ גרויס חידוש. זיי האָבן איבערגעגעבן דעם בעש"ט, אָבער ער האָט זיי ניט געענטפערט.

איך האָב דערציילט דעם בעש"ט דעם בישופס תשובה. האָט ער אויף מיר אַ געשריי געטאָן: — „גיי נאָכאַמאָל און זאָג אים, ער זאָל ניט זיין קיין שוטה און זאָל תיכף קומען". איך בין נאָכאַמאָל געגאַנגען צווישן דעם עם רב. קיינער האָט מיך ניט געטשעפּעט. אַז איך בין געקומען אויפן פּלאַץ, האָט דער בישוף נאָר וואָס אָנגעהויבן צו זאָגן אַ דרשה. איך האָב אים אַ שלעפּ געטאָן אינמיטן און געזאָגט: — „גיי תיכף, דער בעש"ט האָט געהייסן, זאָלסט גיין". ער האָט מיך געפאָלגט און איז געגאַנגען מיט מיר צום בעש"ט. זיי האָבן זיך פאַרשלאָסן אין אַ באַזונדערן צימער.

עס האָט געדויערט עטלעכע שעה, ביז וואַנען דער בישוף האָט אים פאַרלאָזן דערנאָך איז דער בעש"ט געגאַנגען און געהייסן גיך שפּאַנען די פערד. מיר זיינען אַוועקגעפאָרן.

וואָס דער סוף איז געווען, ווייס איך ניט. דער בעש"ט האָט מיר ניט געזאָגט, ווי די שטאָט הייסט, ווייס איך אויך ניט"... אָט אַזוי האָט ר' יעקב אויסגעלאָזט די מעשה.

ווי דער עושר האָט אים אויסגעהערט, האָט ער אויפגעהויבן די הענט צום הימל, געלויבט גאָט, וואָס ער האָט אים מזכּה געווען צו הערן די מעשה, און געזאָגט צו ר' יעקבן: — איצט וועל איך דיר דערציילן דעם סוף פון דער מעשה:

„איך בין דאָס אָט דער טערקישער בישוף, וואָס דו האָסט מיך דענסטמאָל געּרופן. איך בין געווען אַ פרומער ייד. נאָכדעם בין איך אַריינגעפאַלן אין שלעכטס און האָב מיך געשמדט. איך בין געוואָרן אַ טערקישער בישוף.

עס איז מיר זייער גוט געווען. איך בין געווען אַ גרויסער רשע און פלעג ריידן אויף יידן. נאָר אַ גליק איז געווען, וואָס איך האָב געהאַט זייער גרויסע זכות אָבות אויף יענער וועלט. האָבן זיי געבעטן דעם בעש"ט, ער זאָל זען מיך אַרויסציען פון עמקי הקליפות. פלעגט ער זיין ביי מיר אַלע נאַכט אין חלום און איך פלעג אים תמיד צוזאָגן. יענע נאַכט האָב איך אים צוגעזאָגט, אַז איך וועל אַנטלויפן פון דער שטאָט.

ווי איך בין אָבער אויפגעשטאַנען און האָב דערזען דעם גרויסן כבוד, וואָס מע האָט מיר אָנגעטאָן, האָט מיר מיין יצר הרע ניט געלאָזט מקיים זיין מיין צוזאָג. ווי איך בין אַרויסגעּגאַנגען אויס דער שטוב, האָבן אָנגעהויבן קלינגען אַלע גלאָקן; האָט מיר מער תּאוה אָנגענומען, איך זאָל ניט אַוועקלאָזן מיין שטעלע. אין דעם גלייכן, אַז דו ביסט אָנגעּקומען מיך רופן, האָט מיך דער יצר הרע אָנגערעדט, איך זאָל פריער זאָגן די דרשה, דערנאָך זאָל איך גיין צום בעש"ט. נאָר ווי דו ביסט מיך געקומען רופן נאָכאַמאָל, בין איך געוואָרן אַן אַנדער מענטש. און אַז איך בין געקומען צום בעש"ט, האָט ער מיר אַרויסגעגעבן אַ תּשובה, געהייסן מיר אויסטיילן מיין פאַרמעגן אויף דריי חלקים: אַ חלק איינטיילן אָרעמע לייט, אַ חלק אָפּגעבן דעם מלכות, ער זאָל מיך אַרויסלאָזן פון זיין מדינה און אַ חלק זאָל איך האַלטן ביי זיך. דערביי האָט ער מיר אָנגעזאָגט: — אַז מע וועט דיר דערציילן דיין מעשה, וועסטו וויסן, אַז די תּשובה איז נתקבל געוואָרן. איך האָב אַלץ געטאָן און בין אַרויס אַהער. איך האָב געקויפט דעם הויף און טו תּשובה מיטן גאַנצן האַרצן. ווי איך האָב דיך דערזען, האָב איך דיך דערּקענט און האָב געוואָלט, דו זאָלסט מיר דערציילן די מעשה. אָבער אַז איך האָב געּזען, אַז דו האָסט פאַרגעסן אַלע מעשיות, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז צוליב מיר. האָב איך נאָך מער רעכט תּשובה געטאָן, ביז וואַנען גאָט האָט מיר געהאָלפן, האָסט זיך דערמאָנט. היינט ווייס איך, אַז מיינע חטאים זיינען פאַרגעבן געוואָרן. אַצינד וועל איך דיר געבן אַ סך געלט און דו וועסט ניט דאַרפן נע ונד זיין.

*

היינט זעט מען, ווי דער כּוח פון תּשובה איז גרויס, אַז פון אַ מומר איז געּוואָרן אַ גרויסער צדיק. השי"ת זאָל אונדז העלפן, מיר זאָלן זוכה זיין לבעלי תּשובה און גיך צוזען בנחמות ציון וירושלים אמן.

דער בעש"ט איז מנצח די כּתות פון שבתאי צבי.

דאָס איז ידוע, אַז די כּתות פון שבתאי צבי, ימח שמו וזכרו, האָבן געוואָלט אַראָפּפירן די יידן פון דרך הישר און פאַרפירן זיי אויף קרומע, פינסטערע וועגן.

עס איז געווען אַ מלחמת השם און אין דער מלחמה האָט אויך דער בעש״ט הקדוש אַן אָנטייל גענומען.

איינמאָל זייגען די כּתות פון שבתאי צבי געווען ביי דעם בישוף פון קאַמינקע און מקטרג געווען אויף דער גמרא, וואָס הייסט תּלמוד בבלי. דער בישוף האָט באַפוילן אַלע ספרים צו פאַרברענען. ער האָט נאָך געוואָלט דורכפירן, אַז אין גאַנצן לאַנד זאָל זיך קיין איין גמרא ניט געפינען און צוליב דעם האָט ער זיך געווענדעט צום מלך, כּדי ביי אים די זאַך צו פּועלן און דורכפירן די גזירה בחותם המלך. איז געוואָרן אַ רעש. די וואָס זייגען נאָענט געווען למדינת וואַלאַכיע, האָבן אַוועקגעשיקט זייערע ספרים אַהין. דער בישוף האָט דערווייל גענומען אַ ש״ס ביי זיין רענדאַר און געבראַכט די ספרים קיין קאַמינקע. דאָ האָט ער געהייסן אָנלייגן אַ פייער אין מיטן מאַרק און בפני כּל עם ועדה דורכפירן די ביטערע גזירה.

די מעשה איז אים אָבער גלאַט ניט אַראָפּ. גלייך דעמזעלבן טאָג איז ער ניזוק געוואָרן. ווען ער איז געפאָרן אַהיים, האָט אים גענומען וואַרפן פון זיין פּלאַץ אַראָפּ, און עס האָט אים אַזוי געוואָרפן אָן אַן אויפהער, ביז ער איז מת געוואָרן. און דאַן איז די גזירה בטל געוואָרן.

דאָס האָט דער בעש״ט געפּועלט, ווען ער האָט זיך געפונען אין די עולמות העליונים.

די כּיתות פון שבתאי צבי האָבן זיך נאָך אָבער אַלץ ניט געשטילט. זיי האָבן ווידער מלשין געווען אויפן תּלמוד בבלי. איצט איז די זאַך געקומען לפני הבישוף מלבוב. האָט ער געהייסן, זיי זאָלן אַ ויכּוח האָבן מיט רבנים מכּוח דער גמרא תּלמוד בבלי. האָבן זיי געהאַט אַ ויכּוח. דער בישוף האָט געהערט, וואָס עס האָט זיך געטאָן מיט יענעם בישוף און האָט מורא געהאַט מרשיע צו זיין. ער האָט געהאַלטן מיט די יידן און די יידן האָבן ביי אים געפּועלט, מע זאָל מאַכן אין די כּיתות פון שבתאי צבי אַ סימן, זיי זאָלן ניט פאַרפירן נאָך יידן. דער בישוף האָט באַפוילן, מע זאָל ביי די שבתאי־צביניקעס אָפּגאָלן אַ פּאָה און אַ האַלבע באָרד. מחמת גרויס בושה האָבן זיי זיך דאַן אַלע געשמדט.

די גזירה אויף תּלמוד בבלי איז ווידער בטל געוואָרן.

דער בעש״ט וויל באַקעמפן יעקב פראַנק.

פון הימל האָט מען דעם בעש״ט מגלה געווען, אַז ער, דער בעש״ט, און ר׳ מאיר פּרימישליאַנער דער ערשטער מיט נאָך איינעם ר׳ משה פּאַסטוך, וועלן אײנדרייען קענען מכניע זיין דעם רשע פראַנק ימח שמו. איז דער בעש״ט געגאַנגען צו ר׳ מאיר פּרימישליאַנער און זיי ביידע האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אויפזוכן דעם ר׳ משה פּאַסטוך. ענדלעך האָבן זיי אים אויפגעזוכט. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דיזער ר׳ משה איז אַ פּראָסטער און גראָבער נפש געווען. זיי האָבן אים געטראָפן פּאַשענדיק שאָף אויף אַ באַרג. די שאָף זייגען געווען צעשפּרייט אַרום באַרג און ער איז ביים ברעג פון אַ גרויסער גרוב געשטאַנען און מיט די אַלע כּוחות זיינע האָט ער געהאַלטן אין איין שרייען: — „זיסער גאָט מייגער, מיט וואָס קען איך דיר דינען? ווען דו וואָלסט שאָף געהאַט, וואָלט איך זיי דיר אומזיסט געפּאַשעט". ער איז אַלע מאָל די גרויסע גרוב איבערגעשפּרונגען און האָט מיטן גאַנצן כּוח זיינעם געשריען: — דאָס אַלעס טו איך

צוליב זיין נאָמען יתברך". און היות ער האָט דאָס געטאָן מיט גרויס חשק און געוואַל־דיקער התלהבות אַ גאַנצן טאָג, האָט דער בעש"ט דערזען, אַז די עבודה פון ר' משה פּאַסטוך איז גרעסער פון זיין אייגענער עבודה. איז דאַן דער בעש"ט צוגעגאַנגען צו אים און האָט אים געזאָגט, אַז ער וויל מיט אים עפּעס ריידן. האָט אים ר' משה פּאַסטוך געענטפערט: — „איך בין אַ שכיר יום און איך טאָר ניט אַוועקנעמען מיין צייט אויף צו ריידן מיט דיר". האָט זיך דער בעש"ט דאַן צו אים אָנגערופן: — „פון־דעסטוועגן שטערסטו זיך דאָך פון דיין אַרבעט, צו שפּרינגען אַלע מאָל איבער דער גרוב". האָט דער פּאַסטוך געענטפערט: — „פון הש"יס וועגן מעג איך". האָט זיך צו אים דער בעש"ט דאַמאָלסט אָנגערופן: — „אויך איך וויל מיט דיר פון גאָטס וועגן ריידן", איז באַלד דער פּאַסטוך אין געוואַלדיקער התלהבות אין זיין עבודה אַריינגע־פאַלן, און יעדעס מאָל איז די התלהבות זיינע אַלץ שטאַרקער און גרעסער געוואָרן. און דער בעש"ט האָט געזען, ווי די עבודה זיינע שפּאַלט די פענסטער פון די הימלען און צעברעכט די קליפּות. האָט זיך צו אים דאַן דער בעש"ט אָנגערופן: — „עס איז פאַראַן אַ מאַן, וואָס וויל אונטערברעכן די יסודות פון אונדזער אמונה".

ר' משה פּאַסטוך האָט אים געפרעגט, ווער עס איז דער מאַן, און איז ווידער־אַמאָל אין גוואַלדיקער התלהבות אַריינגעפאַלן.

אַז דער בעש"ט האָט געזען, אַז זיינע ווערטער מאַכן אַ רושם אויפן פּאַסטוך, האָט ער מיט אים אָנגעהויבן לערנען ראשי פּרקים פונם יידישן גלויבן. ער האָט אַ פרעג געטאָן דעם פּאַסטוך: — „איז דאָ פאַראַן אַ ברונעם און קוואַל צו וואַשן און צו טובלען זיך, וועל איך מיט דיר נאָכדעם גאָטס תורה לערנען".

דער פּאַסטוך האָט אים צוגעפירט צו אַ קוואַל וואַסער, וואָס האָט זיך אונטער דעם באַרג געפונען. האָבן זיי זיך דאָרטן אָפּגעטובלט. נאָך דער טבילה האָט דער בעש"ט אים אָנגעהויבן צו לערנען דעם א"ב. נאָכער האָט ער אים דערציילט וועגן דעם חורבן פון בית המקדש און גלות ישראל און גלות השכינה און האָט אים געזאָגט, אַז עס איז שוין געקומען די ריכטיקע צייט צו בעטן וועגן גלות השכינה.

און אָט אַזוי האָבן זיי אין געוואַלדיקער התלהבות פאַרבראַכט און האָבן אינדרייען מתפּלל געווען און עס איז אַ גרויסער רעש אין הימל געווען.

דער שטן האָט עס נאַטירלעך ניט געוואָלט ליידן. און כּדי די דריי צדיקים זאָלן פונאַנדערגעשיידט ווערן, כּדי אָפּצושוואַכן דעם רושם, וואָס זיינע תפילות האָבן אויפן הימל געמאַכט, האָט ער אונטערגעצונדן די שטאָט און די גלעקער האָבן אָנגע־הויבן צו קלינגען. זיינען זיך דאַן די שאָף און רינדער צעלאָפן און האָבן זיך אין פאַרשיידענע ווינקעלעך פון פעלד אויסבאַהאַלטן. דאַן האָט ר' משה פּאַסטוך איבער־געלאָזט דעם בעש"ט און ר' מאיר פרימישליאַנער און איז געלאָפן די שאָף צונויפקלייבן.

מער האָט דער שטן ניט באַדאַרפט. זייער עבודה איז בטל געוואָרן, און די טומאה איז ביי איר גאַנצן פריערדיקן כּח געבליבן.

דער בעש"ט וויל די גאולה ברענגען.

אויף די עלטערע יאָרן האָט דער בעש"ט געוואָלט די גאולה אַראָפּברענגען. ער האָט אָבער אויף דעם זיכערסטן וועג געוואָלט גיין. האָט ער באַשלאָסן, ער זאָל צו זיך נעמען פאַר אַ שותף ר' חיים בן עטר*).

*) דעם „אור החיים".

ווארום אין דעם איז ער זיכער געווען, אז אין דעם מאָמענט, וואָס ער וועט זיך מיטן אור החיים צוזאַמענקומען, מוז די גאולה קומען.

ווייל דער שורש פון אור החיימס נשמה איז געווען אין „רוח" פון דוד המלך און דער שורש פון בעש"טס נשמה איז געווען אין נפש פון דוד המלך.

האָט דער בעש"ט געוואָלט פאָרן קיין א"י זיך זען מיטן „אור החיים", כדי זיי זאָלן זיך מתקשר זיין צוזאַמען נפש ברוח. וועט די גאַנצע נשמה פון דוד המלך אין איר פולן גלאַנץ דאַמאָלסט נתגלה ווערן, וועט דאַן קענען די אמתע גאולה קומען.

האָט דאַן דער בעש"ט זיך אָנגעפרעגט ביים אור החיים דורך זיין שוואָגער ר' גרשון, צי ער זאָל פאָרן קיין א"י זיך זען מיט אים. דערויף האָט אים ר' חיים געענטפערט, ער זאָל אים מודיע זיין, צי ער זעט פאַר זיך דאַמאָלסט, ווען ער זעט דאָס געשטאַלט זיינס אויפן הימל, די אַלע אברים זיינע. האָט אים דער בעש"ט געענטפערט, אַז אַלץ זעט ער, נאָר די פּיאַטעס—ניט. האָט אים ר' חיים געענטפערט, אַז ער זאָל קיין א"י ניט פאָרן.

דעם בעש"טס נשמה שיר אין הימל ניַשט פאַרבליבן.

איינמאָל אין אַ שבת בייטאָג איז דער בעש"ט זיך געגאַנגען צולייגן, ווי דער שטייגער זיינער איז געווען. אין אַ שעה אַרום האָט מען אים שרייען דערהערט. זיין פרוי איז צו אים אויף דער גיך צוגעלאָפן און האָט אים פון שלאָף אויפגעוועקט. האָט ער זיך צו איר אָנגערופן: — „דו האָסט זייער גוט געטאָן, וואָס דו האָסט מיך פון שלאָף אויפגעוועקט. ווען ניט, וואָלט איך געווען געשטאָרבן". און ער האָט דאַמאָלסט צוזאַמענגערופן די חברים און האָט זיי דערציילט, וואָס מיט אים איז פאָרגעקומען:

— איר ווייסט דאָך—האָט ער זיין דערציילונג אָנגעהויבן—אַז אַלע שבת ביי דער שטילער שמונה-עשרה ביי מוסף, ווען מיין נשמה גייט דורך יחודים אויפן הימל אַרויף, וויזט מען מיר די עולמות העליונים און איך זע, ווי די הייליקע נשמות זיצן און פאַרברענגען בישיבה של מעלה און זיינען עוסק אין דער פרשת התורה און אין סודות העליונים. מע ערלויבט מיר צו הערן און צו לערנען דאָרטן און נאָכדעם איבערגעבן אַלעס אויף דער וועלט צו די מענטשן פון מיין דור. אין דער תורה, וואָס איך זאָג ביי שלש סעודות, גיב איך איבער נאָר אַ ביסל פון דעם אַלעם, וואָס איך לערן דאָרטן. זיינען שוין פילע יאָרן ביי מיר אַוועקגעגאַנגען אין בענקעניש צו זען דעם פריינד מיינעם, דעם פון גאָט אויסדערוויילטן ר' נחמן קאָסאָווער און צו וויסן, וואָס ער טוט אויפן עולם הנצחי. איך האָב אָבער אַלץ דעם געליבטן פון מיין נשמה ניט געקענט געפינען. האָב איך געבעטן אין די יחודים מיינע, מ'זאָל אַרויפברענגען מיין נשמה צום פלאַץ, ווו ר' נחמן געפינט זיך. מ'האָט אָבער מיין פאַרלאַנג ניט דערפילט. עס איז קיין דערלויבעניש ניט געגעבן געוואָרן. האָב איך דאַמאָלסט געבעטן גאָט, ער זאָל מיך מזכה זיין צו זען דעם צדיק. דערויף האָב איך אַ תשובה געקראָגן, איך זאָל מאַכן אַזוינע יחודים ווי ער. האָב איך עס הייגט די יהודים געמאַכט און אַ שרעקלעכע זעונג געזען. איך בין אויף אַ נייעם פלאַץ אין די עולמות העליונים אָנגעקומען. אין מיין לעבן האָב איך אַזוינע שיינע בנינים ניט געזען, געבויט פון גאָלד און גינגאָלד און פון טייערע שטיינער פון נופך און ספיר געשניטן. אין די אַלע פאַלאַצן האָבן זיך פילע הונדערטער בתי מדרשים געפונען, וואָס זיינען אויסגע-

הויער גרויס געווען אין דער לענג, אין דער ברייט און אין דער הויך. און די אַלע ב״מ זייגען פול געווען מיט תלמידי חכמים. יעדער איינער האָט ווי אַ מלאך אלהים אויסגעזעהן. און זיי האָבן תורה געלערנט: יעדער איינער מקרא, משנה, גמרא און אַגדה. און צווישן זיי זייגען לומדים מופלגים געווען, וואָס האָבן די סודות התורה געלערנט. אייניקע האָבן געזאָגט תהילים, שירות ותשבחות אין די טויזנטער און די צענדליקער טויזנטער אין די אַלע בתי מדרשים. בין איך שטאַרק דערשראָקן געוואָרן פון דעם גרויסן טומל, וואָרום די קולות האָבן זיך זייער ווייט און ווייט געטראָגן.

האָב איך געפרעגט: — צו וועמען באַלאַנגען דאָס די אַלע טייערע אוצרות?

האָט מען מיר געענטפערט: — „צום חסיד, דער געליבטן פון גאָט, דעם הייליקן ר׳ נחמן קאָסאָווער". און אַז איך בין צו זיין מחיצה צוגעקומען, האָט ארום אים אַן איידעלער און רויטער פלאַם פייער געברענט, אַזוי, אַז די אויגן מיינע האָבן די גרויסע העלקייט ניט געקאָנט אויסהאַלטן און איך בין שיר ניט בלינד געוואָרן. נאָכ־דעם האָב איך אים פנים אל פנים געזען. האָט ער אויסגעזעהן ווי אַ מלאך אלקים: זייער שרעקלעך, אָנגעטאָן אין ווייסן און האָט געשיינט ווי דער הימל. און אויפן קאָפּ האָט ער אַ טלית געטראָגן, וואָס האָט געגלאַנצט און געלויכטן פון איין עק וועלט ביזן צווייטן. האָב איך זיך צו אים אָנגערופן: — צו וועמען געהערט דאָס אָט דיזער גאַנצער אוצר פון הייליקע נשמות? ווער זייגען עס אָט יענע אַלע הייליקע חברים?"

האָט ער מיר געענטפערט: — „ברודער, דאָס זייגען די נשמות, וואָס איך האָב מתקן געווען ביי מיין לעבן. אויב דו ווילסט מיט מיר זיין אויף דעם עולם הנצחי— האָט ער צו מיר ווייטער געזאָגט— גיב איבער דיין נשמה צום מלאך, וואָס איז דיר ידוע, וועט דיין גוף איבערבלייבן טויט אויפן עולם השפל. און איך מיט דיר וועלן דאָ מאַכן יחודים צום רבש״ע, אַזוי ווי מיר פלעגן טאָן, ווען מיר זייגען אויפן עולם השפל געווען. און אפשר וועט דער אייבערשטער מגלגל זיין אַ זכות צוליב אונדז, עס זאָל דער ווילן פון אייבערשטן נתגלה ווערן, צו העלפן די פאַרשטויסענע, וואָרום ביז וואַנען נאָך וועט דער קץ אָפּגעלייגט ווערן? דו וועסט דאָך דערפון מרויח זיין—דאָס וואָס דו וועסט דעם מלאך המות ניט זען. דאַן וועל איך צוזאַמען מיט די אַלע איבע־ריקע נשמות פון די צדיקים פירן דיך צום פּאַלאַץ, וואָס איז אָנגעגרייט פאַר דיר, און עס וועט אויך אויפן עולם הנצחי אַ חבורה ווערן".

האָב איך זיך דאַן צו אים אָנגערופן: — וואָס זאָל איך אָבער טאָן, אַז די נשמה מיינע וויל, איך זאָל אין ארץ־ישראל באַגראָבן ווערן, וואָרום פון דאָרטן קען די נשמה אַן עליה האָבן, ווי עס שטייט געשריבן.

האָט ער מיר דערויף געענטפערט: — „דו זאָלסט וויסן זיין, אַז דו וועסט אין ארץ־ישראל ניט שטאַרבן, וואָרום איך האָב עס אייניקע מאָל אין דער ישיבה של מעלה געהערט. דעם טעם קען איך דיר נאָך איצט ניט מגלה זיין דערפאַר, וואָס דיין נשמה איז נאָך אין גוף באַהעפט, וואָרום אויך אויף מיר איז צוליב דעמזעלבן באַהאַלטענעם טעם נגזר געוואָרן צו שטאַרבן אין חוץ לאָרץ. ווען דו וועסט דיין נשמה אָט יענעם מלאך איבערגעבן, וועט פאַר דיר אַלעס קלאָר ווערן". איך האָב אָבער גרויס קלעמע־ניש געפילט וועגן מיין בן־יחיד און מיין בת־יחידה צו שטאַרבן אָן דעם, איך זאָל פאַר זיי מיין צוואָה און הדרכה איבערלאָזן; אָן דעם, איך זאָל זיי זאָגן, וואָס עס וועט אין דער צוקונפט טרעפן.

איז דאַמאָלסט אַ גרויסער קאַמף פאָרגעקומען ביי מיר אין געדאַנק, צי איך זאָל טאָן, ווי ער האָט מיר געהייסן, אָדער איך זאָל ווי אַלע מענטשן פון דער ערד אַוועקגיין

און ער איז נאָך אַלץ צו מיר צוגעשטאַנען.

כ׳ וב איך דאַן ביטער אָנגעהויבן צו שרייען און אין אַ גרויס געוויין אויסגע־בראָכן, וואָס איך באַדאַרף זיך אָפּשיידן פון מיין פרוי, מיין זון און טאָכטער און אייניקל בפרט נאָך פון מיינע חברים.

הגם מיין נשמה איז נאָך אַלץ געווען דאַן צו מיין גוף צוגעבונדן, נאָר איך האָב ברעה געהאַט צו טאָן, ווי דער מהרין האָט מיר געהייסן. דורך מיין פרויס גע־שרייען אָבער האָט זיך די נשמה צוריק צום גוף אומגעקערט".

ר׳ ישראל בעש״טס כח...

יעדער זאַך, וואָס ס׳איז אויף דער וועלט פאַראַן, האָט אַ שר, אַ מלאַך, וואָס איז אויף דעם ממונה. אַ מינדסט גרעזל שפּראָצט נישט אַנדעריש פון דער ערד אַרויס, ביז דער מלאַך שלאָגט אין דעם און זאָגט: וואַקס! פייער איז נישט ביכולת ממלא צו זיין די טבע, ביז דער מלאַך באַפעלט און זאָגט: ברען! וואַסער, אַ שטייגער דער ים הגדול מיט זיינע ברילנדיקע וואַסערן, טאַנצנדיקע כוואַליעס, האָט נישט דעם כח זיין זאַמדיקע גרענעץ אַריבערגיין און די ערד פאַרפלייצן, ביז דער שר של ים באַ־פעלט און זאָגט: פלייץ! און אַפילו ס׳קלענסטע טייכל האָט אויך זיין מלאַך הממונה..

און אַט וועל איך אייך טאַקע אַ מעשה פון אַ מלאַך הממונה דערציילן.

פאַר כביכול איז אַמאָל געקומען אַ מלאַך, וואָס איז אויף אַ טייך ממונה געווען, און אַזוי געזאָגט:

קובל אַני על ישראל בנך—כ׳קלאָג מיך אויף ישראל דיין זון, וועלכער האָט מיין עבודה און משמור מבטל געווען...

ביי דעם און דעם טייך פלעגט מיין משמור זיין, יעדן פרימאָרגן פלעג איך מיינע זילבער־ווייסע פליגלען אין דעם פון ווינט געפּאַלדעוועטן וואַסער טובלען, מיט דעם רויש פונם וואַסער פאַר דיר שירה זאָגן און צו יעדער צייט גרייט געווען דיין רצון ממלא צו זיין...

איינמאָל בין איך ווי געוויינלעך אויפן פרימאָרגן אויפגעשטאַנען, מיט דעם קול פון די וואַסערן געוואָלט פאַר דיר שירה זאָגן, געאיילט מיינע שניי־ווייסע פליגלען אינם קרישטאָל־קלאָרן וואַסער טובלען; פּלוצים, האָבן זיך מיינע צאַרטע פליגלען אין האַרטער ערד אָנגעשלאָגן און מיינע אויגן האָבן אומגלויבלעכעס דערזען, ס׳איז אויפן אָרט פונם טייך אַ יבשה אויסגעוואַקסן.

האָט מיך אַ ציטעריניש אָנגעכאַפּט, אַ שרעק איז מיך באַפאַלן, כ׳האָב מורא געהאַט, טאָמער האָבן עס מיינע עונות גורם געווען... האָב איך ביי אַלע וואַסערן פון דער וועלט געפרעגט, ווער ווייס מיר וועגן דעם עפּעס צו זאָגן?

ביז איך האָב זיך דעם שר של ים דערפרעגט. האָט ער מיר אַזוי מוסר געווען, אַז ס׳האָט ישראל דיין זון, צוליב אַן אשה, וועלכע איז בשוגג אין די וואַסערן פונם טייך דערטרונקען געוואָרן, אויפן טייך זיין צאָרן אויסגעגאָסן און גוזר געווען, אַז ס׳זאָל דער טייך אינגאַנצן פון דער וועלט אַראָפּגעווישט ווערן און אויף זיין אָרט זאָל יבשה ווערן... פאַרלאַנג איך, בכדי ס׳זאָל מיין שמוש נישט בטול ווערן, זאָל בית־דין של מעלה דעם גזר מבטל זיין און עס זאָל דער טייך אויף זיין אָרט צוריקקערן ...

זיינען צוויי מלאָכים בדמות אנשים געשיקט געוואָרן, זיי זאָלן די זאַך חוקר ודורש זיין.

אַז די מלאָכים זיינען פאַרן בית-דין של מעלה צוריקגעקומען, האָבן זיי אַזוי דערציילט:

נעבן מעזשיבוזש, דאָס אָרט ווו ר׳ ישראל בעל-שם-טוב וווינט, איז פאַראַן אַ דאָרף. דאָרט זיינען ס׳רוב איינוווינער בני עשו, און דער מעוט — יידן. אַלע זיינען ביי פערד און קו זיך עוסק און אין דער דאָרפישער פּראָסטקייט מיט ראשם ורובם אריינגעטאָן. האָט אָבער דאָרט אַן אַלמנה געוווינט. איז זי נישט קיין עשירה געווען, נאָר בזיעת אַפּה איר פרנסה זיך אויסגעאַרבעט. פלעגט זי איר ביסן אויף צוויי טיילן און דעם בעש״ט מיט זיינע בני בית מפרנס זיין. האָט טאַקע ביים בעש״ט אין הויז קיין ביסל מעל נישט געפעלט און צייטנווייז איז אַ שטיקל פיש און פלייש אויך געווען...

דאָס לעצטע מאָל אָבער, בעת זי איז צום בעש״ט ווי שטענדיק געפאָרן, איז איר דעם טייך אַריבערצוגיין אויסגעקומען. ס׳איז אין מיטן העלן טאָג געווען: גייט זי זיכער. אַגב איז זי דאָך עפּעס אין אַ מצוה עוסק... פּלוצים, צעוואַקסט זיך דער טייך, ס׳הייבט זיך דאָס וואַסער, גרייכט עס דער אשה ביזן האַלדז. ראַנגלט זי זיך, רופט די הילף, אָבער איידער וואָס-ווען, זי איז שוין דערטרונקען.

אַז ס׳האָט זיך דערוווסט דער בעש״ט, האָט ער שטאַרק תערומות און גרויסע יסורים געהאַט. האָט ער מיט רוגזה אויסגערופן: — „כ׳בין גוזר, ס׳זאָל דער טייך איינגאַנצן פון דער וועלט אָפּגעמעקט ווערן און אויף זיין אָרט זאָל יבשה זיין״...

האָט בית-דין של מעלה די שילוחים אויסגעהערט און זיך געזעצט דעם דין לאַמיתו מברר זיין.

זיינען געקומען מליצים און געטענהט: — „ר׳ ישראל בעל-שם-טוב איז גערעכט און זיין גזרה איז רעכט, אַז נישט וועלן דאָך די כופרים טענהן: — „זו צדקה וזו שכרה?...

איז אָבער פון דער זייט עפּעס אַ קטרוג אָנגעקומען און אַזוי געזאָגט: — „אמת, ס׳דאַרף דער טייך זיין עונש באַקומען, בכדי ס׳זאָלן די כופרים טאַקע נישט זאָגן זו צדקה וזו שכרה... אָבער ווייל ר׳ ישראל בעל-שם-טוב איז דאָך געווען אַ נוגע, ס׳האָט דאָך די אשה אים און זיינע בני-בית מפרנס געווען... האָט ער דאָך בעתן פּסק אַ כל-שהוא פון נגיעה געהאַט, על-כן האָט ער נישט געהאַט קיין רשות אַליין צו משפטן, דעריבער איז דער דין שלא כהוגן... דאַרף בית-דין די גזרה מבטל זיין״.

איז מען אין הימל טאַקע כחוט השערה מדקדק. איז עס דאָך אָבער דער בעש״ט, וועלכער האָט געקאָנט זיין אַ מרחף ואינו נוגע... האָט זיך די פמליא של מעלה אַן עצה געהאַלטן און אַזוי געפּסקנט: גזירת צדיק אין להשיב. „אי ס׳האָט די אשה דעם בעש״ט און זיין בני-בית מפרנס געווען — טענהט דער קטרוג — האָט דאָך דער בעש״ט אַ כל-שהוא נגיעה געהאַט און נישט געטאָרט אַליין משפטן, דאַרום דאַרף די גזרה בטל ווערן״. על-כן גיט בית-דין רשות דעם מלאך, וועלכער איז פון זיין שמוש בטל געוואָרן, ער זאָל ביי אַ שעת הכושר אויף דעמזעלבן אָרט אויף אַ קליינע צייט אַטיין מאַכן און מיט איינעם פון בעש״טס צווייטן דור מלחמה פירן... און דעמאָלט, איוב ס׳וועט דער מלאך גובר זיין און ס׳וועט זיין ידו על העליונה... באַקומט ער רשות, עס זאָל אויף דעם אָרט ווידער אַ טייך בלייבן.

האָט מען דעם פּסק פאַרן בעש״ט מגלים געווען...

דערווייל זיינען יאָרן אַוועקגעגאַנגען. דער בעש״ט איז אין דער ישיבה של מעלה נתבקש געוואָרן. און די מעשה וועגן בטל־געוואָרענעם טייך איז אויף דער ערד ווי פאַרגעסן געוואָרן.

*

אַ צייט נאָכן בעש״טס הסתלקות איז גראָד דער זון זיינער אין יענעם וועג געפאָרן. אַז ס׳איז די נאַכט צוגעפאַלן, האָט דעם בעש״טס זון איינגעדרעמלט. באַטראַכט זיך דער פורמאַן: דער וועג איז דאָ אַ גלייכער, וועלן שוין די פערד אַליין טראָפּן, וויקלט ער די לייצעס אויפן האַנט אַרום, אַ האַנט אין אַ האַנט פאַרשטעקט און פּרוּווט זיך אויך אַ דרעמל כאַפּן.

דרעמלען זיי און פאָרן.

דרעמלענדיק דערהערט פּלוצים דעם בעש״טס זון, ווי די רעדער פּאַטשן אין אַ וואַסער. די פור איז אין אַ גרויסן טייך אַריינגעפאַלן, און וואָס אַמאָל זינקט זי טיפער, וואָס ווייטער ווערט די סכנה גרעסער און נאָך אַ ווײַלע און ס׳איז שוין באו מים עד נפש... ס׳ווילט זיך שוין ח״ו אין יאוש אַריינפאַלן... איז עס דאָך אָבער דעם בעש״ט הקדושס זון, איז ווי פון זיך אַליין צעשטרעקן זיך די הענט, און דאָס האַרץ צום הימל רופט און אָן לשון תחנונים בעט...

גייט פאַרביי אַ ווײַלע, דערזעט ער, ווי עפּעס אַ פייערדיקע געשטאַלט צעוואַקסט זיך און שפּרייזט גלייך אין טייך אַריין און דאָס וואַסער ווי אין שרעק אויף הינטערווײַלעכץ אַנטלויפט... נאָכדעם האָט זיך די געשטאַלט אויסגעדרייט און געגאַנגען פאָרויס און די פור איז פון הינטן אַזוי ווי אין לופטן הענגענדיק נאָכגעפאָרן. און אַז ס׳האָט זיך שוין געהערט די רעדער אויף האַרטער ערד קלאַפּן, איז די געשטאַלט מיטאַמאָל נעלם געוואָרן...

אַז דעם בעש״טס זון האָט די אויגן אויפגעמאַכט, איז די פור נעבן אַ קרעטשמע געשטאַנען. גלייך האָט ער דעם פורמאַן אויפגעוועקט. ביידע זיינען אין קרעטשמע אַריינגעגאַנגען, מעריב געדאַוונט, וועטשערע געגעסן. נאָכדעם האָט ער געהייסן פאַרן פורמאַן מאַכן אַ געלעגער און פאַר זיך האָט ער פאַרלאַנגט, מע זאָל אים אין אַ חדר מיוחד אַ געלעגער צוגרייטן.

פאַרטאָג, אַז ס׳איז שוין ליכטיק געוואָרן, האָט ער דעם פורמאַן אויפגעוועקט, אים געהייסן די פערד שפּאַנען, פון קרעטשמע אַרויספאָרן, בכדי אין די ערשטע שעהן פון טאָג אַהיים אָנקומען.

אַז ער איז אַהיים געקומען, האָבן זיך די מקורבים „שלום נעמען" אויפגעזאַמלט, ובכדי לפרסם את הנס, האָט ער זיי די מעשה פון דער נאַכט דערציילט און געזאָגט: בעת ער האָט זיך אין קרעטשמע אויפן געלעגער געלייגט, איז צו אים דער פאָטער זיינער, דער בעש״ט הקדוש, געקומען און צו אים אַזוי געזאָגט: — „מיין קינד, ביסט די נאַכט אין גרויס סכנה געווען... ס׳האָבן איבער דיין גוף שטאַרקע וואַסערן געפליצט, און דאָס איז דערפאַר, וואָס כ׳האָב אַמאָל אַ טייך פון דער ערד מעביר געווען און אַ מלאך פון זיין שימוש מבטל געווען. זיינען אָבער געקומען די מליצים און מיר דעם פּסק, וואָס ס׳האָט בית־דין של מעלה אַרויסגעגעבן, מוסר געווען און מיך געאיילט, כ׳זאָל אַליין גיין דיין גוף מציל זיין. האָב איך אָבער אַ רגע חס געהאַט מיין געלייטערטע נשמה אין דער אומריינקייט פוגם עולם התחתון ניט פוגם צו זיין... העראיך אָבער,

ווי אַ בת־קול רופט און זאָגט: — „ישראל בני, ס'זאָל אין דיין נשמה קיין פגם נישט ווערן, האַסטו חס, און עס זאָל אין דער תורה, ווו ס'שטייט געשריבן: „ובנים לא יומתו על אָבות“ קיין פגם נישט ווערן — האָסטו נישט קיין חסד?“

האָב איך כּהרף עין געאיילט די שלמות התורה מציל צו זיין... אַזוי אַרום איז אויך דיין גוף נצול געוואָרן“...

צווישן די מקורבים איז אַ גרויסע שמחה געוואָרן. דעם בעש"טס זון האָט פאַר קהל ועדה גומל געבענטשט און אַ שבח והודאה צו כּביכול אָפּגעגעבן...

דער בעש"ט און אליהו הנביא.

אַמאָל האָבן זיך די תּלמידים געווענדעט צום בעש"ט מיט אַ בקשה: — „היות ווי עס איז וויסיגלעך, אַז אליהו הנביא קומט געוויינטלעך צו איטלעכן ברית, בכן בעטן מיר, אַז איר זאָלט מאַכן, מיר זאָלן אים זען.

האָט דער בעש"ט צו זיי געזאָגט: — „אינגיכן דאַרף אין שטאָט זיין אַ ברית, וועט איר אים דאַן געוויס זען“.

עס איז אַוועק אַ געוויסע צייט און די תּלמידים האָבן גאָר פאַרגעסן, וואָס זיי האָבן פון בעש"ט פאַרלאַנגט.

פאַר דער צייט האָט זיך געמאַכט אַ ברית ביי איינעם פון די שטאָט־לייט. אליהו הנביא איז געקומען אין בית־המדרש, ווו דער ברית איז פאַרגעקומען, האָט גענומען אַ ספר און זיך געזעצט לערנען. נאָכן ברית איז דער בעש"ט געקומען אין בית־המדרש און געהייסן די תלמידים, זיי זאָלן אים געבן אַ ספר. דאָס איז געווען דערזעלבער ספר, וואָס אליהו הנביא האָט אין אים געלערנט. די תּלמידים האָבן געזוכט דעם ספר און אים ניט געפונען. אויף מאָרגן האָבן די תּלמידים געטראָפן אויפן גאַס אַ יידן, וואָס האָט געטראָגן אַ ספר אונטערן פאָלע. האָבן די תּלמידים חושד געווען, אַז אָט דער ייד האָט דאָס געגנבעט פון בית־המדרש דעם ספר, וואָס דער בעש"ט האָט געבעטן. האָבן זיי אים באַזוכט און טאַקע געפונען דעמזעלבן ספר. האָבן זיי צוגענומען דעם ספר און דעם יידן געבראַכט אין בית־המדרש אַריין, מע האָט אים גוט אויסגעשטראָפט און געוואָלט אפילו שלאָגן. דער בעש"ט האָט אָבער ניט געלאָזט. — לאָזט אים אָפּ — האָט ער געזאָגט — עס איז קענטיק אויף זיין פּנים, אַז ער איז קיין גנב, און דערביי האָט ער עפּעס צוגעגעבן אין דער שטיל. די תלמידים האָבן ניט פאַרשטאַנען, אָבער פרעגן האָבן זיי גיט געפרעגט.

אין אַ צייט אַרום איז געווען נאָך אַ ברית אין שטאָט. אליהו הנביא איז ווידער געקומען און האָט ווידער גענומען אַ ספר אויף צו לערנען. אין אַ ווײַלע אַרום האָט דער בעש"ט גראָד געוואָלט דעמדאָזיקן ספר צו לערנען. האָט ער שוין אָבער ניט געפונען ניט דעם ספר, ניט דעם מענטשן. ער האָט געפרעגט די תּלמידים, האָבן זיי אים דערציילט, אַז ניט לאַנג איז דאָ געזעסן עפּעס אַן אורח און געלערנט.

מע האָט גלייך גענומען זוכן דעם אורח אויף מערק און אין גאַסן. און אַזוי לאַנג געזוכט, ביז מע האָט אים געפונען. מע האָט אים געבראַכט אין בית־המדרש און אויך געוואָלט שלאָגן. אַנדערע האָבן אים דערקענט און געזאָגט צום בעש"ט: — „דאָס איז דאָך דערזעלבער, וואָס האָט דאַמאָלסט אויך געגנבעט אַ ספר“. דער בעש"ט האָט אים אָבער נישט געלאָזט אָנרירן.

— די קענטיקייט פון זיין פנים — האָט ער געזאָגט — טוט אויף אים עדות זאָגן, אַז ער איז ניט קיין גנב. און דערביי האָט ער עפּעס צוגעגעבן אין דער שטיל.

די תלמידים איז דאָס געווען אַ גרויס וווּנדער און איצט האָבן זיי שוין געפרעגט, וואָס האָט ער עס דאָכמאָל און יענצמאָל בלחש געזאָגט.

האָט זיי דער בעש"ט געענטפערט: — „איר זאָלט וויסן, אַז דער מענטש, וואָס איר האָט אים גערעכנט פאַר אַ גנב, איז אליהו הנביא געווען. צוויי מאָל האָט איר אליהו הנביא געזען".

די תלמידים האָט גרייליך געקרענקט דערויף, וואָס זיי האָבן בשעת מעשה וועגן דעם ניט געוווּסט. עס איז שוין אָבער געווען אַ פאַרפאַלענע זאַך. האָבן זיי געבעטן דעם בעש"ט, ער זאָל זיי ווידער ווייזן אליהו הנביא. דער בעש"ט האָט זיי צוגעזאָגט.

אין אַ צייט אַרום, אַז די תלמידים האָבן שוין פאַרגעסן זייער באַגער, איז דער בעש"ט אַמאָל געפאָרן אין אַ שטעטל. אין וועג זעען זיי: אַ קריגסמאַן, אַ רייטער, זיצנדיק אויף אַ פערד, אין שיינע קליידער, קומט זיי אַנטקעגן און פרעגט, צי איז פאַראַן ביי זיי אַ קויל פייער: ער וויל זיין לולקע רויכערן.

דער בעש"ט האָט געהייסן און אַ תלמיד האָט געגעבן דעם רייטער פייער.

דערזען אין וואָגן דעם בעש"ט, איז דער רייטער אים געפאַלן אויפן האַלדז און האָט אים געקושט. און כהרף עין איז ער פאַרשוווּנדן געוואָרן. די תלמידים האָבן תחילת ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר.

ערשט אַז דער רייטער איז נעלם געוואָרן, האָט זיי דער בעש"ט געזאָגט, אַז דאָס איז געווען אליהו הנביא. זיי האָבן אים געזוכט נאָכיאָגן, אָבער שוין ניט געטראָפן.

דער בעש"ט פאַררויכערט זיין לולקע.

איינמאָל זייענדיק אין אַ סאָד האָט זיך דער בעש"ט אָפּגערופן צו די תלמידים: — „איך וואָלט וועלן פאַררויכערן מיין לולקע, אָבער כ'האָב פון פריער קיין פייער ניט באַזאָרגט". ווי נאָר דער בעש"ט האָט די ווערטער אויסגערעדט, האָט זיך דער הימל שטאַרק פאַרוואָלקנט און אַ בליץ האָט אַראָפּגעשניטן פון הימל און אָנגעצונדן דעם בוים, אונטער וועלכן זיי זיינען געשטאַנען.

דער בעש"ט איז צוגעגאַנגען צום בוים, האָט פאַררויכערט זיין לולקע און געזאָגט: — „איך דאַנק און לויב דעם בורא יחיד, וואָס האָט די גאַנצע וועלט באַשאַפן צוליב זיין פאָלק ישראל. איך בוק מיך פאַר זיין גרויסן הייליקן פּורכטזאַמען נאָמען, וואָס ער האָט געשיקט דעם הייליקן פייער פון הימל, איך זאָל קאָנען מיין לולקע פאַררויכערן, דען דאַן וועל איך האָבן קלאָרע מחשבות מכוון צו זיין אין דאַווענען. נאָר, גרויסער גאָט, אַ צו גרויסן פייער האָסטו געשיקט מיין לולקע צו פאַררויכערן. עס איז גענוג איין פונק".

און ווי ער האָט די ווערטער אַרויסגערעדט, איז דער פייער פון בוים פאַרלאָשן געוואָרן. דער בעש"ט האָט געזען, אַז דער בוים איז פון פייער שטאַרק חרוב געוואָרן, האָט ער געזאָגט: — אב רחום וחנון! צוליב מיין לולקע איז אַזאַ פרוכטבאַרער בוים חרוב געוואָרן. האָב רחמנות, גרויסער פאָטער, און גיב אָפּ דעם בוים זיין פריערדיקן גלאַנץ". און דער בוים איז צוריק באַוואַקסן געוואָרן מיט די טייערסטע פרוכט, נאָך פיל בעסערע, ווי פריער, איידער ער האָט געברענט.

דער בית־המדרש איז פול מיט תורה.

דער הייליקער רב ר׳ משה פון דאָלין ז״ל איז געווען אַ תלמיד ביים בעש״ט. אין זיין ספר „דברי משה״ שרייבט ער וועגן בעש״ט אַזאַ מעשה:

דער בעש״ט איז אַמאָל געגאַנגען אין בית־המדרש. איז ער געקומען צו דער טיר און איז געבליבן שטיין, ניט געוואָלט אריינגיין אינעווייניק.

— רבי — האָט אים איינער פון זיינע באַקאַנטע געפרעגט — פאַרוואָס ווילט איר ניט אריינגיין אין בית־המדרש?

— „ווייל דער בית־המדרש איז פול מיט תורה און מיט תפילות״ — האָט דער בעש״ט געענטפערט.

איז דאָס פאַר זיי געווען אַ ווונדער: עס איז דאָך בעסער, אַז דער ביהמ״ד איז פול מיט תורה און מיט תפילות!

— ווונדערט זיך ניט — האָט דער בעש״ט געזאָגט — ווען יידן דאַווענען און לערנען מיטן גאַנצן האַרצן, גייען אַרויף זייערע ווערטער אויפן הימל און בלייבן ניט אין ביהמ״ד; אָבער ווען זיי לערנען און דאַווענען אָן כונה, בלייבן די ווערטער פון זייער תורה און תפילה אין בית המדרש, גייען ניט אויפן הימל אַרויף. דערפאַר קאָן איך אין בית המדרש ניט אַריינגיין: ער איז פול מיט תורה און מיט תפילות.

מצות אויף פסח.

אַמאָל איז אויסגעקומען — דער בעש״ט האָט ניט געהאַט קיין מצות אויף פסח. האָט ער איינגעשפּאַנט זיין פערד און וואָגן און איז געפאָרן איבער די דערפער פאַרנעמען זיך מיט שחיטה. האָט ער פאַרדינט אויף מעל און געבראַכט דאָס מעל אין שטעטל אַריין. אָבער איידער ער האָט דאָס מעל אַראָפּגענומען פון וואָגן, איז פּלוצים אַרויסגעגאַנגען אַ גרויסער רעגן און דאָס מעל איז חמצדיק געוואָרן. האָט ער ווידער גענומען דעם חלף און איז געפאָרן אויף יענער זייט דערפער. דאָרט האָט ער זיך אויך פאַרנומען מיט שחיטה און ווידער באַקומען מעל אויף יום טוב.

צוריקפאָרנדיק איז ער געקומען צו אַ גרויסן באַרג. דאָס פערדל האָט ניט גע־קאָנט שלעפּן דעם וואָגן אַרויף באַרג, האָט ער אַליין געהאָלפן דעם פערדל שלעפן דעם וואָגן. אַז ס׳איז געקומען אינמיטן באַרג, איז דאָס פערדל געפאַלן און דער בעש״ט האָט שוין געמוזט גאָר אַליין שלעפּן דעם וואָגן מיטן מעל. ווי ווייט ער האָט געקאָנט שלעפן, האָט ער געשלעפּט. דערנאָך איז ער זייער מיד געוואָרן.

איז ער געבליבן שטיין לעבן וואָגן און האָט אָנגעהויבן וויינען פאַר הש״י. פאַר מידקייט איז ער באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן. איז אליהו הנביא, זכור לטוב, צו אים אין חלום געקומען און געזאָגט: — „מע האָט דאָרט געזען דיינע טרערן, איך וועל ד״ר שיקן אַ זעלכן, וואָס וועט דיר ברענגען אַהיים דיין מעל און וועסט שוין נישט זיין אַזאַ עני״.

דער בעש״ט האָט זיך אויפגעכאַפּט. און תיכף איז געקומען אַ גוי מיט פערד און וואָגן און געזאָגט צו אים: — „בינד צו דיין וואָגן צו מיין וואָגן, איך וועל דיך פירן אַהיים״.

האָט דער בעש״ט געגעבן דעם גוי אַ זעקסער און דער גוי האָט אים אָפּגעשונדן

די פּעל פּוגם געפאַלענעם פערד. דער בעש"ט האָט פאַרקויפט די פּעל פאַר פיר גילדן און איז געקומען אַהיים. אַז ער האָט זיך צוריקגעקערט, זיינען געקומען צו אים גוים און האָבן געבראַכט צו זיין ווייב מאַרדער צו פאַרקויפן. איז זי געגאַנגען צום מאַן פרעגן, אויב זי זאָל דאָס קויפן. האָט ער געהייסן. — זיי זייגען דאָך הפקר — האָט ער געזאָגט. האָט זי פאַר די פיר גילדן געקויפט מאַרדער און ביים פאַרקויפן געהאַט פּרנסה. פאַר דעם געווינענעם געלט האָט דער בעש"ט געקויפט אַ זופּיצע און דעם ווייב אַ קלייד אויף יום־טוב.

דער מוכסן, ביי וועלכן דער בעש"ט האָט געוווינט, איז געווען אַ שענקער. דער־זען, אַז דער שכן מיטן ווייב האָבן זיך באַקליידט, האָט ער זיך געטראַכט: — „אוודאי מוז ער בשתיקא פירן ווין אין שטאָט אַריין". און ער האָט אים פאַרקלאָגט פאַר זיין שוואָגער רבי גרשון. דערביי האָט ער אים געזאָגט: — „איך לייג אויף אייך כבוד, איר זאָלט אָבער וויסן, אַז אויב ער וועט זיך ניט מודה זיין, וועל איך אים לאָזן שמייסן אין הויף ביים פּריץ".

האָט ר' גרשון געזאָגט: — „איך וועל דאָס אויספאָרשן".

אַז דער בעש"ט איז געקומען אין שטאָט אַריין, האָט אים ר' גרשון דערציילט די געשיכטע. זאָגט דער בעש"ט: — „עס איז ליגן". פרעגט אים ר' גרשון: — „פון וואַנען דען האָסטו געהאַט צו קויפן?" — ענטפערט דער בעש"ט: — „גאָט האָט מיר געגעבן!"

זאָגט ר' גרשון: — „פאַרוואָס גיט ער מיר ניט?"

ענטפערט אים דער בעש"ט: — „מיר וויל ער געבן און דיר — ניט".

זאָגט ר' גרשון צו אים: — „דו ווייסט זען, אַז דער מוכסן וועט דיך לאָזן שמייסן".

זאָגט דער בעש"ט: — איך האָב קיין מורא נישט פאַר אים".

דער סוף איז געווען — דער מוכסן האָט געוואָלט גיין אין הויף אַריין אָנקלאָגן דעם בעש"ט, איז ער אָבער פּלוצלונג געשטאָרבן.

זאָלן די פייגעלעך אויך האַלטן פסח.

איינמאָל ערב פסח האָט דער בעש"ט געפירט אַהיים צוויי זעק מעל אויף מצות. אין וועג האָט ער געטראָפן אַ מוטער מיט אַ קראַנקער טאָכטער. זיי האָבן אים גע־בעטן, ער זאָל זיי אונטערפירן. האָט ער זיי אַרויפגענומען צו זיך אויפן וואָגן. דער־ווייל איז די משא פאַרן פערדל געוואָרן צו שווער און עס האָט זיך אָפּגעשטעלט. די מוטער האָט געוואָלט אַראָפּגיין פון פור. דער בעש"ט האָט איר אָבער ניט געלאָזט און בעסער אַראָפּגעוואָרפן פון דער פור אַ זאַק מעל.

אָפּגעפאָרן אַ שטיקל וועג, האָט זיך דער בעש"ט אָפּגעשטעלט, איז אַראָפּגע־שפרונגען פון וואָגן און גענומען לויפן אויף צוריק.

די פרויען האָבן זיך צוגעקוקט פון דערווייטנס. האָבן זיי געזען, ווי ער האָט אויפגעריסן דעם זאַק און געלאָזן אים אָפן.

— צו וואָס האָט איר דאָס געטאָן? — האָבן זיי אים געפרעגט, ווען ער איז צוריקגעקומען.

— זאָלן די פייגעלעך אויך האַלטן פסח — האָט ער בתמימות געענטפערט.

דער פסח אין סטאַמבול.

אַז דער בעש"ט איז געפאָרן קיין ארץ ישראל, איז אים אויסגעקומען פּסח צו האַלטן אין סטאַמבול. געפאָרן איז ער מיט זיין טאָכטער האָדל און מיט ר' הירש סופר.

ער האָט אויף פּסח קיין זאַך נישט געהאַט און ניט געוווסט אַפילו, צו וועמען זיך צו ווענדן נאָך הילף, ווייל קיינער האָט אים דאָ ניט געקאָנט.

אַז ס'איז געקומען ערב פּסח, פרעגט אים די טאָכטער: — „וואָס וועלן מיר טאָן? מיר האָבן אויף פּסח קיין שום זאַך ניט", ענטפערט ער איר: — השי"ת וועט אונדז העלפן". און איז אַוועק אין ביהמ"ד און געזעסן דאָרט אַ גאַנצן טאָג.

די טאָכטער איז געזעסן אין דער דירה, וואָס ער האָט געהאַט געדונגען אין סטאַמבול. עס איז שוין געווען פאַרנאַכט, גאַנץ שפּעט, איז געפאָרן אַ ייד פון פּוילן*).

פרעגט זיך דער ייד — „ווו שטייט דאָ ר' ישראל פון פּוילן?"

האָט מען אים געוויזן דעם בעש"טס דירה.

איז ער צוגעפאָרן אַהין און פרעגט דעם בעש"טס טאָכטער: — „ווו איז דער בעש"ט?"

זאָגט זי: — „אין בית המדרש".

פרעגט ער: — „איז מיגלעך, איך זאָל דאָ איינשטיין? איך האָב אַלץ אָנגעגרייט אויף פּסח און וויל זיין פּסח מיטן בעש"ט אינייגעם".

זאָגט זי: — „גוט, איר קענט דאָ איינשטיין, מיין פאָטער וועט געוויס צופרידן זיין".

האָט ער אַריינגעטראָגן אַ קאַסטן, וואָס צען מענטשן וואָלטן אים ניט געקענט רירן פון אָרט. אין קאַסטן האָט זיך געפונען פון כל טוב.

מע האָט אָנגעצונדן לכבוד יום טוב ליכט, געבעט אַ שיינע העסע-בעט.

דער בעש"ט איז געקומען פון בית המדרש זייער שפּעט. נישט ריידנדיק צו קיינעם אַ וואָרט, האָט ער געמאַכט קידוש און זיך געזעצט צום סדר, אַזוי ווי ס'געהערט צו זיין.

נאָך דעם אַנדערן כּוס האָט ער געגעבן שלום דעם אורח און געזאָגט: — „איך ווייס דיין בקשה, דו האָסט קיין קינדער ניט, נאָר דערפאַר, וואָס דו האָסט מיך מחיה געווען, וועסטו הייניטיקס יאָר האָבן אַ קינד פון דיין ווייב, וואָס זיצט דאָ מיט דיר".

דער אורח איז גרין געוואָרן און האָט געזאָגט: — „איך וואָלט האַלב פאַרמעגן אָפּגעגעבן דערפאַר".

איז געוואָרן אַ שמחה און אַ גדולה, וואָרום דער אורח האָט זיך שוין אין קינדער מיאש געווען.

פּלוצלונג דערהערט דער בעש"ט אַ כרוז מן השמים: — „ר' ישראל בעש"ט האָט אָנגעוואָרן עולם הבא דערפאַר, וואָס ער האָט געשוואָרן, אַז דער אורח וועט האָבן אַ קינד, דער מענטש איז געווען אַן עקר בטבע און זיין ווייב אַן עקרה. נאָר ווייל דער בעש"ט האָט געשוואָרן, וויל מען ניט מן השמים, זיין שבועה זאָל ח"ו בטל ווערן, מוז מען משנה טבע זיין און דעריבער האָט ער אָנגעוואָרן עולם הבא".

אַז דער בעש"ט האָט דאָס דערהערט, איז ער ביי זיך ניט אַראָפּגעפאַלן, ער האָט זיך נאָך געפרייט. — הייגט — האָט ער געזאָגט — איז מיר די בעסטע צייט צו דינען השי"ת גאָר אָן שום מיינונג, אַזוי ווי עס שטייט: היו כעבדים המשמשין את הרב ע"מ שלא לקבל פרס.

*) וואר. — אליהו הנביא, פאַרשטעלט פאַר אַ פּוילישן יידן.

און ער האָט זיך אָנגערופן צום אורח: — „איך האָב ניט געוואוסט, אַז דו ביסט אַן עקר בטבע, פונדעסטוועגן זאָרג ניט, מײַנע רייד וועלן מיט גאָטס הילף מקוים ווערן, עס וועט ניט פעלן א האר".

און דאַדורך, וואָס דער בעש"ט האָט בײַ זיך רעכט געמאַכט צו דינען גאָט אָן געצאָלט און האָט זיך נאָך געפרייט דערמיט, וואָס ער וועט דינען גאָט אָן מיינוגג, האָט ער ווידער געהערט א כרוז מן השמים, אַז מע האָט אים צוריקגעקערט אַלע זכיות.

די שמחה איז געוואָרן נאָך גרעסער. דער אורח איז געווען זייער צופרידן און אין דעם ערשטן טאָג חול המועד מיט גרויס פרייד געפאָרן אַהיים.

דער בעשט פאָרט קיין ארץ־ישראל.

דער בעש"ט האָט געוואָלט פאָרן קיין ארץ־ישראל, האָט ער אָבער קיין שיף ניט באַקומען.

— אויב דו ווילסט—האָט ער זיך אָפּגערופן צו זיין סופר ר' הירש—וועל איך פאַרשפרייטן מיין מאַנטל אויפן ים, מיר וועלן זיך ביידע אויף אים זעצן און אין פינף מינוט קומען קיין א"י.

— געוויס וויל איך—האָט ר' הירש געענטפערט—איך וואָלט דערפון גרויס נחת געהאַט".

— זיי זיך מכין צו דער נסיעה—האָט דאַן דער בעש"ט געזאָגט—באַלד נאָך מנחה פאָרן מיר".

זיי האָבן געדאַוונט מנחה מיט גרויס כונה. נאָך מנחה האָט דער בעש"ט געזאָגט צו ר' הירשן: — דו וועסט זען, וואָס איך טו, זאָלסטו אויך אַזוי טאָן".

דער בעש"ט האָט בודק געווען זיינע ציצית. ר' הירש האָט אויך אַזוי געטאָן. דער בעש"ט האָט אָנגעטאָן דעם קיטל און פון אויבן א טלית. ר' הירש האָט אויך אַזוי געטאָן.

דאַן האָט דער בעש"ט ביי אים געפרעגט: — „ביסטו מוכן צו דער נסיעה?" ר' הירש האָט געענטפערט: — „יאָ".

זיינען זיי אַוועק צום ים. דער בעש"ט האָט אויסגעשפרייט זיין מאַנטל אויפן ים. ר' הירש איז געשטאַנען און געציטערט. ער האָט מורא געהאַט, טאָמער טרעפט חלילה א סיבה. נאָר ער האָט שטאַרק געגלויבט דעם בעש"ט און זיך פאַרלאָזט אויף אים.

איידער זיי האָבן זיך געזעצט אויפן בגד, וואָס איז שוין געלעגן אויסגעשפרייט אויפן ים, האָט דער בעש"ט געזאָגט: — „דו זאָלסט וויסן, אַז די פינף מינוט, וואָס מיר וועלן זיין אויפן ים, מוזטו האַלטן דיינע אויגן פאַרמאַכט, ניט א קוק טאָן ניט אויפן ים, ניט אויבן אויפן הימל. אויך מוזטו טראַכטן וועגן דעם שם, וואָס איך גיב דיר איבער. ווען ניט, זיינען מיר אין גרויס סכנה". ליתר בטחון האָט אים דער בעש"ט פאַרבונדן די אויגן מיט א פאַטשיילקע, כדי ער זאָל ניט קאָנען א קוק טאָן אויפן ים.

דער בעש"ט און ר' הירש האָבן זיך געזעצט אויפן בגד. זיי זיינען געפאָרן שנעלער ווי א פויגל פליט, געשווינדער ווי די שנעלסטע געשווינטסטע זאַך. און ביידע האָבן זיי אין זינען געהאַט דעם הייליקן שם.

געקומען אין מיטן ים, האָבן זיי דערהערט א געשריי פון הונדערטער מענטשן,

וואָס זייַנען געפאָרן פון א"י קיין חוץ לאָרץ. די שיף זייערע האָט באַקומען אקלאַפּ אָן אַ שטיין און געהאַלטן ביי אַ סכנה אונטערצוגיין.

— ראַטעווען מענטשן פון טויט — האָט דער בעש"ט געזאָגט — איז מער מצוה ווי אַלע מצות. עס קאָן זיין, אַז דערפאַר האָט אונדז דער ממית ומחיה געשיקט אַהער, מיר זאָלן זוכה זיין אין די מצוה פון הצלת נפשות רבות.

ווי די שיף האָט אָנגעהויבן אונטערצוגיין מער ווי העלפט, האָט דער בעש"ט צוגעשלאָגן צו איר אַן אַרבל פון זיין בגד און אין אַ צייט פון אָנדערהאַלבן מינוטן האָט ער געבראַכט די שיף מיט אַלע מענטשן קיין סטאַמבול. די מענטשן האָבן נאָכדעם דערציילט וועגן די נסים ונפלאות, וואָס זיי האָבן געזען פון בעש"ט, און זיין נאָמען איז זייער גרויס געוואָרן.

מע לאָזט דעם בעש"ט מן השמים נישט פאָרן קיין א"י.

אַז דער בעש"ט איז געפאָרן קיין ארץ־ישראל, האָט ער די ערשטע טעג פסח פאַרבראַכט אין סטאַמבול. דעם לעצטן טאָג חוה"מ האָט ער זיך געוואָלט זעצן אויף אַ שיף, איז אָבער ניט געווען קיין שיף.

זאָגט דער בעש"ט צו ר' הירש סופר: — "אויב דו ווילסט, וועל איך פאַרשפּרייטן מיין פאַטשיילע אויפן ים, וועלן מיר קומען קיין ארץ־ישראל גיך און באַלד. דו ווערסט אָבער מוזן אין זין האָבן דעם שם, וואָס איך וועל דיר מוסר זיין, און ניט אָפּלאָזן דעמדאָזיקן שם אפילו אויף אַ רגע, וואָרום ווי דו פאַרגעסט אים אפילו אויף אַ רגע, זייַנען מיר פאַרפאַלן".

— "פון ארץ־ישראל וועגן וועל איך מיר איינשטעלן דאָס לעבן" — האָט ר' הירש געענטפערט. ער האָט אָבער ניט געוואָלט איינשטעלן דעם בעש"טס לעבן און געזאָגט: — "איך וויל נישט, מיר מוזן וואַרטן, ביז עס וועט זיך מאַכן אַ שיף".

זייַנען זיי געגאַנגען אויפן באָרטן זוכן אַ שיף און האָבן געטראָפן. זיי האָבן באַצאָלט דעם שיפסקאַפּיטאַן און זייַנען ביידע אַריין אין דער שיף.

דאָס איז געווען דעם ערשטן טאָג חוה"מ פאַרנאַכט.

אויף מאָרגן איז געוואָרן אַ גרויסער שטורעם־ווינט. עס האָט געטראָגן די שיף פון וועג אַראָפּ. די מאַטראָסן האָבן ניט געוווסט, וווהין זיי גייען, און ניט געקאָנט בשום אופן אָנקערן. דער בעש"ט האָט זייער מתפלל געווען. עס האָט געדויערט צוויי טאָג און זיי זייַנען געקומען צו אַ קעמפּע. דער שטורעם־ווינט איז שטיל געוואָרן. דער שיפסקאַפּיטאַן האָט געאַנקערט די שיף לעבן דער קעמפּע און אַלע זייַנען געגאַנגען שפּאַצירן און באַטראַכטן די געגנט.

דער בעש"ט און ר' הירש זייַנען פאַרגאַנגען ווייט און האָבן ניט געקאָנט טרעפן צוריק צו דער שיף.

זאָגט דער בעש"ט: "עס איז נישט אומזיסט, עס מוז עפּעס זיין".

אַזוי ווי זיי ריידן, זייַנען אויף זיי אָנגעפאַלן גזלנים, געבונדן זיי און געוואָלט אומברענגען. אינדעם האָט זיך די גזלנים פאַרגלוסט עסן. האָבן זיי אַנידערגעלייגט די געבונדענע אייניעם לעבן דעם אַנדערן און זיך געזעצט עסן.

זאָגט ר' הירש צום בעש"ט: — "וואָס שווייגט איר? וואָס טוט איר עפּעס ניט, אַזוי ווי איר קאָנט? איז דען אַצינד צייט צו שווייגן?"

ענטפערט דער בעש"ט: — „איך ווייס נישט, וואָס צו טאָן, מע האָט ביי מיר צוגענומען דעם גאַנצן כּוח. פיליכט געדענקסטו נאָך עפּעס, פון וואָס איך האָב דיך געלערנט, דערמאָן מיר".

האָט אים ר' הירש געענטפערט: — „איך געדענק ניט, נאָר דעם א"ב געדענק איך!"

זאָגט דער בעש"ט: — „זאָג מיר גיך דעם א"ב".

האָט ר' הירש אָנגעהויבן צו זאָגן: א, ב, ג, ד... און דער בעש"ט זאָגט נאָך מיט גרויס ליאַרעם און ברען: — דאָס זייִנען די הייליקע אותיות, וואָס השי"ת האָט מיט זיי געגעבן די הייליקע תורה", און ער האָט אַזוי לאַנג געליאַרעמט, ביז וואַנען עס האָט זיך דערהערט אַ גלאָקנקלאַנג. די גזלנים האָבן זיך דערשראָקן און זייִנען זיך צעלאָפן. איז אָנגעקומען אַ שיפסקאַפּיטאַן פון אַן אַנדער שיף. דערזען די געבונדענע, האָט ער זיי אויפגעבונדן און אַוועקגעפירט צו זיך אויף דער שיף. דידאָזיקע שיף איז געפאָרן קיין סטאַמבול. דאַמאָלסט האָבן זיי געזען בחוש, אַז מע לאָזט אים מן השמים נישט פאָרן קיין ארץ־ישראל און זיי האָבן זיך אומגעקערט צוריק אַהיים.

*

װאַריאַנט.

*) צום סוף פון דער געשיכטע איז פאַראַן פאָלגנדיקער וואַריאַנט:

דער בעש"ט האָט אַזוי לאַנג געחזרט די אותיות, ביז אליהו הנביא האָט זיך צו אים באַוויזן און האָט אָפּגעבונדן פאַר זיי די שטריק. די גזלנים האָבן דערזען, אַז זייערע געפאַנגענע האָבן זיך אַליין אָפּגעבונדן די שטריק (ווייל אליהו הנביא האָט זיך פאַר זיי ניט געוויזן, האָט זיך זיי געדאַכט, אַז די געפאַנגענע אַליין האָבן אָפּגעבונדן די שטריק פון זיך) האָבן זיי געכאַפּט זייערע כּלי־זין און געלאָפן הרגענען דעם בעש"ט מיט ר' הירשן, זייִנען זיי אָבער בלינד געוואָרן און ניט געוווּסט, וווהין צו גיין. דאַן האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צו בעטן: — „מיר זעען, אַז איר זייט הייליקע מענטשן, בעטן מיר אייך, איר זאָלט פון אונדז ניט אַוועקגיין, ביז איר וועט אונדז ניט מאַכן זעעדיק".

— אויב איר וועט שווערן — האָט דער בעש"ט געענטפערט — אַז איר וועט תשובה טאָן און מער קיין גזלנים ניט זיין, וועט איר זעעדיק ווערן".

די גזלנים האָבן געשוואָרן און אליהו הנביא האָט געזאָגט צום בעש"ט: — „דו מעגסט זיי גלויבן, זיי שווערן מיט אַן אמת".

דער בעש"ט האָט זיי געגעבן אַ גלעט מיט זיין האַנט אויף זייערע אויגן און זיי זייִנען זעענדיק געוואָרן ווי פריער. — וועט איר פאָרן מיט אונדז? האָט איר וואָס מיטצונעמען? — האָט דער בעש"ט ביי זיי געפרעגט.

— אונדזער שבועה איז הייליק — האָבן די גזלנים געענטפערט — מיר האָבן קיין ווייבער און קיין קינדער, נאָר אַ גרויסן פאַרמעגן. דאָס וועלן מיר מיטנעמען און פאָרן מיט אייך. אַ קליינעם סימן פון אונדזער הרטה וועלן מיר אייך ווייזן. מיר האָבן היינט ביים ברעג ים געפאַנגען אַ יונג מיידל און האַלטן זי פאַרשלאָסן אין אַ חדר. אָט וועלן מיר זי אייך אַוועקשענקען און טוט מיט איר, וואָס איר ווילט.

דאָס מיידל איז געווען דעם בעש"טס טאָכטער*). אַלע זייִנען אַוועק צום ברעג ים. דאָרט האָבן זיי געפונען אַ שיף, וואָס האָט געדאַרפט גיין נאָך סטאַמבול. אליהו

*) לויט דעם וואַריאַנט האָט זיך אויף דער קעמפּע געפונען אויך דעם בעש"טס טאָכטער.

הנביא האָט געזאָגט צום בעש"ט, ער זאָל מער נישט זיצן און וואַרטן, ווייל אויפן אינזל זיינען פאַראַן נאָך גזלנים, וואָס האָבן נאָך קיין תשובה נישט געטאָן, קאָנען זיי אים שלעכטס טאָן. דער בעש"ט האָט געפאָלגט די רייד פון אליהו הנביא און איז געפאָרן צוריק קיין סטאַמבול. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אויבן וויל מען ניט, ער זאָל פאָרן קיין א"י און ער איז געפאָרן אַהיים.

דער בעש"ט קען ניט פאָרן קיין ארץ־ישראל*).

דער הייליקער רבינו חיים בן עטר, דער בעל "אור החיים", האָט געוווינט אין א"י. אַמאָל האָט דער בעש"ט געוואָלט פאָרן קיין א"י, כדי צו זען דעם הייליקן רבינו חיים. ער האָט געגלויבט, אַז ווען זיי ביידע וועלן זיך זען, וועלן זיי געוויס אַראָפּברענגען משיחן און עס וועט זיין די אמתע גאולה. האָט דער בעש"ט ביי אים אָנגעפרעגט דורך זיין שוואָגער ר' גרשון, אויב ער זאָל קומען קיין א"י.

האָט ר' חיים געגעבן אַזאַ תשובה: — זאָגט דעם בעש"ט, ער זאָל מיר מודיע זיין, אויב ער זעט זיין גאַנצן גוף, בעת ער גייט אויף די עולמות העליונים, אַלע זיינע אברים מיט זייער גאַנצן געשטאַלט".

האָט דער בעש"ט ווידער געשריבן אַ בריוו צו ר' חיימען, אַז ווי ער קומט אויפן הימל, זעט ער זיך נאָר ביז די פיס. דאַן האָט אים ר' חיים געענטפערט, ער זאָל בלייבן אין חוץ לאָרץ, ווייל אין הימל וויל מען ניט ליידן, אַז ער זאָל פאָרן קיין ארץ־ישראל.

דער בעש"ט האָט ר' חיימס בריוו ניט דערהאַלטן. ער האָט זיך מוסר נפש געווען און איז ווינטער־צייט אַוועקגעפאָרן און איז געקומען אויף פסח קיין סטאַמבול. דאָרטן האָט ער געוויזן וווּנדערלעכע זאַכן. זיינע נפלאות זיינען דערגאַנגען אַזש צום סולטאַן.

דער סולטאַן האָט אים אַרויסגעפאָדערט; איז ער אַנטלאָפן אויף אַ שיף, וואָס איז געגאַנגען קיין ארץ־ישראל.

פון הימל האָט מען אים מודיע געווען, ער זאָל ניט פאָרן. ער האָט אָבער שטאַרק געוואָלט זען דעם "אור החיים" און האָט דאָך באַשטימט צו פאָרן.

דאַן איז ביי אים צוגענומען געוואָרן אינגאַנצן זיין מדרגה פון לערנען און פון דאַווענען. ער האָט אַפילו ניט געקאָנט זען אין סידור די אותיות. אָבער דער בעש"ט האָט געזאָגט: "מה בכך, וועל איך קומען צום צדיק ווי אַ פּראָסטאַק", און ער האָט אויף זיך מקבל געווען אַלע יסורים, נאָר צו פאָרן קיין א"י.

אויפן מיטן ים איז אָבער די שיף צעבראָכן געוואָרן, און ער איז געווען אין גרויס סכנה. דאַן האָט ער אַ געשריי געטאָן: — רבש"ע, איך קער צוריק אַהיים!

באַלד איז געקומען צו אים זיין רבי ר' אַחי השילוני און האָט אים געבראַכט נאָך סטאַמבול און פון דאָרטן איז ער געקומען צוריק אַהיים.

*) וואַריאַנט צום נומער 142.

דער בעש"ט און דער חזן שאול קאַשטאַן.

רבי ישראל בעש"ט האָט זייער פיינט געהאַט, ווען איינער האָט געוויינט. ער פלעגט זאָגן, אַז דאָס וויינען איז זייער שלעכט, ווייל דער מענטש דאַרף דינען גאָט מיט שמחה; נאָר ווען דאָס וויינען קומט פון גרויס פרייד, דאַמאָלסט איז זייער גוט.

אַמאָל איז צו רבי ישראל בעש"ט קיין מעזשיבוזש געקומען ר' מאיר מרגליות, ער האָט מיטגענומען מיט זיך זיין זון שאול, אַ קינד פון זיבן יאָר אַלט. דאָס קינד האָט גע־קאָנט זינגען, אָבער וואָס זינגען הייסט. ר' מאיר האָט געוווסט, אַז דער בעש"ט האָט ליב צו הערן זינגען. ווי ער איז אַריינגעגאַנגען אין שטוב, האָט ער געזאָגט צום בעש"ט:

— רבי, איך האָב אייך געבראַכט אַ סאָלאָווי!" ריידנדיק האָט ער געגעבן אַ ווונק צו זיין זון, ער זאָל זינגען, ווי אַסאָלאָווייּ. און שאול האָט אַזוי געטאָן.

— דער מענטש וואָס זעט ניט, ווי דאָס קינד זינגט—האָט דער בעש"ט געזאָגט—קאָן טאָקע מיינען, אַז דאָס זינגט אַ סאָלאָווייי.

נאָכדעם האָט ר' מאיר געזאָגט צו זיין זון, ער זאָל זינגען יום־כיפורדיקע עבודהי.

זיין שטימע איז געוועזן אַזוי הויך און קלאָר, אַז פיל מענטשן, וואָס זיינען געווען אויף דער גאַס, האָבן געהערט און זיי זיינען געקומען צולויפן צום בעש"ט אין שטוב אַריין הערן די ריינשטימעי.

קיינער האָט ניט געגלויבט, אַז אַ קינד פון זיבן יאָר זאָל האָבן אַזאַ גרויסע שטימע.

— איך פאַרלאַנג פון דיר, מאיר, —האָט דער בעש"ט געזאָגט—אַז דו זאָלסט איבערלאָזן דיין זון ביי מיר, איך וועל מיט אים לערנען; איך פאַרזיכער דיר, אַז דו וועסט האָבן פון אים נחתי.

— איך בין העכסט צופרידן—האָט ר' מאיר געענטפערט—איך רעכן דאָס פאַר אַ גליק.

אויף מאָרגן איז ר' מאיר געפאָרן אַהיים און זיין שאול איז געבליבן ביי דעם בעש"ט.

אין עטלעכע טעג שפּעטער האָט דער בעש"ט גענומען זיינע תלמידים מיט זיין ליבלינג שאולן בתוכם און זיי זיינען געפאָרן אין אַ דאָרף ניט ווייט פון מעזשיבוזש.

אין דאָרף האָט מען געמוזט פאַרבייפאָרן די קירכע. יענער טאָג איז געווען זונטאָג. פיל קריסטן האָבן זיך פאַרזאַמלט ביי זייער קירכע. אַן אַלטער קריסט איז געזעסן אויף דער ערד און האָט געשפּילט פאַר זיי פידל און געזונגעןי.

ביי אַזאַ צייט האָט ביי זיי אַ ייד ניט אַזאַ שיינעם פנים, בפרט אַז זיי זיינען שיכור.

די תלמידים פון בעש"ט האָבן מורא געהאַט צו פאָרן פאַרביי די פויערים, אָבער דער בעש"ט האָט זיך גאָרניט געשראָקן. ער איז אַראָפּגעגאַנגען פון וואָגן, צוגעגאַנגען צו די פויערים, געהייסן געבן ייש אויף זיין חשבון; נאָכדעם האָט ער זיך באַרימט פאַר זיי, דאָס ער האָט אַ קינד, וואָס קאָן זינגען זייערע פאָלקסלידער. ער האָט גע־בעטן דעם קינד, ער זאָל זינגען, ווייזן וואָס ער קאָן.

די פויערים האָבן דערהערט זייערע פאָלקסלידער, די פיס האָבן זיך ביי זיי אָנגעפאַנגען באַוועגן. זיי האָבן געטאַנצט, געשפּרונגען, געזונגען, אַ גאַנצע נאַכט. זיי האָבן גאָר פאַרגעסן, אַז די געסט זיינען יידן. און דער בעש"ט מיט זיינע תלמידים און שאול זיינען אַוועקגעפאָרן בשלום.

*

אַמאָל איז דער בעש"ט מיט דעם קינד. דורכגעפאָרן „הייסן", ניט ווייט פון מעזשי־בוזש. האָבן זיי געזען, דאָס פיל מענטשן שטייען און הערן, ווי אַ ציגיינערין שפּילט און זינגט אויף דער גאַס. האָט ר' ישראל בעש"ט צו זיי געזאָגט: — אַך, שוטים! הערט בעסער דאָס שפּילן און זינגען פון דעם קינד, וואָס איז ביי מיר".

שאול האָט אָנגעפאַנגען שפּילן און זינגען, און אַלע האָבן באַוואונדערט זיין שטימע. שאול איז געוואָרן אַ גרויסער חזן. אַלע האָבן אים גערופן: „קאַשטאַן".

דער בעש"ט און דער האר"י.

רבי ישראל בעש"ט איז אַמאָל געזעסן מיט זיינע תּלמידים און האָט געזאָגט גרויסע כּוונות וועגן ענין מקוה.

די תּלמידים זיינען געווען גאוני ארץ אין נגלה און נסתּר. זיי האָבן געוווּסט די כּתבי האר"י ז"ל בעל־פּה.

— „רבּינו — האָבן זיי צו אים געזאָגט — דער האר"י ז"ל אין זיינע כּתבים שרייבט דאָך אַנדערע כּוונות וועגן דעם ענין".

ווי זיי האָבן די ווערטער אויסגערעדט פון זייער מויל, האָט דער בעש"ט אומגעקערט זיין קאָפּ הינטער זיך. זיין פּנים האָט געברענט, ווי אַ גרויסער פייער, זיינע אויגן האָט ער פאַרגלאָצט, ווי זיין שטייגער איז געווען, אַז ער האָט געהאַט עליות נשמה, פלעגט ארויפגיין אין הימל אויף די אויבערשטע וועלטן. אויף אַלע תּלמידים איז געפאַלן אַ שרעק און אַ גרויסע ציטערניש. ביים ברעג טיש איז געזעסן ר' נחמן האָראָדענקער. ער איז געווען דער ייִנגסטער פון אַלע תּלמידים. איז אויף ר' נחמנען פּלוצים אָנגעפאַלן אַ גרויסער שלאָף. ער האָט זיך בשום אופן ניט געקאָנט אָפּהאַלטן פון שלאָפן. האָט דאָס אים זייער שטאַרק פאַרדראָסן, ווייל באמת איז דאָך דאָס אַ גרויסער בזיון איינצושלאָפן זיצנדיק ביים טיש אין דער צייט, וואָס דער בעש"ט איז זיך עוסק אין עליות נשמה. און אַלע תּלמידים זיצן אין גרויס שרעק. אין אַזאַ הייליקע צייט און ביי אַזאַ הייליקן טיש ווי שלאָפט מען? דער רבי נחמן האָט געטאָן אַלע מיט־לען, כּדי ער זאָל ניט איינשלאָפן. ער האָט מיט זיינע הענט זיך געשלאָגן, אויפגע־ריסן די אויגן, אָבער עס האָט אים קיין זאַך ניט געהאָלפן, ער איז שטאַרק איינגע־שלאָפן ביים טיש.

און ר' נחמן האָט געזען אין חלום, אַז ער גייט אויף דער גאַס און פיל מענטשן לויפן זייער געשווינד, אַלע צו מזרח זייט. איז ר' נחמן אויך מיט זיי געלאָפן און האָט זיי געפרעגט: — „פאַרוואָס לויפט איר אַזוי שנעל?" האָבן זיי אים געענטפערט: — „ווייסטו דען ניט, אַז באַלד וועט דרשנען דער הייליקער רב?" די ווערטער האָבן זיי אים געענטפערט מיט גרויס האַסט. און ר' נחמן האָט זיי נאָכגעפרעגט: „וועלכער הייליקער רב וועט דרשנען?" אָבער פון גרויס געשווינדיקייט האָבן זיי אים גאָרניט געענטפערט און זיי זיינען געלאָפן שנעל, וויפיל כּוחות זיי האָבן געהאַט.

ר' נחמן איז זיי נאָכגעלאָפן, ביז ער איז געקומען אין אַ הויז, וואָס ער האָט אַזעלכע קיינמאָל אויף זיין לעבן ניט געזען. עס איז געווען גרויס און שיין, די ווענט זיינען געווען פון אבנים טובות, דער דאַך — פון ריינע גינגאָלד, די טרעפּ — פון טייערן

מאַלאַכים, די פענסטער — פון טייערע בריליאַנטן, וואָס האָבן געשיינט פון ווייטן טויזנט מאָל ליכטיקער, ווי די זון שיינט תמוז אינמיטן טאָג.

ר׳ נחמן איז אַריינגעגאַנגען אין אַ זאַל און האָט זיך ניט געקאָנט אָפּוווּנדערן אויף זיין שיינקייט און גרויסקייט. אַז ר׳ נחמן איז געשטאַנען, למשל, אין מזרח־זייט, האָט ער ניט געקאָנט זען מעריב־זייט; איז ער געשטאַנען אין צפון־זייט, האָט ער ניט געקאָנט זען דרום־זייט. און דער גרויסער זאַל איז געווען פול מיט מענטשן, אויף זייערע פנימער איז געווען קענטיק, אַז זיי זיינען גרויסע צדיקים, הייליקע חסידים, אמתע קדושים וטהורים.

אין זאַל איז געווען אַ טומל. איינער צום אַנדערן האָט געזאָגט מיט גרויס שמחה: — „אָט באַלד וועלן מיר הערן סודות התורה פון דעם הייליקן רבי".

פלוצלונג האָט ר׳ נחמן געהערט אַ גרויס געשריי: — „פּנו מקום לצדיק!" און באַלד האָט ער געזען, ווי זיין רבי דער בעש״ט איז אַריינגעקומען. ער האָט זיך געשטעלט אויף דער בימה אינמיטן זאַל; נעבן אים איז געשטאַנען אַ יונגערמאַן.

דאָס איז געווען דער האר״י ז״ל.

ר׳ נחמן האָט געהערט, ווי זיין רבי האָט געדרשנט כוונות וועגן עניין מקוה, וואָס דער בעש״ט האָט געזאָגט, און דער האר״י ז״ל האָט אים אָפּגעפרעגט. זיי האָבן זיך אַ לאַנגע צייט מפלפל געווען, ביז דער האר״י ז״ל האָט מודה געווען, אַז רבי ישראל בעש״ט האָט רעכט. ער האָט געזאָגט, דאָס אַזוי מוז בלייבן, ווי ר׳ ישראל זאָגט.

באַלד נאָכדעם האָט ר׳ נחמן אויפגעוואַכט פון זיין שלאָף און באַלד האָט רבי ישראל צו אים געזאָגט: — „נחמן, איך האָב דיך מיטגענומען אויבן, דו זאָלסט הערן, ווי דער האר״י ז״ל האָט מיר מודה געווען, דאָס איך האָב רעכט. איצט פאַרלאַנג איך פון ד״ר, אַז דו זאָלסט דערציילן דיינע חברים, וואָס דו האָסט אויבן געזען. נישקשה, דו ביסט אַ גוטער עדות".

ר׳ נחמן האָט באַלד דערציילט אַלעס, וואָס ער האָט געזען און געהערט אויבן. די תלמידים האָבן דאַן מודה געווען, אַז רבי ישראל בעש״ט האָט רעכט.

דער בעש״ט פאָרט קיין פּויזנאַ*).

רבי ישראל בעש״ט איז אַמאָל געקומען קיין בראָד און האָט דאָרט לאָזשירט**) ביי אַ גרויסן גביר, וואָס האָט געשעצט דעם בעש״ט.

דער גביר האָט געהאַט אַן איידעם פון פּויזנאַ, ער איז געווען אַ יונגערמאַן, אַ גרויסער מופלג און אַ פרומער.

אַמאָל האָט ר׳ ישראל בעש״ט געזאָגט צו דעם יונגן מאַן: — „איך פאָר קיין פּויזנאַ, איך דאַרף דאָרטן זיין. אויב דו ווילסט, פאָר מיט מיר צוזאַמען".

— „זייער גוט — האָט דער יונגערמאַן געענטפערט — עס איז שוין דריי יאָר, ווי איך האָב מיינע עלטערן נישט געזען, נאָר איך מוז פרעגן מיין שווער; אויב ער וועט מיר ערלויבן צו פאָרן, וועל איך מיר זייער פרייען, איך וויל זען מיינע עלטערן".

דער יונגער מאַן האָט געפרעגט זיין שווער. האָט דער גביר געענטפערט:

— „געוויס, מיט אַזאַ הייליקן מאַן, ווי רבי ישראל איז, ערלויב איך דיר צו פאָרן,

*) וואַריאַנט צום נומער 139

**) קוואַרטירט.

און געוויס—האָט דער גביר געזאָגט—וועסטו זען נסים ונפלאות, דען רבי ישראל פאָרט אַהין ניט גאָר אומזיסט".

פון פויזנאָ קיין בראָד איז געווען אַ מהלך צו פאָרן, אַן ערך אַכט טאָג, זיי זיינען אַרויסגעפאָרן דאָנערשטאָג נאָך האַלבן טאָג. דער יונגער מאַן האָט גערעכנט צו קומען קיין פויזנאָ אויף דעם צווייטן שבת.

ווי זיי זיינען אַרויסגעפאָרן פון בראָד, האָט דער פורמאַן גענומען די לייצעס, אָנגעבונדן זיי אָן וואָגן און אַליין זיך געלייגט אין וואָגן שלאָפן. דער יונגער מאַן האָט זיך אויף דעם געוואונדערט: ווי אַזוי לאָזט ער דאָס דעם פערד גיין, וווהין עס וויל. עס קאָן דאָך פאַרבלאָנדזשען!

עס האָט לאַנג ניט געדויערט, האָט דער יונגערמאַן געזען, ווי דאָס פערד איז אַראָפּגעגאַנגען פון ריכטיקן וועג. האָט ער וועגן דעם געזאָגט דעם בעש"ט.

— "מיר דאַרפן דעם פערד נישט זאָגן, ווו עס זאָל גיין—האָט רבי ישראל בעש"ט געענטפערט מיט אַ שמייכעל—עס ווייסט דעם וועג ריכטיק, עס וועט ניט בלאָנ־דזשען, מיר וועלן אויף הייגטיקן שבת קומען קיין פויזנאָ".

דער יונגערמאַן האָט אים אָנגעקוקט מיט גרויס פאַרוואונדערונג. ער האָט מורא געהאַט צו זאָגן דאָס, וואָס ער טראַכט, דען אין זיין האַרצן האָט ער געטראַכט, דאָס דער בעש"ט זאָגט נישט אמת, אָדער ער לאַכט פון אים. עס איז דאָך נישט מיגלעך צו קומען אויף דעם שבת קיין פויזנאָ: עס איז שוין דאָנערשטאָג נאָך האַלבן טאָג און די נסיעה דאַרף דויערן ניט ווייניקער ווי אַכט טאָג. דער יונגערמאַן האָט אָבער געשוויגן און נאָר געקוקט, וואָס דאָ וועט זיין.

דער בעל־עגלה האָט געשלאָפן און דאָס פערד איז געגאַנגען אין אַזאַ וועג, וואָס קיין מענטש, קיין בהמה, קיין חיה און קיין פויגל איז דאָרט קיינמאָל ניט געווען. דעם יונגן מאַן האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס פערד לויפט אַזוי שנעל, וואָס קיין פערד אויף דער גאַנצער וועלט קאָן אַזוי גיך ניט לויפן. וואָס ווייטער, איז ער גע־קומען אַלץ מער אין אַ געדיכטן וואַלד. פון וואַלד אַרויסגעלאָפן, איז ער געקומען אויף אַ הויכן באַרג, נאָכדעם—אין אַ טיפן טאָל, נאָכדעם—ווייטער אין אַ וואַלד און ווידער אויף אַ באַרג, און פון דאָס ביי אין אַ טאָל. אַזוי זיינען זיי דאָנערשטאָג געפאָרן ביז מנחה צייט. נאָכדעם זיינען זיי געקומען אויף אַפעלד, וואָס איז געווען באַוואַקסן מיט הויכע געדיכטע גראָזן, צוויי מאַן די הויך. דאָס פערד האָט זיך געשטעלט אין די גראָז.

דער יונגער מאַן האָט געזען, ווי דער בעש"ט איז געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש. זיין פנים האָט געשיינט, ווי אַ פלאַם פייער. עס איז געווען שרעקלעך אויף אים אַ קוק צו טאָן. ער האָט אויפגעוועקט דעם בעל עגלה און צו אים געזאָגט:

— "נעם דאָס קריגל און גיי, צווישן די גראָז, דאָרט וועסטו אָנשעפן אַ פולן קריגל וואַסער און מיר ברענגען אַ טרונק".

דער בעל עגלה איז געגאַנגען. עס האָט לאַנג ניט געדויערט, האָט ער געפונען דעם קוואַל. ער האָט אָנגעשעפט אַ פולן קריגל מיט וואַסער און געבראַכט צוטראָגן.

ר' ישראל בעש"ט האָט גענומען דאָס קריגל וואַסער, געמאַכט אַ ברכה מיט גרויס כוונה, געטרונקען אַ ביסל וואַסער. נאָכדעם האָט ער געגעבן דעם יונגן מאַן און גע־זאָגט צו אים: — "מאַך אַ ברכה מיט גרויס כוונה און טרינק אַ ביסל וואַסער". דער יונגערמאַן האָט אַזוי געטאָן. נאָכדעם האָט ר' ישראל געזאָגט צום בעל עגלה: — "לייג דיך שלאָפן!" דער בעל עגלה האָט זיך געלייגט שלאָפן און איז באַלד איינגעשלאָפן.

דאָס פערד איז ווייטער געלאָפן אויף בערג און אין טאָלן, וואַלד אריין, וואַלד אַרויס. מע זעט ניט קיין שטאָט, קיין דאָרף, קיין קרעטשמע, אַפילו קיין פויגל ניט.

אַזוי זיינען זיי געפאָרן די גאַנצע נאַכט, וואָס געהערט צו פרייטאָג. דער יונגערמאַן האָט ניט געוווּסט, ווו זיי זיינען. ער האָט ביי זיך געטראַכט, אַז געוויס וועלן זיי שבת מוזן שטיין אויפן וועג, ווייל צו פּויזנאַ איז נאָך געווען זייער ווייט. ער האָט דערפון געהאַט גרויס פאַרדרוס. ער האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן און האָט געפרעגט דעם בעש״ט: — „זאָגט מיר, רבי, ווו וועלן מיר האַלטן שבת?״

— „דו ווייסט דען ניט, אַז מיר פאָרן קיין פּויזנאַ? — האָט דער בעש״ט געענטפערט — דאָרטן וועלן מיר אי״ה קומען אויף שבת״.

דער יונגערמאַן האָט געשוויגן. ער האָט מורא געהאַט צו פרעגן. נאָר ביי זיך אין האַרצן האָט ער זיך שטאַרק געוווּנדערט. ער איז אַ פּויזנער און ער ווייס די גאַנצע געגנט אַרום פּויזנאַ. ווען זיי וואָלטן געווען צוואַנציק מייל פון פּויזנאַ, וואָלט ער דערקאַנט די אַרומיקע שטעטלעך און דערפער, איצט אָבער זעט מען קיין שפּור ניט פון פּויזנאַ. האָט ער דערפון פאַרשטאַנען, דאָס זיי זיינען ווייט פון פּויזנאַ, וועלן זיי מוזן שבת האַלטן אונטערן פרייען הימל. דער יונגערמאַן האָט דערפון גרויס פאַרדרוס געהאַט. אַזאַ מעשה צו שטיין שבת אויף דעם פעלד וועט אים טרעפן דעם ערשטן מאָל אויף זיין לעבן. ער איז דערצו נישט געוווינט; ער איז אַ גבירישער זון און אַ גבירישער איידעם, וועט אים אַזאַ געשיכטע קאָסטן פיל געזונט. מיט די געדאַנקען איז ער געפאָרן די גאַנצע נאַכט. אויף מאָרגן, ווי עס איז געקומען די צייט פון דאַוונען, איז דאָס פערד געבליבן שטיין אויף אַן אָרט, און ווי זיי האָבן געענדיקט דאַוונען, איז דאָס פערד געגאַנגען ווייטער. (דער בעל עגלה איז געווען אַ קריסט, ר׳ ישראלס שטייגער איז געווען צו פאָרן מיט אַ קריסטלעכן בעל עגלה).

דער בעל עגלה האָט די גאַנצע צייט געשלאָפן, ער האָט פון קיין זאַך ניט געוווּסט.

אַרום האַלבן טאָג צייט האָט דער יונגערמאַן געפרעגט דעם בעש״ט: — „ווו וועלן מיר רוען שבת? עס איז שוין נאָך האַלבן טאָג!״

— „דוכט זיך — האָט רבי ישראל געענטפערט — איך האָב שוין געזאָגט, אַז אויף שבת וועלן מיר אי״ה געוויס קומען קיין פּויזנאַ״.

דער יונגערמאַן האָט ביי זיך געטראַכט, אַז דער בעש״ט לאַכט געוויס פון אים.

דאָס פערד טוט דערווייל דאַסזייניקע. עס גייט שנעל, ווערט נישט מיד. עס איז געקומען פאַרנאַכט. נאָך צוויי שעה האָבן זיי געקאָנט פאָרן ביז שבת. דער יונגערמאַן האָט דערזען פון ווייטן אַ גרויסן דאָרף. האָט ער זיך געפרייט, ווייל ער האָט געגלויבט, אַז אין דאָרף וווינט געוויס אַ ייד, וועלן זיי ביי אים זיין שבת. דאָך בעסער, ווי אויפן פעלד אונטערן בלויען הימל.

אָבער ווי זיי זיינען אַריינגעקומען אין דאָרף, איז דאָס פערד דורכגעלאָפן דעם דאָרף און האָט זיך ביי קיין הויז ניט אָפּגעשטעלט. ניט ווייט פון דאָרף איז געשטאַנען אַ קליין הייזל, אַ צעבראָכענע, אַן אמתע חורבה. ביי דער חורבה איז דאָס פערד געבליבן שטיין.

דער יונגערמאַן האָט געמיינט, אַז אין דער חורבה וועלן זיי האַלטן שבת. האָט ער זיך געפרייט, ווייל עס איז דאָך בעסער, ווי צו שטיין אַ גאַנצן שבת אויפן פעלד.

רבי ישראל בעש"ט איז אַראָפּגעקראָכן פון פור און איז אַריינגעגאַנגען אין דער חורבה. דער יונגערמאַן איז אים נאָכגעגאַנגען. האָט ער געזען אין חורבה אַן אַלטן מאַן, קרעציק פון קאָפּ ביז די פיס. און זיין ווייב מיט די קינדער גייען אַרום קרועים ובלואים. ווי דער בעש"ט האָט געעפנט די טיר, איז דער אַלטער געוואָרן מלא שמחה. ער איז געלאָפן אים אַנטקעגן און האָט אים „שלום" געגעבן. מיט גרויס שמחה האָט ער אַ געשריי געטאָן: — „שלום עליך, רבי ומורי!" ווער עס האָט זייער שמחה ניט געזען, האָט גאָר קיין באַגריף, וואָס אַ שמחה איז. דער אַלטער מיט דעם בעש"ט זיינען אַריינגעגאַנגען אין אַ זייטיקן חדר. זיי האָבן גערעדט אַ האַלבע שעה, נאָכדעם האָבן זיי זיך פריינדלעך געזעגנט. דער בעש"ט האָט זיך געזעצט אין וואָגן. דער יונגערמאַן האָט זיך אויך געזעצט אין וואָגן. דער בעל עגלה האָט געשלאָפן און דאָס פערד האָט אָנגעפאַנגען לויפן ווי אַלע מאָל.

דער יונגערמאַן האָט מער ניט געפרעגט, ווו זיי וועלן האַלטן שבת. געוויס אויף דעם פעלד, ווייל פון פויזנאַ זיינען זיי נאָך ווייט און צו שקיעת החמה איז געבליבן ווייניקער ווי אַ שעה צייט. ער האָט דערפון געהאַט גרויס צער, ווייל ער איז דערצו נישט געוווינט געווען.

פלוצלונג האָט ער דערזען, אַז זיי זיינען ביי פויזנאַ. ער האָט דערקאַנט זיינע עלטערנס הויז. עס דאַרף דויערן נישט מער ווי פינף מינוטן אַריינצופאָרן אין שטאָט אַריין.

— „דו האָסט מיר נישט געגלויבט — האָט דער בעש"ט געזאָגט — אַז מיר וועלן אויף שבת זיין אין פויזנאַ, דערפאַר וועסטו דיינע עלטערן איצט ניט זען".

— וואָס רעדט איר, רבי? — האָט דער יונגערמאַן געענטפערט מיט אַ שמייכעלע — אָט זע איך דאָך מיינע עלטערנס הויז, וואָס ברויך איך אַ בעסערע אכסניא, ווי זייערע איז?"

דער בעש"ט האָט אים קיין וואָרט ניט געענטפערט.

אין פויזנאַ איז געווען אַ גאַס, וואָס דאָרטן האָט קיין ייד נישט געטאָרט גיין. דאָרטן האָבן די איינוווינער ערלויבט צו וווינען נאָר איין יידישן שניידער, ווייל זיי האָבן אים געברויכט צו זייערע נוצן — ער האָט פאַר זיי גענייט אַלע זייערע קליידער. אַחוץ דעם שניידער האָט קיין ייד ניט געטאָרט קומען אין דער גאַס, וואָס איר נאָמען איז געווען „שולער-גאַס". אַמאָל האָט געטראָפן אַ סיבה: אַ פרעמדער ייד האָט ניט געוווסט דערפון, איז ער אַריינגעגאַנגען אין דער שולער-גאַס. האָבן די איינוווינער אויף אים געוואָרפן שטיינער, ביז זיי האָבן אים געהרגעט אויף טויט. פון דאַמאָלסט אָן פלעגן אַלע יידן מורא האָבן צו גיין אויף יענער גאַס, עס זאָל זיי חלילה ניט טרעפן דיזעלביקע סיבה.

ווי ר' ישראל בעש"ט מיט דעם יונגן מאַן זיינען געקומען קיין פויזנאַ, איז דאָס פערד גלייך געלאָפן אין יענער גאַס.

דער יונגערמאַן איז געווען אַ פויזנער און געוווסט די גרויסע סכנה, וואָס קאָן קומען. ער האָט געוואָלט אַראָפּשפּרינגען פון וואָגן, אָבער ער האָט דאָס נישט געקאָנט טאָן, ווייל דאָס פערד איז זייער שטאַרק געלאָפן. האָט ער זיך דערשראָקן פשוט אַ טויט-שרעקעניש.

— „רבי — האָט דער יונגערמאַן געזאָגט מיט גרויס ציטערניש — מיר זיינען אין אַ סכנה. דאָס פערד לויפט אין „שולער-גאַס", דאָרט וועלן אונדז די איינוווינער פאַרוואַרפן מיט שטיינער, זיי וועלן אונדז געוויס טויטן".

— „ביז איצט — האָט ר' ישראל געענטפערט מיט אַ שמייכל — האָבן מיר נישט

געזאָגט דעם פערד, ווו עס זאָל גיין. לאָמיר אים איצט אויך ניט זאָגן, זאָל עס גיין, ווו עס וויל, און השם יתברך וועט אונדז ראַטעווען פון די שלעכטע מענטשן, זיי וועלן אונדז קיין שלעכטס נישט קענען טאָן".

די איינוווינער האָבן געזען, עס פאָרט אַ פור מיט צוויי יידן, האָבן זיי זיך פאַרזאַמלט, צוזאַמענגעקליבן גרויסע שטיינער, כדי צו פאַרוואַרפן די יידן. דער יונגערמאַן האָט דאָס דערזען, האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקן און געשריען: — „עס איז אַ סוף פון אונדזער לעבן, די איינוווינער וועלן אונדז געוויס הרגענען".

דאָס פערד איז דורכגעלאָפן די גאַנצע גאַס. געקומען ביי דעם לעצטן הויז, ווו דער יידישער שניידער האָט געוווינט, איז עס געבליבן שטיין. דער שניידער מיט זיינע מענטשן זיינען אַרויסגעגאַנגען צום בעש"ט און געפרעגט מיט שרעק:

— „וואָס פאַרלאַנגט איר?"

— „אונדזער פאַרלאַנג איז—האָט רבי ישראל בעש"ט געענטפערט—מיר זאָלן ביי אייך האַלטן שבת".

— „דאָס איז אַ קלייניקייט—האָט דער שניידער געענטפערט—איך וועל אייך צונעמען מיט גרויס כבוד, אָבער איר זייט אין אַ סכנה פון די גאַסיקע איינוווינער, זיי וועלן אייך הרגענען".

— „זאָרגט נישט וועגן דעם—האָט דער בעש"ט געענטפערט—עס וועט אי"ה קיין שלעכטס ניט זיין". און ריידנדיק האָט ער גענומען דעם יונגנמאַן פאַרן האַנט און זיי זיינען אַריינגעגאַנגען אין שטוב אַריין.

דער בעל עגלה האָט אויפגעוואַכט פון שלאָף. ער האָט גענומען די חפצים פון וואָגן און האָט זיי אַריינגעטראָגן אין שטוב אַריין.

— „עס איז צייט צו דאַווענען מנחה—האָט ר' ישראל בעש"ט געזאָגט—ביי דעם שניידער זיינען פאַראַן אַכט מענטשן און איך מיט דעם יונגנמאַן זיינען אַקוראַט אַ מנין".

דער יונגערמאַן האָט דאָרטן געמוזט בלייבן. צו זיינע עלטערן האָט ער ניט געקאָנט גיין, ערשטנס—האָט ער מורא געהאַט צו גיין אַליין אויף דער גאַס, די איינוווינער זאָלן אים חלילה ניט מכבד זיין מיט שטיינער אין קאָפּ און צווייטנס—עס וועט פעלן איינער צום מנין. רבי ישראל האָט זיך באַלד געשטעלט דאַווענען מנחה מיט אַזאַ געשריי, מיט אַזאַ גרויסן רעש, אַז די הויז-מענטשן האָבן זיך דערשראָקן. אַפילו דער יונגערמאַן, וואָס ער האָט שוין פיל מאָל געזען אים דאַווענדיק, בעת ער איז געווען אין בראָד, האָט אַזאַ דאַווענען געזען דאָס ערשטע מאָל. די דבקות פון בעש"ט זיינען געווען איבערנאַטירלעך. זיינע קולות האָבן זיך געהערט אויף דער גאַס. פיל איינוווינער זיינען געקומען צולויפן זען און הערן די גוואַלדן, וואָס אַ ייד מאַכט. זיי זיינען אויף דעם שטאַרק אין כעס געוואָרן. זייער צאָרן האָט אין זיי געברענט ווי אַ פייער. — „וואָס טוען די פרעמדע יידן ביי אונדז אין גאַס?—האָבן זיי איינער דעם אַנדערן געפרעגט. — „לאָמיר דאָס הויז אונטערצינדן"—האָבן עטלעכע פון המון געשריען. — „לאָמיר דאָס הויז צעברעכן" האָבן אַנדערע געזאָגט.

—„ניין—האָט זיך דערהערט אַ געשריי—דאָס זאָלן מיר ניט טאָן, דען ווו וועלן מיר נעמען אַזאַ שניידער, ווי אונדזער משהקע איז? לאָמיר אַרומרינגלען דאָס הויז, אַרויסשלעפן די צוויי יידן פון דאָרט אויף דער גאַס און זיי מיט שטיינער פאַרוואַרפן".

און דער המון האָט אַרומגערינגלט דאָס הויז און זיך געוואָלט נעמען צו דער אַרבעט.

דער יונגערמאַן האָט דאָס געזען, האָבן אים אַלע גלידער געציטערט ווי פון אַ שטאַרקן קדחת. ער האָט געמיינט, אַז עס איז געקומען די צייט, וואָס ער וועט געהרגעט ווערן.

דער שניידער מיט זיין פאַמיליע האָבן זיך אויך שטאַרק דערשראָקן פאַר דעם המון. דער שניידער איז אַרויסגעגאַנגען פון שטוב צו זיי אויף דער גאַס און האָט זיי געזאָגט דיזעלביקע ווערטער, וואָס לוט האָט געזאָגט צו די מענטשן פון סדום, בעת זיי זיינען זיין הויז באַפאַלן צו הרגענען די צוויי מלאכים, וואָס זיינען צו אים געקומען אַלס געסט אין אַ מענטשן-געשטאַלט.

— „ברידער! — האָט דער שניידער געזאָגט מיט טרערן — טוט קיין שלעכטס מיינע געסט, זיי זיינען מיינע ברידער, זיי זיינען געקומען צו מיר נאָר זען, וואָס איך מאַך, מאָרגן ביינאַכט וועלן זיי אַוועקפאָרן".

— „אַ גרויסער יחסן ביי אונדז אין שטאָט — האָבן עטלעכע פון המון געשריען — עס איז דיר ווייניק, וואָס מיר האָבן דיר ערלויבט ביי אונדז אין גאַס צו וווינען, געמסטו נאָך אויף צוויי פרעמדע יידן ביי זיך צו הויז. שנעל פיר זיי אַרויס פון שטוב צו אונדז; ווען ניט, וועלן מיר אויף דיר אויך קיין רחמנות ניט האָבן".

דער שניידער האָט געוואָלט ריידן נאָך עטלעכע ווערטער, אָבער אַ גרויסער שטיין איז פאַרבייגעפלויגן פאַרביי אים. ווען דער שטיין וואָלט אים געטראָפן, וואָלט ער באַלד געהרגעט געוואָרן, נאָר דער שטיין איז געפאַלן אַ ביסל ווייטער פון אים.

שטאַרק דערשראָקן האָט זיך דער שניידער אַריינגעכאַפּט אין הויז און האָט די טיר פאַרשלאָסן. אָבער פיל פון המון האָבן אָנגעהויבן צו ברעכן די טיר מיט גרויס גבורה.

— „שרעקט אייך נישט — האָט רבי ישראל געזאָגט — זיי וועלן באַלד אַנטלויפן פון דאַנען, אויב זיי וועלן האָבן כח צו אַנטלויפן. דער, וואָס האָט זיין האַנט נישט געלייגט אויפן הויז דאָס צו צעברעכן, וועט קראַפט האָבן באַלד צו אַנטלויפן, אָבער דער, וואָס האָט שוין געבראָכן דאָס הויז, דער וועט פאַלן און צעברעכן ביידע הענט; עס וועט אויף דער גאַס ווערן אַ געשריי, אַזוי ווי עס איז געווען אין מצרים צו מכת בכורות".

דער בעש"ט האָט געעפנט די טיר און איז אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס. ווי דער בעש"ט האָט דערזען די מענטשן מיט די שטיינער אין האַנט, האָט ער אויף זיי נאָר אַ קוק געטאָן, אין ביי זיי געוואָרן אַ רעש און אַ מהומה, אַנדערע זיינען אַנטלאָפן, ווי איינער לויפט פון אַ טיגער אָדער פון אַן אַנדער סכנה. לויפנדיק האָבן זיי אַנידערגעוואָרפן פיל מענטשן אויף דער ערד, צעבראָכן זייערע הענט און פיס. די געשרייען זיינען געווען שרעקלעך, אַקוראַט ווי דער בעש"ט האָט געזאָגט. פון גאַנץ שטאָט איז מען געלאָפן זען, ווי מענטשן-העלדן לויפן, וואָס קיינער יאָגט זיי ניט, און קיינער טשעפּעט זיי ניט. האַלטנדיק די גרויסע שטיינער אין האַנט, שרייען זיי: — „גוואַלד, ראַטעוועט!" און קיינער ווייס ניט די סיבה דערפון.

עטלעכע פון די דערשראָקענע אַנטלאָפענע זיינען געקומען צום גרעסטן פראָפעסאָר און האָבן ביי אים געבעטן הילף צו זייער שרעק.

— „פאַר וועמען האָט איר אייך אַזוי שטאַרק דערשראָקן" — האָט דער פראָפעסאָר געפרעגט.

— מיר ווייסן אַליין ניט — האָבן זיי געענטפערט — אונדז האָט זיך געדוכט, אַז

ארום דעם יידן זיינען געשטאַנען פייערדיקע לייבן, טיגערן, בערן און גרויסע שלאַנ־גען; די מיילער האָבן זיי געהאַלטן אָפן, אונדז איינצושלינגען. אונדז האָט זיך געדוכט, אַז זיי יאָגן אונדז; זייער פייער האָט אונדז געברענט אין פּנים".

— „דער ייד — האָט דער פּראָפעסאָר געזאָגט — איז אַ מכשף אָדער אַ געטלעכער מאַן, איך מוז אים גיין זען און גוט באַטראַכטן".

דער פּראָפעסאָר איז געווען זייער געלערנט אין יידישע זאַכן. ער האָט גוט פאַרשטאַנען גמרא און קבלה. איז ער אַוועקגעגאַנגען צום שניידער זען מיט זיינע אויגן דעם וווּנדערלעכן געטלעכן רבי ישראל בעש"ט. ער איז געקומען צום שניי־דער בעת דער בעש"ט האָט מקבל שבת געווען מיט גרויס ווונדערלעכע דבקות און מיט אַ רעש גדול. דער פּראָפעסאָר איז געשטאַנען און געקוקט, ווי דער בעש"ט האָט מקבל שבת געווען, ווי ער האָט מעריב געדאַוונט, געמאַכט קידוש, געגעסן און געבענטשט.

די גאַנצע צייט איז דער פּראָפעסאָר געשטאַנען און האָט גוט באַמערקט, וואָס רבי ישראל האָט געטאָן. זיי ביידע האָבן קיין איינציקן וואָרט גערעדט. דער בעש"ט האָט אויף אים אַפילו אַ קוק ניט געגעבן.

נאָכן בענטשן האָט דער פּראָפעסאָר געבעטן דעם שניידער, אַז מאָרגן פרי, ווי דער בעש"ט וועט ברויכן אָנפאַנגען דאַוונען, זאָל ער שיקן אַ מענטשן, אָדער אַליין קומען אים אָנזאָגן, ווייל ער וויל זען, ווי רבי ישראל דאַוונט שבת אינדערפרי.

דער שניידער פלעגט אַרבעטן פאַר דעם פּראָפעסאָר און פאַר אַלע סטו־דענטן — זיינע תלמידים. דערפאַר האָט ער אים פאַרשפּראָכן צו רופן מאָרגן, ווי ר' ישראל וועט זיך נאָר שטעלן דאַוונען.

אויף מאָרגן האָט דער שניידער אַ ידיעה געגעבן דעם פּראָפעסאָר, דאָס באַלד וועט דער בעש"ט זיך שטעלן דאַוונען. דער פּראָפעסאָר איז באַלד געקומען צום שניידער און האָט געטראָפן אַקוראַט, ווי דער בעש"ט האָט אָנגעהויבן דאַוונען. איז דער פּראָפעסאָר געשטאַנען די גאַנצע צייט און האָט זיינע אויגן ניט אַראָפּגעלאָזן פון בעש"ט. און אַזוי איז ער געשטאַנען, ביז דער בעש"ט האָט געענדיקט דאַוונען און האָט אָפּגעגעסן און געבענטשט.

דער פּראָפעסאָר האָט געבעטן דעם שניידער, דאָס צו מנחה זאָל ער אים אויך געבן אַ ידיעה.

דער שניידער האָט אַזוי געטאָן, און דער פּראָפעסאָר איז געקומען אויך צו מנחה און האָט שטאַרק געקוקט אויף דעם בעש"ט די גאַנצע צייט פון דער תפילה.

נאָכדעם האָט זיך דער בעש"ט געזעצט עסן און האָט געזאָגט אַ שטיק קבלה מיט אַ נפלאדיקער דבקות. דער יונגערמאַן מיט דעם שניידער און זיינע מענטשן זיינען שטאַרק נתפּעל געוואָרן ניט דווקא איבער דער קבלה, וואָס זיי האָבן געהערט און ווייניק דערפון פאַרשטאַנען, נאָר פון זיינע התלהבות, פון דעם ליכטיקן פּנים, דען זיין פּנים האָט געשיינט, ווי די ליכטיקע שכינה. נאָר דער געלערנטער פּראָפעסאָר האָט יאָ פאַרשטאַנען, וואָס דער בעש"ט האָט געזאָגט, דען ער איז געווען אַ גע־לערנטער מאַן.

נאָכדעם האָט דער בעש"ט געדאַוונט מעריב, געמאַכט הבדלה, און נאָך הבדלה געהייסן דעם בעל־עגלה איינשפּאַנען דעם פערד און פאָרן.

די גאַנצע צייט איז דער פּראָפעסאָר געשטאַנען און געקוקט. ער האָט מיט דעם

בעש״ט קיין וואָרט גערעדט, און רבי ישראל האָט מיט אים אויך קיין וואָרט ניט גערעדט, אַפילו ניט אַ קוק געגעבן אויף אים.

דער שניירער מיט זיינע אַלע מענטשן האָבן זיך דעריבער זייער געוווּנדערט, נאָר זיי האָבן מורא געהאַט צו פרעגן דעם בעש״ט און נאָך מער מורא געהאַט צו פרעגן דעם פּראָפעסאָר. טאָמער וויל ער זיי דעם סוד נישט מגלה זיין, וועט ער אין כעס ווערן, פאַרוואָס זיי פרעגן ביי אים.

ווי דער בעל־עגלה איז אַרויסגעפאָרן פון שטאָט, האָט אים דער בעש״ט געבעטן, ער זאָל זיך לייגן שלאָפן. די לייצעס זאָל ער אָנבינדן אָן דעם וואָגן, וועט שוין דאָס פערד גיין, ווו עס דאַרף גיין, עס וועט שוין טרעפן דעם וועג.

דער יונגערמאַן איז געזעסן אין וואָגן מיט גרויס פאַרדרוס. ער האָט ביי זיך געקלערט: — „צו וואָס האָב איך געברויכט צו פאָרן קיין פּויזנאַ, האָבן שרעק און האַרצווייטאָק, און לסוף אפילו די עלטערן נישט געזען". ער האָט געזאָגט צום בעש״ט:

— „ליבער רבי, איר זייט אַ הייליקער געטלעכער מאַן, דאָס האָב איך פריער אויך געוווּסט, אויב צוליב דעם האָט איר מיך מיטגענומען כדי צו ווייזן מיר אייערע וווּנדער, ווייס איך פון אייך גרעסערע וווּנדער, מיינע עלטערן אָבער האָב איך ניט געזען, נאָר זייער הויז פון ווייטן. איך בין געגליכן צו אַ מענטשן, וואָס איז דאָרשטיק און שטייט אין אַ טייך און וויל אַ טרונק טאָן; האַלט אים איינער צו זיין קאָפּ און לאָזט אים ניט טרינקען... דערפאַר בעט איך אייך, איר זאָלט מיר לכל הפחות דערקלערן די פיר זאַכן, כדי מיין פאָרן זאָל ניט זיין גאָר אומזיסט: דאָס ערשטע, פאַרוואָס האָט איר נישט געוואָלט, אַז איך זאָל מיך זען מיט מיינע עלטערן? דאָס צווייטע— וואָס איז געווען די אורזאַך, וואָס דאָס פערד האָט זיך אָפּגעשטעלט צווישן די הויכע גראָזן, כדי איר און איך זאָלן טרינקען פון דעם וואַסער? דאָס איז ניט גאָר פשוט. דאָס דריטע—וואָס האָט איר מיט דעם אַלטן קרעציקן מאַן אַזוי שטאַרק זיך געפרייט? מער ווי צוויי ברידער האָט איר אייך מיט אים געקושט! דאָס איז אויך ניט גאָר פשוט. דאָס פערטע—וואָס איז געווען דער ציל פון אייער פאָרן קיין פּויזנאַ?"

— „אויף צוויי פראַגן—האָט ר׳ ישראל בעש״ט געענטפערט—וועל איך דיר באַלד ענטפערן, דיין ערשטע פראַגע וועט מאָרגן פאַרענטפערט ווערן אין בראָד, און אויף דיין פערטער פראַגע וועסטו וויסן אַן ענטפער מיט דער צייט. אויף דער פראַגע, פאַרוואָס דאָס פערד האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי די גראָזן, דאַרפסטו וויסן, אַז אַמאָל זיינען דאָרטן צווישן די גראָזן באַגראָבן געוואָרן צוויי יידן, וואָס גזלנים האָבן זיי געהרגעט; זייערע נשמות האָבן דורך אונדזער ברכה אויף דאָס וואַסער געהאַט אַ תיקון מיט אַן עליה.

אויף דער פראַגע, פאַרוואָס האָב איך מיר אַזוי שטאַרק געפרייט מיט דעם אַלטן מאַן, זאָלסטו וויסן, אַז ער איז משיח צדקנו, קלערער קאָן איך דיר נישט זאָגן, איך האָב אויף דעם קיין רשות".

זונטאָג אינדערפרי צום דאַווענען זיינען זיי געקומען קיין בראָד. די גאַנצע שטאָט האָט גערעדט פון דעם קפיצת הדרך, וואָס רבי ישראל האָט געהאַט. אין איין נאַכט קומען פון פּויזנאַ קיין בראָד וואָלט אַ פויגל אויך נישט קענען, און זייער בעל עגלה איז אָפּגעפאָרן אין איין נאַכט, וואָס געוויינלעך דאַרף מען אויף דעם אַכט טאָג.

אין בראָד האָט זיך דער יונגערמאַן דערוווּסט, דאָס ביי זיינע עלטערן אין פּויזנאַ האָט געטראָפן אַן אומגליק, די דאָרטיקע איינוווינער האָבן געמאַכט אויף זיינע

עלטערן אַ בלבול, אַז זיי האָבן געהרגעט זייערס אַ קינד, כּדי צו נעמען זיין בלוט אויף פּסח. די עלטערן איז געלונגען צו אַנטלויפן. די איינוואוינער זיינען דעריבער געזעסן ביי די עלטערן צו הויז. וועמען זיי האָבן געטראָפן אַריינגייענדיק אין דעם הויז, האָבן זיי חושד געווען, דאָס יענער גייט נעמען בלוט. האָבן זיי אים אַרעסטירט, געפּייניקט, ער זאָל זיך מודה זיין.

— איצט פאַרשטיי איך—האָט דער יונגערמאַן געזאָגט צו זיך אַליין—פאַר וואָס רבי ישראל האָט מיך ניט געלאָזט גיין צו מיינע עלטערן.

*

דער יונגערמאַן איז געווען אַ גרויסער מופלג אין נגלה און אין נסתר. זיין שווער איז געווען אַ גרויסער גביר און זיינע געשעפטן זיינען געווען פאַרברייטערט אין פיל דייטשישע גרויסע שטעט. אַמאָל האָט דער שווער אים געשיקט וועגן געשעפט אין אַ גרויסע שטאָט אין דייטשלאַנד. דער יונגערמאַן איז אַהין געקומען אויף שבת. און אַזוי ווי דער יונגערמאַן איז געווען זייער רייך און שטאַרק פרום, האָט ער געוואָלט זיין שבת ביי דעם רב פון שטאָט, ניט אומזיסט, חלילה, נאָר פאַר מזומן געלט. ער האָט געפרעגט ביי איינעם, ווו דער רב וואוינט; האָט אים יענער געוויזן.

— איז אייער רב אַ גרויסער למדן?—האָט דער יונגערמאַן געפרעגט ביי דעם שטאָטיקן.

— „אַ גרויסער למדן—האָט יענער געענטפערט—זיין נאָמען איז ר׳ אברהם גר צדק. ער איז אַ גאון עולם און קאָן שבע חכמות, דען אַמאָל איז ער געווען אַ גרויסער פּראָפעסאָר אין דער שטאָט פּויזנאָ.

דעם יונגנמאַן האָט גיך אַ בליץ געטאָן אַ רעיון, אַז דאָס איז געוויס דער פּראָ־פעסאָר, וואָס האָט אַמאָל געקוקט אויף דעם בעש״ט. ער איז באַלד צוועקגעגאַנגען צו אים. זיי האָבן זיך ביידע באַלד דערקאָנט. דער געוועזענער פּראָפעסאָר האָט דעם יונגנמאַן דערציילט, אַז צוליב אים איז דער בעש״ט געקומען קיין פּויזנאָ, און ווי אַזוי ער איז געוואָרן אַ רב. נאָר איצט האָט ער ווייניק חיונה.

— „איצט פאַרשטיי איך—האָט דער יונגערמאַן געטראַכט ביי זיך אין האַרצן — צו וועלכן ציל דער בעש״ט האָט מיך דעמסטמאָל מיטגענומען נאָך פּויזנאָ. דאָס איז נאָר געווען, כּדי איך זאָל איצט דעם רב העלפן״.

דער יונגערמאַן האָט דעם רב רייך געמאַכט אַזוי, אַז יענער האָט געלעבט אין עושר און אין גדולה.

דער בעש"ט מאַכט כשר אַ שעפּס.

אין דער שטאָט טאַרנאָפּאָל זיינען געווען פיל מתנגדים אויף דעם הייליקן רבי ישראל בעש"ט.

אַמאָל איז רבי ישראל בעש"ט געקומען קיין טארנאָפּאָל; האָט איינער פון זיינע מתנגדים געוואָלט מאַכן אַ שפּאַס פון אים. דער לץ האָט געוווסט, דאָס רבי ישראל בעש"ט עסט קיין פלייש, סיידן ער אַליין איז בודק די געקוילעטע בהמה. זיין בדיקה איז געווען אַזוי: ווי דער שוחט האָט געקוילעט דעם אָקס אָדער דעם שעפּס, פלעגט ער עפענען ביי דער בהמה דעם בויך און אַריינשטעקן זיין האַנט אינעווייניק, אַ טאַפּ געבן די לונג און זאָגן: "כשר", אָדער "ניט כשר."

דעם פרייטאָג אינדערפרי האָט דער שוחט געקוילעט אַ שעפּס. רבי ישראל בעש"ט האָט, ווי זיין שטייגער פלעגט זיין, בודק געווען די בהמה האָט געזאָגט "כשר" און איז באַלד אַוועקגעגאַנגען.

דער שוחט איז אַריינגעגאַנגען אין שטוב וואַרטן, ביז מע וועט אָפּשינדן דאָס פעל פון שעפּס, נאָכדעם וועט ער בודק זיין.

דערווייל איז געקומען צום שעפּס יענער לץ. ער האָט אַרויסגענומען דעם לונג און מיט אַ קיילעכדיק שטיק אייזן האָט ער דורכגעבויערט אַ לעכל אין לונג און צוריק אַריינגעלייגט אים אין שעפּס.

דער שוחט האָט פון קיין זאַך נישט געוווסט. ער האָט בודק געווען דעם שעפּס און געפונען אַ לעכל אין לונג. האָט ער געוואַרט, ביז רבי ישראל בעש"ט איז געקומען. דער שוחט האָט אים געוויזן דאָס לעכל אין לונג. רבי ישראל בעש"ט האָט עס גוט באַטראַכט און נאָכדעם געזאָגט: — "כשר. פון דעם שעפּס זאָל מען קאָכן פאַר מיר לכבוד שבת".

דער שוחט האָט גענומען דעם לונג און אַוועקטראָגן צום רב, ער זאָל מיט זיינע אויגן זען דאָס לעכל. און ער האָט אים דערציילט, ווי ר' ישראל בעש"ט האָט פריער בודק געווען און האָט געזאָגט "כשר" און נאָכדעם, אַז ער האָט געזען דאָס לעכל, האָט ער קיין חרטה נישט געהאַט און נאָכאַמאָל געזאָגט "כשר". און אַז איך האָב אים געבעטן, ער זאָל גוט באַטראַכטן דאָס לעכל אין לונג, האָט ער געענטפערט: —"דאָס איז אַ משוגעת, אָט פון דעם שעפּס וויל איך עסן".

דער רב איז זייער שטאַרק נתפּעל געוואָרן. ער האָט זיך זייער געוווּנדערט צו הערן, אַז דער בעש"ט האָט "כשר" געמאַכט אַ "טרפה" שעפּס. עס איז געוואָרן אַ "ותהום כל העיר", די גאַנצע שטאָט האָט דערפון גערעדט, אַלע האָבן געזאָגט, אַז רבי ישראל בעש"ט וועט היינטיקן שבת עסן טרפה פלייש.

דער רב האָט באַלד צוזאַמענגערופן די ראשי הקהל, זיך אַן עצה האַלטן, וואָס פאַר אַ בזיון צו מאַכן דעם בעשט.

די פני העיר האָבן זיך באַלד פאַרזאַמלט צום רב אין שטוב, באַקלערן און באַשטימען די שטראָף פאַר רבי ישראל בעש"ט.

איינער פון זיינע גוטע פריינד איז געקומען צו אים דערציילן מכח דער אַסיפה.

— "דאַרף איך אָפּקומען פאַר אַ משוגענעם? —האָט ר' ישראל געענטפערט.— קאָן איך אָפּהאַלטן אַלע משוגעים, וואָס וועלן מאַכן לעכלעך אין אַ לונג נאָך דער שחיטה? איך האָב אַ גוטן טאַפּ געגעבן דעם לונג, דענסטמאָל איז דאָרטן נישט געווען קיין לעכל, נאָכדעם, אַז אַ משוגענער מאַכט אַ לעכל אין לונג, וועל איך דערפאַר האָבן

בזיונות פון רב און פון ראשי הקהל? ניין, דאָס גלויב איך נישט. דער אמת וועט זיך באַווייזן, ווער עס האָט רעכט—איך אָדער זיי".

דער ליץ וואָס האָט געמאַכט דאָס לעכל אין לונג, וואָס צוליב דעם איז דאָס געוואָרן דער רעש, איז באַלד באַשטראָפט געוואָרן. ער איז משוגע געוואָרן, אָבער שטאַרק משוגע. דאָס שטיק אייזן, מיט וועלכן ער האָט געמאַכט אין לונג דאָס לעכל, האָט ער געהאַלטן אין האַנט. ער איז אַריינגעלאָפן צום רב און האָט געזאָגט צו אַלעמען: — „אָט מיט דעם שטיק אייזן, וואָס איך האָב געמאַכט אַ לעכל אין לונג, וועל איך מאַכן לעכלעך ביי אייך אין קאָפּ".

זיי האָבן ביי אים צוגענומען דאָס אייזן און אויסגעמאָסטן דאָס לעכל אין לונג, האָבן זיי געזען, דאָס דאָס לעכל אין לונג איז אַזוי גרויס, אַקוראַט ווי די גרעב פונם אייזן.

דענסטמאָל האָבן זיי דערקאַנט די הייליקייט פון רבי ישראל בעש"ט און זיי האָבן אָנגעפאַנגען צו גלויבן, אַז ער איז אַ געטלעכער מאַן...

דער ליץ איז אַ לאַנגע צייט געווען משוגע, נאָכדעם האָט רבי ישראל בעש"ט אויף אים רחמנות געהאַט און אים געזונט געמאַכט.

דער מלאך גבריאל.

א.

אין דער שטאָט ט. אין לאַנד מ. האָט געוואוינט אַ ייד מיטן נאָמען רבי גבריאל חסיד. ער איז געווען אַ נאָענטער קרוב פון בעש"ט. איז געווען באַוואוסט פאַר אַ גרויסן למדן, אַ ירא־שמים. אין זיין שטאָט איז ער געווען דער רייכסטער מאַן. ער האָט געמאַכט גרויסע געשעפטן, און אַלע האָבן געוואוסט, אַז ר׳ גבריאל איז אַ גרויסער בעל־צדקה. קיין געשעפט האָט ער ניט געמאַכט, איידער ער האָט געפרעגט אַן עצה ביי זיין קרוב, דעם בעש"ט.

וואָס דער בעש"ט האָט אים געזאָגט, האָט ער געפאָלגט, און פלעגט מצליח זיין אין אַלע געשעפטן.

צו אַלע זיינע יידישע מעלות האָט ער געהאַט וועלט־מעלות. ער איז געווען געבילדעט אין פיל שפּראַכן, אַ גרויסער בקי אין פיל חכמות, וואָס זיינען פאַראַן אויף דער וועלט.

אַמאָל איז ער געזעסן זייער פאַרטראַכט. איז צו אים אַריינגעקומען אַ מענטש, וואָס אויף זיין פנים איז געווען קענטיק, אַז ער איז ניט קיין פּראָסטער מענטש און ניט קיין אָרעמאַן.

— „מיך האָט געטראָפן אַ סיבה—האָט דער מענטש געזאָגט — אויפן וועג, האָבן גנבים ביי מיר צוגענומען מיינע רייזע־קאָסטן. איך וווין אין אַ ווייטן לאַנד און קאָן אַהיים ניט פאָרן, מחמת מיר פעלט אויף הוצאות. בעט איך אייך, לייט מיר צוויי הונדערט דוקאַטן, איך זאָל קענען פאָרן אַהיים. זייט מקיים, וואָס שלמה המלך זאָגט: לאָז דיין ברויט פאָרן איבער וואַסער, וועסטו עס אין אַ לאַנגע צייט אַרום געפינען. איך פאַרשפּרעך אייך אָפּצושיקן אייער געלט, וואָס איר וועט מיר געבן, מיט גרויסע פּראָצענטן".

— „ווי איז אייער נאָמען? — האָט ר׳ גבריאל חסיד געפרעגט — און פון וועלכער שטאָט זייט איר?“

— „אויף די צוויי פראַגן — האָט דער מענטש געענטפערט — קאָן איך אייך לייַדער נישט ענטפערן, איך האָב דערבײַ אַ גרויסע וויכטיקע אורזאַך; איך קאָן אייך נאָר זאָגן, אַז איך בין אַ גרויסער שר און עס קאָן זיין, אַז מיט דער צייט וועל איך אייך קענען טאָן אַ גאַנץ גרויסע טובה“.

גבריאלן איז געקומען אויף זיינע געדאַנקען, אפשר איז דאָס טאַקע אמת, וואָס דער אומבאַקאַנטער זאָגט.

— „איצט האָב איך קיין געלט — האָט גבריאל צו אים געזאָגט — איר מוזט וואַרטן דריי טעג. אויב איך וועל אויפן פערטן טאָג האָבן דאָס געלט, וועל איך עס אייך לייען.

דער אומבאַקאַנטער איז אַוועקגעגאַנגען, און ר׳ גבריאל איז אַוועקגעפאָרן צום בעש״ט און אים דערציילט די גאַנצע מעשה. האָט אים דער בעש״ט געגעבן אַן עצה, ער זאָל אים דאָס געלט לייען; עס קאָן זיין, דאָס וועט זיין אַ טובה פאַר דעם כלל ישראל, אויך פאַר ר׳ גבריאלן.

גבריאל איז געקומען אַהיים און האָט דעם שר געגעבן צוויי הונדערט דוקאַטן.

דער שר האָט אים נאָכאַמאָל פאַרשפּראָכן דאָס געלט מיט גרויסע פּראָצענטן אָפּצוגעבן און איז אַוועקגעפאָרן זייער צופרידן.

אַ לאַנגע צייט איז אַוועקגעלאָפן. ר׳ גבריאל האָט פון שר קיין ידיעה געהאַט און האָט זיך אָן זיין געלט מיאש געווען.

ב.

אין עטלעכע יאָר אַרום נאָך דער מעשה האָבן די שלעכטע מענטשן אין ט., ווו ר׳ גבריאל האָט געוווינט, געמאַכט אויף די שטאָטישע יידן אַ בלבול, אַז זיי האָבן געהרגעט אַ קריסטלעך קינד צו נעמען זיין בלוט אויף זייער פסח.

די שטאָטישע שופטים האָבן אַרויסגעגעבן אַ גזירה, אַז אין אַ צייט פון זעקס חדשים זאָלן אַלע יידן אַרויסגיין פון שטאָט. אין דער צייט פון די זעקס חדשים מעגן זיי פאַרקויפן אַלץ, וואָס זיי האָבן, און קיין איינציקער ייד טאָר נאָכדעם ניט בלייבן אין שטאָט.

די דאָרטיקע יידן האָבן זיך זייער שטאַרק דערשראָקן, גוזר תענית געווען, געוויינט, געקלאָגט, געמאַכט אַן אסיפה. און ס׳איז ביי זיי געבליבן, אַז ר׳ גבריאל זאָל פאָרן צום בעש״ט בעטן אים אין נאָמען פון גאַנץ שטאָט, ער זאָל פאַר זיי מתפלל זיין, אַז די גזרה זאָל בטל ווערן.

ר׳ גבריאל האָט זיך ניט פיל מיישב געווען. באַלד אינדערפרי איז ער אַוועקגעפאָרן צום בעש״ט און איז אַהין געקומען בשלום.

ר׳ גבריאל האָט דעם בעש״ט דערציילט אַלץ, וואָס ביי זיי אין שטאָט האָט פּאַסירט: ווי די שונאי ישראל האָבן געמאַכט אַ נייעם בלבול, און פון דער נייער גזירה, אויך ווי די גאַנצע שטאָט האָט אים געשיקט צום בעש״ט, ער זאָל מתפלל זיין, אַז די גזרה זאָל בטל ווערן.

— „מיין עצה איז — האָט דער בעש״ט געענטפערט — דו זאָלסט באַלד פאָרן נאָך רוים צום פּאַפּסט, ער קאָן מבטל זיין די גזרה, דען דו ווייסט דאָך, אַז די גאַנצע

דעה האָט דער פּויפּסט. וואָס ער זאָגט, פאָלגן אים אַלע. אַפילו קיניגן טוען אויך, ווי ער זאָגט״.

— אָבער ווי זאָל איך פאָרן? — האָט גבריאל געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן — איך ווייס, אַז אַ יידן לאָזט מען צום פּויפּסט ניט צו; דער ווילדער המון וועט מיך צערייסן אויף שטיקער, איידער איך וועל צום פּויפּסט צוקומען.

— שרעק דיך נישט — האָט דער בעש״ט געענטפערט — האָב קיין מורא נישט צו פאָרן קיין רוים צום פּויפּסט. דו זאָלסט וויסן, אַז איך הייס דיר פאָרן, און גאָט וועט דיך היטן, אַז קיין מענטש זאָל דיר קיין שלעכטס טאָן. דו וועסט טאָן אַ גרויסע טובה דעם כלל ישראל. פאָלג מיר, וואָס איך זאָג דיר, וועט אַלץ זיין גוט.

— איך בין מזמין אין אייערע רייד באמונה שלמה — האָט גבריאל געענטפערט — איך בין מוכן ומזומן צו פאָרן, איך וועל זיך מוסר נפש זיין פאַר דעם כלל ישראל, בפרט, אַז איר הייסט מיר פאָרן און איר זאָגט מיר צו, אַז קיין שלעכטס וועט מיר קיינער נישט טאָן. נאָר וואָס וועל איך טאָן מיט מיין ווייב און קינדער, אַז זיי וועלן מיר ניט לאָזן פאָרן?

— „זאָרג נישט וועגן דעם — האָט דער בעש״ט געענטפערט — אין אָנפאַנג וועט דיין הויזגעזינט ניט וועלן דיר ערלויבן צו פאָרן, נאָר איך וועל אַריינשיקן אין זיי אַ רוח טהרה, אַז זיי זאָלן אויף דיין פאָרן מסכים זיין.

גבריאל האָט גענומען אָפּשייד פונם בעש״ט. דער בעש״ט האָט אים געבענטשט און מבטיח געווען, אַז ער וועט געוויס מצליח זיין צו קומען אַהין און צוריק בשלום.

גבריאל איז געקומען אַהיים מיט דער עצה פונם בעש״ט. ער האָט באַלד דערציילט וועגן דעם זיין הויזגעזינט און די שטאָטישע באַלעבאַטים.

זיין פרוי און קינדער האָבן שטאַרק געוויינט, ווייל זיי האָבן געוווסט, אַז אַ ייד טאָר נישט קומען צום פּויפּסט.

— האָב רחמנות אויף זיך און אויף דיין הויזגעזינט — האָט זיין ווייב געזאָגט צו אים — לויף נישט צום טויט. אמת, יעדער ייד דאַרף זיך מוסר נפש זיין פאַר דעם כלל ישראל, אָבער ווען? אַז ער ווייס געוויס, אַז דורך זיין טויט וועט ער ראַטעווען דעם כלל ישראל. אָבער ביי דעם פאַל איז דאָך אַנדערש. דיך וועט מען געוויס הרגענען און דעם כלל ישראל וועסטו דערמיט קיין טובה נישט טאָן, ווייל צום פּויפּסט וועסטו נישט קענען אָנקומען צו ריידן מיט אים. לאָמיר זיך דעריבער פאַרלאָזן אויף גאָט. אַז ער וועט מציל זיין די אומגליקלעכע יידן אָן דיין פאָרן צום פּויפּסט״.

— איך גלויב דעם בעש״ט — האָט ר׳ גבריאל געענטפערט — ער האָט מיר געהייסן פאָרן, דאַרף איך אים פאָלגן. ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז מיר וועט קיין שלעכטס געשען, האָב איך ניט וואָס מורא צו האָבן. אַ קליינִיקייט, אַזאַ גרויסע מצוה — ראַטעווען דעם כלל ישראל!

ג.

ר׳ גבריאל האָט זיך אָנגעהויבן מכין צו זיין צו דער נסיעה. ער האָט זיך געלאָזט מאַכן נייע שיינע, טייערע קליידער, ווי אַ גראַף טראָגט; געקויפט אַ טייערע קאַרעטע מיט זעקס פערד, ווי דענסטמאָל פלעגט פאָרן אַ פּריץ; געדונגען אַ קריסט פאַר אַ קוטשער, כדי פאָרנדיק זאָל קיינער נישט דערקענען, אַז ער

פירט אַ יידן. און אין אייניקע טעג אַרום איז ער געווען פּאַרטיק צו דער רייזע.

פאַר זיין אַוועקפאָרן זיינען זיך גאַנץ שטאָט יידן צוזאַמענגעקומען ביי אים אין שטוב, מיט אים זיך צו געזעגענען און אים ווינטשן אַ גליקלעכע רייזע, ער זאָל מצליח זיין זיך צו זען מיטן פּויפּסט, נושא חן זיין ביי אים, כדי ער זאָל מבטל זיין די שווערע גזירה.

אַלע, וואָס זיינען געווען אויף דער אַסיפה, האָבן שטאַרק געוויינט.

נאָר איינער פון דער אַסיפה האָט ניט געוויינט. דאָס איז געווען ר' גבריאל. ער איז געווען מלא שמחה.

— איר זאָלט אייך נישט ווונדערן, טייערע פריינד, — האָט ר' גבריאל געזאָגט — וואָס איך בין אַזוי שטאַרק פריילעך, בעת איר אַלע וויינט. די סיבה פון מיין פריילעכקייט איז, וואָס איך גלויב שטאַרק אין דער הבטחה פונם בעש"ט. ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז איך וועל מצליח זיין און באַהויפּטן די שליחות מצוה מיינע.

נאָכדעם האָט זיך ר' גבריאל מיט אַלעמען געזעגנט. און גאַנץ שטאָט, פון קליין ביז גרויס, האָבן אים באַגלייט און יעדערער האָט אים געבענטשט און געזאָגט: „צאתך לשלום ובואך לשלום".

ד.

די נסיעה קיין רוים האָט געדויערט זייער לאַנג. אויפן וועג איז ר' גבריאלן אויסגעקומען אויסצושטיין זייער פיל צרות. ענדלעך נאָך לאַנגע וואַגלעענישן איז ער אָנגעקומען אין אַ דאָרף, וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון רוים.

אין יענעם דאָרף פלעגן זיך אַלע זומער צוזאַמענפאָרן פיל פּאַציענטן, געניסן די גוטע לופט און עסן פרישע זיסע וויינטרויבן.

דעם פּויפּסטס ערשטער קאַרדינאַל איז אויך געקומען אין יענעם דאָרף אַריין זיך קורירן. ער איז אַמאָל געפאָרן צו זיינעם אַ ברודער, וואָס האָט געוווינט ווייט פון רוים. זיינען אים אויפן וועג באַפאַלן מערדער און האָבן ביי אים צוגענומען אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט. זיי האָבן אים דערצו נאָך געשלאָגן. פון דענסטמאָל אָן האָט ער אַ ווייטאָג אין האַרצן און פאָרט אַלע יאָר אין יענעם דאָרף זיך קורירן דורך די גוטע פרישע לופט און וויינטרויבן.

דער קאַרדינאַל האָט אין יענעם דאָרף געהאַט אַ שוואָגער, וואָס איז דאָרט געווען דער ערשטער באַאַמטער. ביי אים האָט ער געוווינט די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט זיך אין דאָרף אויפגעהאַלטן.

געקומען אין יענעם דאָרף, האָט ר' גבריאלס פורמאַן געוואָלט דורכן דאָרף דורכלויפן וואָס גיכער, אָבער ער האָט עס ניט געקאָנט טאָן, ווייל אַלע איינוווינער פונם דאָרף האָבן אַרומגערינגלט די קאַרעטע און ניט געלאָזט דעם פורמאַן פאָרן ווייטער.

— שטיי! לויף ניט! — האָבן עטלעכע פון המון געשריען — אין קאַרעטע זיצט אַ ייד, מיר מוזן אים הרגענען.

און זיי האָבן דעם פורמאַן אַראָפּגעשלעפּט פון דער קעלניע; און עטלעכע מענטשן פון המון האָבן אָנגעפאַנגען צו רייסן די טיר פון דער קאַרעטע. זיי האָבן געוואָלט אַרויסשלעפּן גבריאלן פון דער קאַרעטע און פאַרפייניקן אים ביזן טויט.

— אנא ה' הושיעה נא! — האָט גבריאל געשריען — גרויסער גאָט, זיי מיך מציל פון טויט, אַזוי ווי דער בעש"ט האָט מיר פאַרשפּראָכן. זיינע רייד מוזן דאָך מקוים ווערן...

און ריידנדיק האָט זיך אים געדוכט, אַז דער בעש״ט שטייט לעבן אים און האַלט צו די טיר פון דער קאַרעטע, זיי זאָלן זי ניט קענען עפענען.

— וואָס געדויערט אַזוי לאַנג?—האָט דער המון געשריען צו די עטלעכע מענטשן, וואָס האָבן געריסן די טיר פון דער קאַרעטע—איר האָט קיין כח ניט אין אייערע הענט צו צעברעכן די טיר? אָט באַלד וועלן מיר ברענגען א האַק און אַ ברעכאייזן, וועלן מיר גרינג די טיר צעברעכן, און טאַקע מיט דער אייגענער האַק וועלן מיר דעם יידן הרגענען, דען ווי אַזוי ערלויבט ער זיך צו קומען צו אונדז?״

ה.

דער קאַרדינאַל מיט זיין שוואָגער זיינען אַרויסגעלאָפן פון שטוב אויף דער גאַס. מיט גרויס שוועריקייט האָבן זיי זיך דורכגעשלאָגן דורך דעם המון.

ווי זיי זיינען צוגעגאַנגען נאָענט צו דער קאַרעטע, האָט דער קאַרדינאַל באַלד דערקאָנט דעם יידן, אַז דאָס איז גבריאל, וואָס האָט אים אַמאָל געליען צוויי הונדערט דוקאַטן.

— דו ווייסט, שוואָגער—האָט דער קאַרדינאַל געזאָגט שטילערהייט—דאָס איז דער ייד, וואָס איך האָב דיר אַמאָל פון אים דערציילט. ער האָט מיר געליען צוויי הונדערט דוקאַטן; אין יענער צייט האָט ער מיך דערמיט געראַטעוועט פון הונגער. ווען ניט ער, וואָלט איך דענסטמאָל פון גרויסע צרות געשטאָרבן. דאַרום בעט איך דיך, ראַטעווע אים פון זיין איצטיקן אומגליק, ער פאַרדינט דאָס פון אונדז.

— אויב אַזוי, לאָז מיר שפּילן די ראָליע—האָט אים דער שוואָגער געענטפערט, וועל איך אים ראַטעווען פון טויט, קוק נאָר און שווייג״. און גלייך האָט ער זיך געווענדעט צום המון און געזאָגט:—„געערטע בירגער! איר גייט אַהיים, יעדערער צו זיין אַרבעט, און איך מיט דעם הייליקן קאַרדינאַל וועלן שוין נעמען נקמה פון דעם יידן״.

און מע האָט דעם יידן אַוועקגעפירט צום קאַרדינאַל אין הויף.

— „רבונו של עולם!—האָט גבריאל ביי זיך געטראַכט, זייענדיק שוין ביים קאַרדינאַל אין הויף—וואָס קענען זיי פון מיר וועלן, אפשר מיינען זיי מיר, חלילה, שלעכטס צו טאָן״.

אָבער ער האָט זיך באַלד דערמאָנט אָן דעם פּנים פונם בעש״ט און איז פריילעך געוואָרן. ער האָט געגלויבט, אַז די ברכות פון בעש״ט וועלן מקוים ווערן.

גבריאל האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי גליקלעך ער וועט זיין, ווען דער פויפסט וועט מבטל מאַכן די גזירה, און ווי לוסטיק-פריילעך אַלע יידן אין זיין שטאָט וועלן זיין; יעדערער וועט פשוט טאַנצן פאַר שמחה.

אינדעם איז אַריינגעקומען צו אים דער קאַרדינאַל.

— זאָג מיר, ליבער ייד—האָט דער קאַרדינאַל געזאָגט—דו ווייסט, ווער איך בין?

— ניין—האָט גבריאל געענטפערט—איך זע דעם הערן צום ערשטן מאָל אויף מיין לעבן.

— דו האָסט אַ טעות—האָט דער קאַרדינאַל געענטפערט—דו זעסט מיך ניט דעם ערשטן מאָל, קוק זיך גוט איין אויף מיר, אפשר וועסטו מיך דערקענען. קאָן דאָס מיגלעך זיין, אַז אין דריי יאָר צייט האָב איך מיך אַזוי פיל פאַרענדערט, אַז דו דערקאָנסט מיך נישט?״

גבריאל האָט אויף אים שטאַרקער געקוקט, אָבער ער האָט ׳ אים אַלץ ניט דערקאָנט. דאַן האָט אים דער קאַרדינאַל דערציילט, ווער ער איז.

ו.

צוויי וואָכן צייט האָט גבריאל געלערנט ביי דעם קאַרדינאַל אַלע צערעמאָניעס, ווי אַזוי צו קומען צום פּויפּסט. און אַז ער האָט שוין אַלץ געוווּסט, איז דער קאַרדינאַל מיט אים געפאָרן קיין רוים.

קומענדיק קיין רוים, האָט ר׳ גבריאל אָנגעשריבן אַ בקשה צום פּויפּסט, געבעטן אים, ער זאָל באַשטימען אַ צייט, ווען צו באַזוכן אים.

צו דער באַשטימטער צייט איז אַ דינער געקומען צו ר׳ גבריאלן און האָט אים אוועקגעפירט צום פּויפּסט.

גבריאל האָט דעם פּויפּסט באַגריסט און געבענטשט.

דער פּויפּסט האָט אים פריינדלעך געפרעגט, וואָס ער פאַרלאַנגט.

גבריאל האָט אים דערציילט די גאַנצע מעשה.

דער פּויפּסט האָט רחמנות געקראָגן אויף די יידן, דען גבריאלס רייד איז אים אריין טיף אין האַרצן.

— איך וועל דיר זאָגן דעם אמת — האָט דער פּויפּסט געזאָגט, די גאַנצע זאַך האָב איך שוין באַקומען, עס איז מיר אָבער שווער דאָס אינגאַנצן מבטל צו מאַכן, ווייל אַ פּאָר הונדערט עדות זאָגן, אַז די יידן האָבן געהרגעט דאָס קינד; אויף די פּאַפּירן זיינען געחתמעט פיל שרים, עס פעלט נאָר מיין אונטערשריפט; אין די פּאַפּירן שטייט געשריבן, אַז פיל פון אייך זאָל מען הרגענען און די איבעריקע אַרויסטרייבן פון לאַנד.

— גרויסער האַר פּויפּסט! — האָט ר׳ גבריאל געענטפערט — איר ווייסט ריכטיק, אַז יידן טאָרן קיין בלוט ניט עסן, אפילו פון אַ בהמה און פון אַן עוף. די יידישע תורה האָט דאָס שטרענג פאַרבאָטן. מיט איין וואָרט קאָנט איר חרוב מאַכן גאַנצע מדינות און מיט איין וואָרט קאָנט איר ראַטעווען טויזנטער מענטשן. קיינער האָט קיין רעכט אייער וואָרט דערווידער צו זיין, דרום ליגט אויף אייך אַ הייליקע פליכט, איר זאָלט מציל זיין אומשולדיקע מענטשן פון פאַלשע בלבולים.

גבריאל האָט אַזוי לאַנג גערעדט, ביז ער האָט אָנגעפאַנגען שטאַרק צו וויינען.

דער פּויפּסט איז געווען אַ גוטהאַרציקער מענטש. גבריאלס טרערן און קלוגע אמתע רייד האָבן שטאַרק געווירקט אויף אים.

— איך מוז דיר זאָגן דעם אמת — האָט דער פּויפּסט פריינדלעך געזאָגט:

— דיינע רייד זיינען ריכטיק און קלוג, איך וויל דיר טאָן אַ טובה, נאָר עס איז ניט אַזוי גרינג, ווייל די גזירה איז אונטערגעשריבן פון אַלע שרים, דרום וועל איך מאַכן אַ פּראָבע. אפשר וועט גאָט אויף אייך רחמנות האָבן, די פּראָבע זאָל זיין גוטנעמלעך: ביי אונדז אין אַרכיוו ליגט אַ ספר הזכרונות. אין אים זיינען פאַרשריבן פיל מעשיות וועגן עלילת דם. פיל מאָל האָבן די יי״ן ניט געקאָנט באַווייזן ריכטיק זייער אומשולד. זיינען זיי פאַרמשפּט געוואָרן. אָבער פיל מאָל האָט זיך צום סוף באַוויזן, אַז דער בלבול איז פאַלש, זיינען יענע יידן באַפרייט געוואָרן פון שטראָף. וועל איך באַפעלן ברענגען דעם ספר הזכרונות און אין געגנוואַרט פון אַלע שרים וועל איך אים עפענען. אויב עס וועט זיך עפענען אַ מעשה, אַז יענע יידן זיינען באַשטראָפט

געוואָרן, וועט איר אויך באַשטראָפט ווערן; נאָר אויב עס וועט זיך עפּענען אַ מעשה, אַז יענע יידן זיינען באַפרייט געוואָרן, וועט איר אויך באַפרייט ווערן, איצט בעט ביי גאָט, ער זאָל דיר העלפן, ביסטו צופרידן מיט מיין פּראָבע?״

— איך דאַנק אייך, האַר פּויפּסט — האָט גבריאל געענטפערט — איך האָף צו גאָט, אַז אייער פּראָבע מיט דעם ספר הזכרונות וועט ברענגען, פאַר יידן אַ הילף, ווי דער ספר הזכרונות פון דעם קיניג אחשורוש, וואָס האָט גליקלעך געמאַכט מרדכי הצדיק און אַלע יידן פון פרס ומדי.

יט

דער פּויפּסט האָט געלאָזט צוזאַמענרופן אַלע זיינע קאַרדינאַלן און שרים וועלכע האָבן זיך שוין געחתמעט אויף דער גזירה. ער האָט זיי דערציילט, וואָס דער ייד פאַרלאַנגט פון אים און וואָס ער האָט אים פאַרשפּראָכן צו טאָן — מאַכן אַ פּראָבע מיטן ספר הזכרונות.

— די פּראָבע געפעלט אונדז זייער גוט — האָבן די קאַרדינאַלן און שרים געענטפערט.

דער ספר הזכרונות איז געבראַכט געוואָרן און דער פּויפּסט בעצמו ובכבודו האָט אים געעפנט און געזאָגט צו דעם ערשטן גרעסטן קאַרדינאַל:

— לייען פאָר, וואָס פאַר אַ מעשה דאָ איז פאַרשריבן.

און דער קאַרדינאַל האָט פאָרגעלייענט:

„ניט ווייט פון רוים איז פאַראַן אַ דאָרף, וואָס פיל רייכע לייט פון רוים פלעגן זומערצייט אַהין קומען געניסן די פרישע לופט. אין יענעם דאָרף האָבן געוווינט צוויי ברידער, יידן, ביידע זיינען געווען שניידער. די רייכע לייט פון רוים פלעגן זיך נייען ביי זיי זייערע קליידער. אַזעלכע גוטע בעלי־מלאָכות ווי די יידן האָט מען אין רוים נישט געפונען. האָבן זיי דעריבער מיט דער צייט באַקומען אַ גרויסן נאָמען.

דורך די שרים, וואָס האָבן זיך גענייט ביי זיי, האָבן זיי קירצלעך באַקומען אַן ערלויבניש צו וווינען אין רוים, וואָס אַ ייד פלעגט דאַן זייער שווער אָנקומען.

איינער פון די גרויסע רוימישע שרים, וואָס האָט זיך גענייט ביי די ברידער די שניידער, האָט זיי דערקאָנט, אַז זיי זיינען ערלעכע לייט. האָט ער זיי ליב געקראָגן, ווי זיי וואָלטן געווען זיינע ברידער.

אַמאָל האָט דער שר זיי געלאַדן צו זיך אַהיים, וו ער האָט זיי געוויזן אַלע זיינע אוצרות. ער האָט זיי אַריינגעפירט אין לעצטן חדר, האָט זיי צוגעפירט צו אַ וואַנט און געגעבן דאָרט אַ דריק אויף איין אָרט. האָט זיך געעפנט אַ טיר און זיי דריי זיינען אַריינגעגאַנגען אין אַ הייל. דאָרטן איז געלעגן פיל זילבער, גאָלד און טייערע דימענטן מיט בריליאַנטן, וואָס פון זיי האָט געשיינט, ווי פון דער ליכטיקער זון.

— איך בעט אייך — האָט דער שר געזאָגט — איר זאָלט קיינעם נישט דערציילן, וואָס איך ווייז אייך. אַפילו מיין ווייב ווייסט אויך נישט דערפון. דעמדאָזיקן אוצר וועל איך אייך לאָזן אַ ירושה.

אין אַ צייט אַרום איז דער שר קראַנק געוואָרן און איז געשטאָרבן. זיין פרוי האָט פאַרלאָזט די שטאָט און דאָס הויז פאַרקויפט די צוויי שניידער.

די שרים פון רוים האָט דאָס פאַרדראָסן, פאַרוואָס יידן האָבן געקויפט אַזאַ שיינעם פּאַלאַץ. האָבן זיי מחמת קנאה אָנגעפאַנגען מאַכן אויף זיי בלבולים, כדי די יידן אַרויסצוטרייבן פון רוים.

דאַן וועלן זיי מוזן דעם פּאַלאַץ פאַרקויפן.

אָבער אַרויסטרייבן אַ מענטשן פון רוים האָט קיין שר ניט געקאָנט אויסער דעם פויפּסט אַליין.

יענער פויפּסט איז אָבער געווען אַ גוטהאַרציקער מענטש, אַ אוהב אמת. און אַזוי ווי ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די שרים מאַכן אויף די יידן בלבולים מחמת קנאה, האָט ער זייערע בלבולים ניט צוגעהערט און האָט די צוויי ברידער באַשיצט, עס זאָל זיי קיין שלעכטס ניט געטאָן ווערן. און די צוויי ברידער זיינען געזעסן אין רוים גאַנץ רויִק.

ח.

די שרים האָבן געזען, אַז דער פויפּסט לאָזט די צוויי ברידער רויִק זיצן, האָבן זיי באַשלאָסן אויפצורייצן אויף די צוויי ברידער דעם המון. דערביי האָבן זיי געמאַכט אַזאַ עצה, אַז דער פויפּסט זאָל זיי אויך ניט קענען העלפן.

זעקס מענטשן זיינען אַוועק אויף דעם בית הקברות, האָבן אויפגעגראָבן אַ פרישן קבר, אַרויסגענומען פונם קבר אַ געשטאָרבענעם קריסט, אַוועקגעטראָגן אים אין פּאַלאַץ, וווּ די צוויי ברידער האָבן געוווינט, און אים באַהאַלטן אין אַן אָפענעם קעלער, וואָס איז געווען ביי דעם פּאַלאַץ.

אויף מאָרגן האָבן זיי געמעלדעט אין פּאָליציי, אַז אַ קריסט איז פאַרפאַלן געוואָרן און זיי זיינען חושד די צוויי ברידער, אַז זיי האָבן אים דאָס געהרגעט, כדי צו נעמען זיין בלוט אויף פסח צו מצה.

פּאָליציי מיט די זעקס מענטשן האָבן געזוכט ביי די ברידער אין פּאַלאַץ און האָבן געפונען דעם טויטן קריסט אין קעלער, וווּ זיי האָבן אים באַהאַלטן.

באַלד האָט מען די צוויי ברידער אַרעסטירט, ביז עס וועט זיין אַ דרישה וחקירה.

חדשים לאַנג זיינען די צוויי ברידער געזעסן אין געפענקעניש. עס איז ניט געווען, ווער עס זאָל ריידן פאַר זיי אַ גוט וואָרט.

יעדן טאָג זיינען געקומען נייע פאַלשע עדות און געזאָגט, אַז זיי האָבן געזען, ווי די צוויי ברידער האָבן דעם קריסט געהרגעט. און עס איז ניט געווען, ווער עס זאָל די רייד אָפּלייקענען.

דער סוף איז געווען, אַז עס איז אַרויס אַ גזר-דין אויף די צוויי ברידער, מע זאָל זיי ביידן אויפהענגען. אויספירן דעם פּסק איז געווען באַשטימט אין אַכט טאָג צייט.

די צוויי ברידער האָבן טאָג און נאַכט געוויינט און געפאַסט, מתפלל געווען צו גאָט, אַז ער זאָל טאָן מיט זיי אַ נס, זייער אומשולד זאָל באַווייזן ווערן און די שופטים זאָלן געוואָרנט ווערן פון צו פאַרגיסן אומשולדיק בלוט.

וואָס אַ טאָג נענטער צו זייער טויט, האָבן זיי אַלץ מער תפילה געטאָן.

די לעצטע נאַכט פאַר זייער אויפהענגען האָט דער עלטערער ברודער געזען אין חלום אַן אַלטן מאַן.

— דו זאָלסט וויסן — האָט דער אַלטער מאַן געזאָגט — אַז גאָט האָט אייער

תפילה צוגעהערט. איך וועל אייך רעטן פון טויט; איך ווייס, אַז איר האָט פיל צדקה געגעבן אָרעמע לייט; פון דער מצוה זיינען פיל מלאָכים באַשאַפן געוואָרן. זיי וועלן אַלע מיט מיר קומען צו דער תליה און מיר וועלן אייך ביידן ראַטעווען פון טויט. און אייערע שונאים וועלן פאַרשעמט ווערן; אייער פסק וועלן זיי באַקומען, אַזוי ווי זיי האָבן עס פאַרדינט".

פון גרויס אויפרעגונג האָט דער עלטערער ברודער אויפגעוואַכט פון שלאָף און האָט דערציילט זיין ברודער דעם חלום פון אָנפאַנג ביז ענדע.

— דער אַלטער מאַן — האָט דער יינגערער ברודער געענטפערט — איז ביי מיר אין חלום אויך געווען און האָט מיר געזאָגט דיזעלביקע ווערטער.

אַ גאַנצע נאַכט, ביז עס האָט אויפגעשיינט די זון, האָבן זיי געזאָגט תהילים מיט גרויס התלהבות. זיי האָבן געפילט, אַז אַ הייליקער רוח איז אין זיי אַריין. דער רוח האָט זיי פריילעך געמאַכט און זיי האָבן געהאָפט, אַז דער חלום וועט מקוים ווערן.

אין רוים איז דענסטמאָל געווען אַזאַ געזעץ: ווען מע האָט געדאַרפט טויטן, האָט מען ביי אים פאַרן טויט געפרעגט, וואָס ער פאַרלאַנגט, און אויב עס איז נאָר מיגלעך געווען, האָט מען זיין לעצטע בקשה דערפילט.

אינדערפרי איז אַ באַאַמטער אַריינגעגאַנגען צו די צוויי ברידער און האָט זיי געפרעגט: — "וואָס איז אייער לעצטער ווונטש?"

— מיר פאַרלאַנגען — האָבן די צוויי ברידער געענטפערט — דו זאָלסט דערלויבן אונדזערע פרויען און קינדער קומען אַהער מיט אונדז זיך געזעגענען.

— אייער לעצטער ווונטש וועט באַלד דערפילט ווערן — האָט דער באַאַמטער געענטפערט און איז אוועקגעגאַנגען.

עס האָט ניט לאַנג געדויערט, זיינען געקומעןביידנס פרויען און קינדער אין געפענקעניש אַריין זיך געזעגענען מיט די פאַרמשפטע.

די פרויען האָבן זיך שטאַרק געוווּנדערט, וואָס זייערע מענער זיינען אַזוי פריילעך, אַזוי ווי זיי וואָלטן גאָרניט וויסן, אַז באַלד וועלן זיי דאַרפן זיך געזעגענען מיט דער וועלט אויף אייביק. זיי האָבן שטאַרק געוויינט.

— וויינט ניט — האָבן די מענער געזאָגט — מיר האָבן אַ גרויסע האָפענונג געראַטעוועט צו ווערן פון טויט.

און זיי האָבן דערציילט פון זייער חלום. זיינען די פרויען אויך פריילעך געוואָרן. זיי האָבן אויך געהאָפט צו גאָט, אַז ער וועט ווייזן ווונדער, אַזוי ווי ער קאָן.

— פונדעסטוועגן — האָבן די פרויען געזאָגט — צופיל פריילעך דאַרפן מיר ניט זיין, דען טאָמער חלילה וועט גאָט נישט ווייזן אַזאַ נס אייך מציל צו זיין פון טויט.

— דאַרפן מיר אויך פריילעך זיין — האָבן די מענער געענטפערט — ווייל מיר וועלן שטאַרבן אומשולדיקערהייט, אָן אַ שום חטא צו האָבן געטאָן, וועט אונדזער טויט זיין אַ כפרה אויף אַלע אונדזערע איבעריקע חטאים, וואָס מיר האָבן געזינדיקט קעגן גאָט.

צוועלף אַ זייגער בייטאָג האָט מען אין אַלע קלויסטערס אָנגעפאַנגען צו קלינגען, פאַר אַ צייכן, אַז אַלע איינוווינער פון שטאָט זאָלן קומען אויף דעם גרויסן פלאַץ זען, ווי מע וועט די צוויי יידן אויפהענגען.

גאַנץ שטאָט, פון גרויס ביז קליין, זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אויף דעם פלאַץ-

פאַראַד. אויך דער קיניג און דער פויפסט זיינען געקומען זען, ווי מע וועט אויפ־העגנען די צוויי יידן.

אַרום דער תּפיסה זיינען געשטאַנען פיל זעלנער מיט מוזיקאַנטן פאָרויס.

די צוויי יידן זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן פון דער תּפיסה.

די צוויי ברידער זיינען געגאַנגען פריילעך, אַזוי ווי זיי וואָלטן גיין צו דער חופּה. אַלע האָבן זיך דעריבער שטאַרק געוווּנדערט.

מיט גרויס פּאַראַד זיינען די צוויי ברידער געבראַכט געוואָרן צו דער תּליה.

פּלוצלונג איז געוואָרן אַ שרעקלעך גרויס געשריי פונם גאַנצן המון און מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו פאַלן טויט אויף דער ערד.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ געשריי? — האָט דער קיניג געפרעגט.

דער תּליון האָט אויף אַ ווײַלע געלאָזן די צוויי ברידער שטיין און ער איז אַרויפגעשטיגן אין דער הויך, זען די סיבה פון געשריי. באַלד האָט ער געמעלדעט דעם קיניג: „איך האָב געזען, ווי אַן אַלטער מאַן מיט אַ שאַרפן שווערד הרגעט פיל מענטשן. ער וויל צוגיין אַהער“.

דער קיניג האָט באַפוילן די זעלנער צו מאַכן אַ וועג פאַר דעם אַלטן מאַן, ער זאָל קענען צוגיין נענטער צום פּלאַץ.

דער אַלטער מאַן איז צוגעגאַנגען צום קיניג און האָט געזאָגט: — „האַר קיניג און האַר פויפסט! אַ פאַלשן בלבול האָבן זעקס מענטשן געמאַכט אויף די צוויי אומ־שולדיקע ברידער. איך וועל אייך ווייזן קלאָר, וועלכע מענטשן עס האָבן דאָס געטאָן די שרעקלעכע עוולה צו מאַכן אומגליקלעך ערלעכע לייט“.

און רעדנדיק האָט ער אַרויסגענומען אַ בילד. אויפן בילד זיינען געווען די זעקס מענטשן, יעדער מיט זיין נאָמען, ווי זיי גראָבן אויף אַ קבר און נעמען אַרויס אַ טויטן קריסט און טראָגן אים אַוועק צו די צוויי יידן אין זייער פּאַלאַץ אַריין און באַהאַלטן אים דאָרט אין קעלער. אַפילו דער טאָג און די שעה איז געווען אויפגעשריבן.

דער קיניג האָט באַלד געגעבן אַ ווונק צו דעם תּליון, ער זאָל פריי מאַכן די צוויי יידן. זיינע משרתים האָבן באַלד געפונען די זעקס מענטשן און געבראַכט זיי צום קיניג.

דער קיניג האָט זיי געוויזן דאָס בילד. זיי האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן און זיך מודה געווען.

— איר דאַרפט זיין די כּפּרה פאַר זיי. — האָט דער פויפסט געזאָגט — אייך דאַרף מען באַלד אויפהענגען.

— מיר בעטן אייך, האַר פויפסט — האָבן די צוויי יידן געזאָגט — איר זאָלט זיי לאָזן לעבן. פאַר אונדז איז גענוג די ישועה, וואָס מיר זיינען ניצול געוואָרן.

מיטן זעלביקן פּאַראַד, וואָס די צוויי יידן זיינען געבראַכט געוואָרן צו דער תּליה, האָט מען זיי געפירט אַהיים אין זייער פּאַלאַץ אַריין“.

ט.

ווי דער קאַרדינאַל האָט געענדיקט לייענען די מעשה אין ספר הזכרונות, האָט דער פויפסט געזאָגט: — איך דאַנק גאָט, וואָס ער האָט מיר געעפנט די אויגן צו זען, אַז אַלע בלבולים פון „עלילת דם“ זיינען פאַלש.

דער פויפסט האָט באַלד אויפגעשריבן זיין באַפעל אויף אַ פּאַפּיר און אַלע

שרים האָבן אונטערגעשריבן דעם באַפעל, אַז באַלד זאָל בטל ווערן די גזירה פון עלילת דם און די מענטשן, וואָס האָבן געמאַכט דעם בלבול, מיט אַלע פאַלשע עדות זאָלן שטרענג באַשטראָפט ווערן. דעם פּאַפּיר האָט ער איבערגעגעבן גבריאלן אין האַנט.

גבריאל איז מיט דעם באַפעל געקומען אַהיים.

ביי אַלע יידן איז געווען ששון ושמחה.

ר' גבריאל איז באַלד אַוועקגעפאָרן צום בעש"ט. דער בעש"ט האָט אים צוגע-נומען מיט גרויס שמחה.

איידער ר' גבריאל האָט דעם בעש"ט דערציילט פון זיין נסיעה, האָט דער בעש"ט געזאָגט צו אים: — "וואָס זאָגסטו, גבריאל? אַ שיינע מעשה האָב איך אויפגעמישט אין ספר הזכרונות".

גבריאל האָט זיך נישט ווייניק געוווּנדערט צו הערן פון בעש"ט, אַז ער ווייס די מעשה אינגאַנצן.

— "וועל איך האָבן שכר פאַר מיין נסיעה?" — האָט ר' גבריאל געפרעגט.

— "אַ גרויסן שכר — האָט דער בעש"ט געענטפערט — דיין נאָמען וועט בלייבן אויף אייביק צום אָנדענקען. אַלע יידן וועלן דיך רופן "דער מלאך גבריאל".

די צוויי זייגערס.

צוויי זייגערס זיינען געווען ביים בעש"ט אין שטוב. דערפילנדיק זיך שוואַך, האָט דער בעש"ט געזאָגט צו זיינע תּלמידים: — "אַז ביידע זייגערס וועלן זיך אָפּשטעלן, וועל איך מער ניט זיין צווישן אייך".

און אַזוי איז טאַקע געווען. די זייגערס זיינען שטיל געבליבן און מיט זיי — דאָס האַרץ פון דעם בעש"ט.

וואַריאַנט.

ביים בעש"ט אין שטוב איז געוועזן אַ זאַמד-זייגער. פאַרן טויט האָט דער בעש"ט געזאָגט צו זיינע תּלמידים: — "ווען דאָס לעצטע זעמדעלע פון איין כּלי וועט זיך אַריבערשיטן אין דער צווייטער, וועל איך אַריבערגיין פון איין וועלט אין דער אַנדע-רער", און אַזוי איז טאַקע געווען.

זיין יורש.

הרב הגאון החסיד ר' מיכל האָט געזאָגט: — "אַז איך האָב חתונה געמאַכט מיין זון ר' זאב וואָלף אין לונץ, האָט מען מיר געזאָגט מן השמים, איך זאָל גיין צום בעש"ט און זאָל אים אָננעמען פאַר אַ רבי; און מע האָט מיר געוויזן, וואָסערע קוואַלן חכמה עס גייען נאָכן בעש"ט. און אַז דער בעש"ט איז געשטאָרבן, האָט מען מיר געזאָגט פון הימל, אַז די חכמה איז היינט ביי רבי בער ממעזריטש גדול. איך זאָל אים אָננעמען פאַר אַ רבי".

נאָך זיין טויט.

I.

טויטערהייט פלעגט זיך דער בעש"ט ווי אַן אמת לעבעדיקער מענטש אויפפירן. ער פלעגט אָפטמאָל זיין הויז באַזוכן און מיט זיין פאַמיליע פאַרברענגען.

II

איינמאָל האָבן זיך זיינע תלמידים צונויפגעזאַמלט אַרומצורײדן אייניקע תורה־ענינים, וואָס זיי האָבן פון זיין מויל געהערט.

האָט זיך דאַן צו זיי דער בעש"ט באַוויזן און זיך אָנגערופן צו זיי: — „וואָס זאָרגט איר אַזוי וועגן מיין תורה? פאַרוואָס זאָרגט איר גאָרניט וועגן מיין יראת שמים?".

III

איינמאָל האָט איינער פון זיינע תלמידים געוואָלט פאָרן קיין איי. איז ער געגאַנגען אויפן בעש"טס קבר זיך שואל בעצה זיין מיטן בעש"ט. נאָכדעם איז ער צוריק פון פעלד מיט אַ גרויסער שמחה צו זיינע חברים געקומען.

ער האָט זיי דערציילט, אַז דער בעש"ט האָט אים געהייסן פאָרן.

האָבן אים דאַן זיינע חברים געפרעגט: — „ווי אַזוי האָט ער גערעדט צו דיר?"

האָט זיך דער תלמיד אָפגערופן: — „אָט פונקט ווי איך רייד מיט אייך".

דער בעש"ט און זיינע תלמידים.

דער בעש"ט האָט אַמאָל געזאָגט, אַז די נשמה זיינע האָט ניט געוואָלט אַראָפּגיין אויף דער וועלט צוליב די נחשים און שרפים, וואָס געפינען זיך אין יעדן דור.

ער האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט זיי חלילה ניט קענען ביישטיין, זיי זאָלן אים אויף אַזוי פיל צו חולשת הדעת ניט ברענגען, ביז די נשמה זיינע זאָל חלילה גאָר אינגאַנצן ניט בטל ווערן.

האָט מען אים געגעבן זעכציק גבורים, נשמות פון גרויסע צדיקים, זיי זאָלן אים היטן.

דעם בעש"טס תורה האָט קיינער נישט פאַרשריבן.

איינמאָל האָט איינער די תורה פונם בעש"ט אויפגעשריבן. האָט דאַן דער בעש"ט באַמערקט, ווי אַ שד גייט אַרום מיט אַ ספר אין האַנט. האָט ער צו אים זיך אָנגערופן: — „וואָס איז דאָס פאַר אַ ספר, מיט וועלכן דו טראָגסט זיך אַרום?"

האָט אים דער שד געענטפערט: — „דאָס איז דער ספר, וואָס דו האָסט מחבר געווען".

דער בעש"ט האָט פאַרשטאַנען, אַז עמיצער שרייבט זיינע תורות איבער.

האָט ער דאַן אַלע זיינע מענטשן צונויפגערופן און האָט זיי געפרעגט:

— „ווער פון אייך שרייבט עס מיינע תורות איבער?"

האָט זיך יענער מאַן אָנגערופן, אַז ער איז עס.

האָט זיך דער בעש"ט אָנגערופן: — „עס געפינט זיך דאָ ניט איין וואָרט אַפילו, וואָס איך זאָל געזוען זאָגן".

דער בעש"ט איז מוסר זיין סופר די סודות פון שרייבן.

אַמאָל האָט דער בעש"ט געהייסן זיין סופר ר' צבי אַוועקגיין אויסערן שטאָט אין וואַלד אַריין און זיך אַוועקשטעלן דאָרט צווישן גרויסע ביימער.

נאָכדעם איז צוגעגאַנגען דער בעש"ט און האָט זיך אָפּגערופן צו אים: —„קום, וועל איך דיר ווייזן די תפילין פונם רבש"ע. מיר באַדאַרפן אָבער אַ מקוה".

האָט ער געמאַכט אַן „עגול" און עס איז באַלד אַ מקוה געוואָרן.

נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך אין מקוה אָפּגעטובלט, האָט ער אים גרויסע סודות און כוונות מגלה געווען.

און פון דאַמאָלסט אָן פלעגט ר' צבי, בשעת ער האָט זיינע ספרים און תפילין געשריבן, פון איין עק וועלט ביז צום צווייטן זען.

דער בעש"ט פאַרשליסט די ווונדער-כתבים.

כל הפעולות והחכמות, וואָס דער בעש"ט האָט געטאָן, זיינען אַלץ געווען פון די כתבים, וואָס זיינען צו אים געקומען פון בע"ש ר' אָדם. אַמאָל איז ר' אָדם געקומען צום בעש"ט און צו אים אַזוי געזאָגט: —„געננג דיר האַלטן די הייליקע כתבים, דו ביסט זיי שוין קלאָר אויסווייניק. נעם און פאַרבאָרג זיי אין אַ שטיינערנעם באַרג, דאָרט וועלן זיי ליגן ביז משיח צדקנו וועט קומען".

דער בעש"ט איז אַוועק ווייט ווייט און איז געקומען צו אַ שטיין, וואָס איז געווען גרויס ווי אַ באַרג. דאָרט האָט ער אַרויסגערעדט אַ שם. דער שטיין האָט זיך צעשפּאָלטן אויף דער העלפט. דער בעש"ט האָט אַהין אַריינגעלייגט די כתבים און דער שטיין האָט זיך ווידער פאַרשלאָסן און די כתבים זיינען דאָרט געבליבן ליגן.

*

אַן אַלטער רב פון פּולנאי האָט געזאָגט, אַז ער ווייס, וווּ די כתבים ליגן, און קען זיי פון שטיין אַרויסנעמען, נאָר ער וויל ניט טאָן נגד דעם רצון פון בעש"ט. —„אַז ער האָט זיי פאַרשלאָסן, מסתמא דאַרפן זיי דאָרט ליגן".

דער זעלביקער רב האָט געזאָגט, אַז די הייליקע ספרים זיינען עטלעכע מאָל נתגלה געוואָרן אויף דער וועלט. צום ערשטן פאַר אָדם הראשון. דורך די כתבים האָט ער געזען מסוף עולם עד סופו; דער צווייטער איז געווען אברהם אבינו. דורך די כתבים האָט ער דערקאָנט די אחדות הבורא; דער דריטער איז געווען יוסף הצדיק; דורך די כתבים האָט ער געוווּסט פּותר צו זיין חלומות. דער פערטער איז געווען יהושע בן נון. דורך די כתבים האָט ער מלחמה געהאַלטן מיט פינף און פערציק מלכים, אַחוץ די איין און דרייסיק מלכים פון ארץ-ישראל. און הגם אַ מכשפה האָט אים פאַרשלאָסן אין אַ כשוף-פעסטונג און אַרום אים זיינען געווען זיבן אייזערנע מויערן, איז ער דאָך לסוף דורך די כתבים נצול געוואָרן פון דאָרט. דער פינפטער איז געווען שלמה המלך. דורך די כתבים האָט ער פאַרשטאַנען צו ריידן מיט אַלע באַשעפעניש, וואָס געפינען זיך אויף דער גאַנצער וועלט. דער זעקסטער איז געווען ר' אָדם, דער זיבעטער—דער בעש"ט, דער אַכטער וועט זיין משיח צדקנו.

אינהאַלט:

זייט

1. דאָס געבורט פון בעש"ט (ערשטע לעגענדע) 7
** 2. " " (צווייטע לעגענדע) 8
3. דעם בעש"טס קינדעריאָרן. — — — 10
4. דער בעל שם ר' אָדם גיט איבער ר' ישראל בעש"ט די סודות התורה. — — „
אַן ענלעכע מעשה ווערט אויך דערציילט וועגן „גור אריה".
5. ר' אָדמס זון דערקענט דעם בעש"ט. — 12
6. דער בעש"ט ברענגט אַראָפּ דעם שר של תורה 13
7. די פאַרבאָרגענע תנאים. — — — 14
8. דער בעש"ט פאַרט אַרויס אין די בערג. — 15
9. דער בעש"ט און די גזלנים. — — — „
10. דער בעש"ט און דער פּראָש. — — — 16
11. דער בעש"ט — אַן אַנטרייבער. — — 17
12. די מעשה מיטן „זוהר". — — — 18
13. דער בעש"ט לייגט ניט קיין תּפילין און קושט ניט די מזוזה. — „
14. דער בעש"ט בעט אויף רעגן. — — 19
* 15. דער בעש"ט און דער טאַטער. — — 20
* 16. דער בעש"ט און דער גרויסער רעשע. — „
* 17. דער בעש"ט און די פרומע חיה. — 21
18. דער בעש"ט טרייבט אַרויס אַ דיבוק. — 23
19. דער בעש"ט פאַרטרייבט שדים. — — „
** 20. ערב התגלות הבעש"ט. — — — 24
21. די ערשטע פּעולה שלמה. — — — 25
22. דער בעש"ט און דער קאָלאָמעער רב. — „
חאָר. ביי ש. זעצער.
23. התגלות הבעש"ט — (ערשטע לעגענדע) — 26
24. „ (צווייטע לעגענדע) — 28
25. אַ גאַנצער המון אַנפאַלער אַנטלויפט פון בעש"ט. — ש. אַנסקי („יידישע פאָלקס־שאַפונג"). גענויער זע נומער 157. 30
26. דער פּריץ — דער מכשף — — — „
וואַריאַנט אין יהלמס (מזחס) אַ ביכל „די הייליקע מלחמה", ווי אויך אינם בוך פון י. זאַנגוויל. „בעל שם טוב"
27. דער בעש"ט ראַטעוועט זיך פון סכנה. 33
* 28. דער בלבול אויף יידן. — — — „
29. די לעצטע קו. — — — — 35
30 צעריסן דעם שטר חוב. — — — 38
31. דער בריוו צו די פרנסים. — — — 39
32. פון דער קבורה צו דער חופּה. — — 41
וואַריאַנט ביי ישראל זאַנגוויל.
33. דער טאָג פון בר־מצוה. — — — 43

זייט

34. די צוויי הונדערט גילדן נדן. — — 45
35. אויסגעפירט זיינע ווונטשן און געגאַסן פון זיין ברכה. — — 46
36. דער בעש"ט דערוויסט אַ גנבה. — — 49
37. די גנבה. — — — — 50
* 38. אויסגעדונגען אַ קרעטשמע — פאַרקירצט פון מזחס אַ ביכל „פאַרבאָרגענער צדיק". 51
39. אַ פּריץ ציטערט פאַרן בעש"ט. — — 53
40. דער בעש"ט ברענגט אַריין אין גן־עדן. „
פּרגל. מיט 108
41. דער בעש"ט איז פּותר חלום. — — 54
** 42. זיך באַרימט מיט עשירות. — — — 55
** 43. דער בעש"ט — אַ יודע עתידות. — — 56
44. יודע עתידות. — — — — „
45. דער בעש"ט אַלס דאָקטאָר. — — 57
46. דער בעש"ט וויל ניט היילן. — — „
47. דער בעש"ט הייסט לאָזן בלוט. — — 58
* 48. דער בעש"ט ראַטעוועט אַ חולה מסוכן. — „
49. דער בעש"ט און דער קראַנקער צדיק. — 59
50. דער בעש"ט ראַטעוועט אַ קינד פון טויט — „
** 51. מחיה מתים געווען אַ קינד. — — 60
** 52. פון טויט לעבעדיק געמאַכט. — — 61
53. דער בעש"ט פאַרטרייבט דעם מלאך המות „
54. דער בעש"ט לייענט אַראָפּ דעם צייכן פון טויט. — — „
55. „ (וואַריאַנט) — 62
56. חכמת הפּרצוף. — — — — „
57. דער בעש"ט לייענט אַראָפּ פון פּנים אַ צייכן פון אַן עבירה. — — „
וואָר. ביי ש. זעצער I באַנד, ז. 140.
58. „ (וואַריאַנט) — 63
59. דער בעש"ט פאַרשילט באַלעט. „גר. ביימ." „
60. די פאַרמשפּטע שטאָט. — — — 64
61. דאָ וועט ליגן ר' דוד. — — — „
62. דער בעש"ט זעט ליכטיקייט אויף אַ אשה. 65
* 63. דער בעש"ט און די פּושקע טאַבאַק. — 66
64. דער בעש"ט איז אַ רואה ואינו נראה. 67
65. דער בעש"ט זיצט אין מעזשיבוזש און זעט, וואָס ס'טוט זיך אין זלאָטשאָוו. — „
66. אין ארץ־ישראל און אין חוץ לארץ — 68
* 67 דעם בעש"טס סדור. — — — „
68. מחשבה זרה. — — — — 69
* 69. דאָס שרעקלעכע בילד. — — — 70
70. די שמורות. — — — — 71
* 71. די סעודה מפסקת. — — — „

זייט

** 72. דער בעש״ט שלאָגט ארויס א קוואל מיטן שטעקן. — 72
73. דער בעש״ט אין דער מדבר. — — ״
** 74. דער בעש״ט גייט אריבער דעם דניעסטער ״
75. דער בעש״ט גייט ראטעווען די יידן פון א גירוש. — 73
** 76. דער בעש״ט רופט ארויס דעם ס״מ — 74
* 77. דער בעש״ט און דער הויקער — — ״
78. א ברכה אויף קינדער. — — — ״
79. דער בעש״ט פועלט וועגן א בן־זכר. — ״
80. דעם בעש״טס טאָכטער האָדל. — — 75
** 81. עשירות צוליב צדקה. — — — — 76
** 82. זיין צדקה. — — — — — — ״
83. דער בעש״ט פאָרט איבערן לאַנד. — ״
** 84. זיין עסן און טרי. קען. — — — — 77
** 85. דאָס באַנעמען זיך מיט מענטשן — — — ״
86. די שכינה רוט אויף אים. (א.) — — ״
87. ״ (ב) — — 78
** 88. זיין תפילה. — — — — — — ״
89. מנחה אין וועג. — — — — — ״
90. דער כוח פון בעש״טס תורה. — — ״
91. דער בעש״ט און דער הייליקער זוהר. — 79
92. „שקר הסוס״.. — — — — — ״
93. אריכות אין דאַוונען. — — — 80
** 94. דער בעש״ט פאַרלאָזט דעם עמוד אינמיטן דאַוונען. — 81
95. דער „בעל־התולדות״ טייטשט דעם בעש״טס תורה. — ״
** 96. איבעריקע סגופים. — — — — ״
97. יום־כיפור אין פעלד. — — — 82
98. יום־כיפור צו מוסף. — — — — — — ״
99. צו „כל נדרי״ — — — — — 84
100. געראַטעוועט פון עלילת דם.—ש.אנסקי.— 85
101. דער בעש״ט ראַטעוועט א יידישע טאָכ־טער פון טויט.—י. זאַנגוויל (פון דעם בוך ״דער בעל שם טוב״) — 86
102. געקראַגן אן אתרוג.—ש. אנסקי. — 87
103. קראַנקע זיינען געהיילט געוואָרן.— י. זאַנגוויל. — — ״
104. „ער וועט מיך געדענקען״—ש. אנסקי. ״
* 105. אן עצה אין א שרפה. — — — — ״
* 106. ״ין נסך. — — — — — 88
107. דער פאַרלאָרענער בן־יחיד. — — — ״
** 108. א גרוס פון יענער וועלט. — — — 89
** 109. דער בעש״ט און ר׳ יצחק דרהביטשער (א) 90
** 110. ״ (ב) ״
111. ״ (ג) 91
112. דער פשט פון תוספות. — — ״

זייט

** 113. א גדול הדור ווערט דעם בעש״טס א חסיד. 91
** 114. ר׳ ישראל חריף ״ 92
** 115. דער בעל התולדות ״ 93
116. דער בעש״ט איז מקיר א מופלג בתורה. ״
117. דעם בעש״טס קעגנער ווערט אים אונטערטעניק. — — 94
** 118. ווי אזוי ר׳ דוד פירקעס איז געוואָרן דעם בעש״טס א חסיד. — 95
119. דער בעשט באשטראָפט פאר אפּאלשן פלפול. 96
120. דער בעש״ט ראטעוועט זיינעם א מתנגד. 97
121. די בענקשאַפט נאָכן בעש״ט. — — 98
** 122. דער בעש״ט און ר׳ מאיר מרגלית. ש. ז. ״
** 123. דער מגיד ר׳ בער ווערט דעם בעש״טס א חסיד (א) — 99
** 124. ״ (ב) 100
125. געטאָן פאַרקערט, ווי דער בעש״ט האָט געזאָגט. — — 101
126. ר׳ יחיאל קאָוולער ווערט דעם בעש״טס א חסיד. — ״
127. דער בעש״ט און דער קריוויטשער. — 102
128. דער פולנער רב ווערט דעם בעש״טס א חסיד. — ״
** 129. דער בעש״ט שליסט שלום מיטן מהר״ן (ר׳ נחמן קאָסאָווער) — 103
** 130. געוואָלט ארייַנלייגן דעם בעש״ט אין חרם 104
131. בטחון. — וואריאַנט ביי מזהן — — ״
132. דער גלגול פון א מענטשן. — — 106
** 133. ואלה המשפטים ... — — — 108
134. דער גלגול פון מזל. — — — 109
135. דעם בעש״טס צער. — — — 113
136. פאַרוואָס דער בעש״ט האָט געלאַכט? — 114
137. דער בעש״ט שיקט ר׳ דודן גלות אַפריכטן 117
138. דער זינדיקער שוחט. — — — 120
139. דער בעל־תשובה. — — — — 122
140. דער בעש״ט איז מנצח די כוחות פון שבתי צבי. — 125
** 141. דער בעש״ט וויל באַקעמפן יעקב פראַנק 126
** 142. דער בעש״ט וויל די גאולה ברענגען. 127
** 143. דעם בעש״טס נשמה שיר אין הימל ניט פאַרבליבן. — 128
144. ר׳ ישראל בעש״טס כוח.—פאַרשריבן ג. גלאַטמעסער ״איל. וואָך״ — 130
145. דער בעש״ט און אליהו הנביא. — — 133
146. דער בעש״ט פאַררויכערט זיין לולקע. 134
* 147. דער בית המדרש איז פול מיט תורה. — 135
148. מצות אויף פסח. — — ״

וואר. ביי ש. זעצער 1 ב. ז. 76.